STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01916

# IN FAYER UN BLUT

K. Ch. Hajszryk

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# אין פייער און בלוט

ק. ח. הײשריק

# אין פײַער און בלוט

## מעמוארן פון דער וועלט־מלחמה

44483 10
COP. 3

צווייטע אויסגעבעסערטע
און פארגרעסערטע אויפלאגע

פארלאג „קאָלעקטיוו", ווארשע 1930

געזעצט ביי א קאזארנאָווסקי, נאַלעווקי 49

געדרוקט ביי מ. פימענט, שעראַקאָווסקא 4

w Ogniu i Krwi—K. Ch. Hajszryk

Wydawnictwo „Kolektiw"
Warszawa 1930

Drukarnia M. Piment
Warszawa, Sierakowka 4

מיין אומפארגעסלעכע מוטער
שרה גיטל ע״ה — געווידמעט

דער מחבר

איבערדרוקן און איבערזעצן
אָן ערלויבניש
פון מחבר, נישט דערלויבט

44483 10 COP. 3

# א פאַר ווערטער

דער עכאָ פון די מלחמה־יאָרן מיט זייער ירושה, וואָס זיי האָבן אונדז מענטשן איבערגעלאָזן, וועט נאָך לאַנג שרעקן אונדזער אויער.

עס האָבן שוין געשריבן און עס וועלן נאָך שרייבן זייערע מעמוארן די עקס־קסרים, פּרינצן, מיניסטאָרן און דיפּלאָמאַטן, גענעראַלן און דאָקטוי־רים, און אפילו פּשוטע זעלנער, וועמען דאָס רויטע ליכט פון דער וועלט־שריפה האָט אַזוי פיינלעך געלויכטן אין פּנים...

יעדער איינער, וואָס האָט נאָר געהאַט עפּעס אַ שייכות צו דער בלוט־באָד, וואָלט וועלן פאַר־צייכענען און פאַרנאָטירן זיינע איבערלעבונגען.

דאָס איז אַ גאַנץ נאַטירלעכע זאַך.

און אָט קומט צו אייך אַ געוויינטלעכער מענטש, וועלכער וויל זיך טיילן מיט אייך מיטן צער פון אַ מענטשלעכן שיקזאַל אין דער וועלט־מלחמה;

מיט זיינע איינדרוקן, מיט די אַלע משונהדיקע פּחדים, וואָס די עטלעכע איבערגעלאָפענע יאָרן האָבן איבער- געלאָזט אין זיין נשמה.

דער מחבר פון דעמדאָזיקן בוך איז מער גאָרנישט אויסן. ער האָט אַ באַשיידענע אויפגאַבע: ער ווילט אייך ווייזן אַ מענטשן, וועלכן דאָס מזל האָט אריינ- געוואָרפן אָן רחמנות אין די הייסע רוישיקע כוואַליעס פון מענטשלעכן בלוט... און אויב דאָס איז אים געלונגען — האַלט ער זיין אויפגאַבע פאַר ערפילט.

44483 10

# אינם שטעטל טורעק

אין די נײַנציקער יאָרן פֿון פֿאָריקן יאָר־הונדערט בין איך אַרײַנגעפֿאַלן אין דער גרויסער שטאָט, נאָכדעם ווי מײַנע קינדער־יאָרן זענען דורכגעפֿלויגן ווי אַ חלום אינם קליינעם שטעטל טורעק, וואָס איז געלעגן נישט ווײַט פֿון דער דײַטשער פֿאַר־מלחמהדיקע גרענעץ.

אינם שטעטל דאָרט, האָט זיך געפֿונען אַ געמישטע, פּוילישע, דײַטשע און ייִדישע באַפֿעלקערונג. די געגנט איז אַ גאָטגעבענטשטע. די פּריצים און פּויערים האָבן תּמיד געהאַט פֿולגעפּאַקטע שײַערן מיט תּבֿואות. די אַרומיקע סעדער האָבן אָנגעפֿילט די לופֿט מיט די שטאַרקע מונטערע ריחות פֿון צײַטיקע פּרוכטן. די דײַטשע אײַנוווינער, אָדער ווי מען האָט זיי גערופֿן „די יופּען" — ס'רובֿ תּושבֿים פֿון אײגענער ערד, פֿון דורותלאַנג אָן אײַנגעוואַנדערטע פֿון דײַטשלאַנד, אָפּהיטנדיק דאָ זייערע רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע אייגנטימלעכקייטן. — האָבן זיך באַשעפֿטיקט מיט שפּינערײַ־אַרבעט און וועבערײַען. אויף „וועבשטולן" צונויפֿגעקלאַפּטע פֿון ברעטער האָט מען אויסגעאַרבעט שירצנצייג, בעטצייג א.ז.וו. וואָס די ייִדן אין שטעטל האָבן אויפֿגעקויפֿט און באַזאָרגט אויף גרויסע שווערע פֿורן קיין לאָדזש, אינם צענטער פֿון פֿאַרשידענע מאַנופֿאַקטור־לאַגערס און עקספּאָרט־קאַנטאָרן.

אין דער טונקלקייט פֿון די פֿרימאָרגן־שעהן לאָזן זיך אַרויס די אַרומיקע פּויערים אויף לייטער־וועגעלעך אין אַ אײַנפֿערדיקן געשפּאַן איבער פֿאַרשידענע וועגן און שטעגן פֿון דערפֿער און גוטבאַזיצער־הויפֿן און קומען זיך אַלע צונויף אויפֿן ברייטן טראַקט, וואָס פֿירט צום מאַרק. עס לאָזן זיך הערן פֿרײַלעכע קלעפּ פֿון

האמערס פון די שמידערייען און עס שיטן זיך פאַרן פנים די ברענענדיקע פונקן־שפּריצן, וואָס פליען פון די שמיד־אייזנס אָפּער און פון אונטערן בלאָז־זאַק מויל.

עס צעקייקלט זיך איבער די הייזלעך דאָס טראָמפּייטערן פונם האלב־פאַרשלאָפענעם פאָטשטאַלאָן און דאָס הילכיקע געראַ־דעריי פון דער פערד־פאָטשט, וואָס זאָגט אָן דאָס אַריינקומען פון פרישע געסט אינם שטעטל. יידן אין לאַנגע צייגענע כאַלאַט־לעך מיט פאַרדרייטע קאַשקעטלעך און פאַרפלאַמטע צעהיצטע פּנימער שטעלן אָפּ יעדעס וועגעלע. מען קוקט, מען נישטערט, מען האַנדלט אײן אייער, פּוטער, עופות, און איבערהויפּט תּבואות — נישט באַמערקנדיק, ווי מ׳שפּרייזט דערווייל אַלץ ווייטער־ווייטער פונם הויכן הילצערנעם קרייץ מיט די באַהאָנ־גענע הייליקע בילדער, וואָס שטייט אַ שפּאַר ביסל אונטערן בריקל און געהער שוין צו גאָר אַן אַנדער געמיינדע...

די איינוווינער האָבן זיך געלעבט נישקשה. די דריי־נאַציאָ־נאַליטעטן־באַפעלקערונג האָט געהאַט שלום־בית. מען איז געווען כמעט ווי צונויפגעוואַקסן איינער מיטן צווייטן און געלעבט אין קעגנזייטיקע אָנערקענונג. דאָס פּוילישע פּרימיטיוו־נאַיווע שטרענג רעליגיעזע פּויערטום, די פּריצים, וואָס זענען ס׳רוב באַשטאַ־נען פון קולטורעלע מענטשן, דייטשן, האַנדווערקער — אַרבעט־זאַמע, טיכטיקע, שפּאָרעוודיקע, און יידן אַלס האַנדלס־און פאַר־מיטלונגס־עלעמענט — האָבן געזען אַרום זיך נאָר שפע. דעריבער האָט מען זיך רויק פאַרטראָגן אונטער דער שווערער לאַסט פון דער רוסישער אויבערהערשאַפט.

דאָס ביסל אָרעמע־לייט אין קהלה איז בטל בשישים גע־וואָרן אַנטקעגן דעם רוב בעלי־בתּים, וואָס האָבן צום רבונו־של־עולם קיין תּביעות נישט געהאַט, ווען נאָר מען איז געווען באַ־שאָנקען מיט געזונט און עלטער. — פּרנסה איז געווען בריווח. זאַט האָט מען זיך געלייגט און רויק אויפגעשטאַנען.

דאָס לעבן האָט זיך דאָ געוועבט רויק און אידיליש, מ׳האָט נאָר באַדויערט דעם שווערן יידישן מצב אין אַנדערע מקומות פון קליין־פּוילן, ווו יידן ליידן, — ליידן אָן אַ שיעור.

און אַז עס איז געקומען דער פרייטאָג־פאַרנאַכט, האָט דער שמש, — אַן אַלטיטשקער מיט אַ לאַנגער גרויער באָרד און פאַראייטערטע רויטע אויגן, — מיט דריי קלעפּ פון הילצערנעם האַמער אין יעדער יידישער טיר, דערמאָנט אַלעמען זיך צוצוגרייטן מקבל פנים צו זיין די הייליקע פרינצעסין שבת־מלכתא. די געוועלבער ווערן געשלאָסן, פאַרהעמערט אויף שלאָס און ריגל, אין אַלע שטובן הערשט אַ טיפע שלווה־שטימונג און אַלע יידישע הערצער נעמט־אַרום אַ הייליקע מנוחה.

און — שטרענג איז אַלץ אָפּגעהיט געוואָרן ביים פאָטער אין שטוב! מען איז געגאַנגען צו חסידים שמועסן וועגן חסידות, הערן מעשיות וועגן רבין און אין יום־טוב איז מען אַוועק זיך משמח זיין מיט וויין און ביר צום פאַטריאַרך פון שטעטל ר׳ יעקב מ—ס. ער איז געזעסן ביי זיך אין אויסגעמעבלירטן זאַל אויבן־אָן אין זיין אויסגעבעטן פאָטער־שטול, ביים קלאָר־געדעקטן טיש, אַ פאַרטיפטער אין זיך מיט זיין שייגער שניי־ווייסער באָרד און געקנייטשטן הויכן שטערן, פאַרטראַכט, די אויגן האַלב צוגעמאַכט, האָט ער דערציילט די תורות פון „אים” זאַל לעבן, וואָס האָט אַלעמען ווי איין מענטשן פאַרכאַפּט און צוגעצויגן.

און מיט אַ קלאַפּ אינם טיש: — „נו!... גיט אַ הער! אַ פעסט, שטאַרק ביסל משקה” — האָט מען זיך משמח געווען מיט טענץ און רקידימלעך פאַרפלאָכטן אין אַ ראָד, פּאַטשנדיק אינאיינעם מיט די הענט, הייבנדיק די פיס צום טאַקט מיט געזאַנג, גרויס התלהבות און ברען די הייליק־חסידישע מאַרשן ביז אין ווייסן טאָג אַריין...

גלייכצייטיק האָט זיך געלאָזט באַמערקן ביי סתם יידן, ווי דער יום־טוב גייט ביי זיי דורך — קאַלט, מען זיצט פאַר די טירן אויף די נידעריקע שמאָלע בענקלעך און מען גענעצט פון לאַנגווייליקייט, און זייער גאַנץ פאַרגעניגן איז, וואָס די קינדער שטיפן און וויוועןן אַרום... מען טרייבט רכילות וועגן יענעמס עסקים, מען מאַכט פלאָטקעס. די בכבודיקערע קוקן אַריין אין אַ משניות אָדער אַ מדרש רבה, מיט אַ רויק ליבלעך געמיט.

ביי די חסידים להיפך, ווערט כמעט ווי נישט געלערנט,

נאָר מען דערציילט זיך מעשיות וועגן בעל שם-טוב, וועגן רבין ר׳ מענדעלע מקאָצק און „שפת־אמת“, פון די רביימס עלטער־זיידעס אָן, ביז צו די איצטיקע גדולי הזמן.

אויסגעניכטערט זיך נאָך יום־טוב איז מען ווידער יעדער פארטון אין זיינע עסקים; א חוץ, ווען עס איז אויסגעקומען זיך צו פארפלאָנטערן אין א מחלוקה וועגן א רב, שוחט, אָדער חזן,—האָט זיך דאָס לעבן געצויגן שטיל און זאָרגלאָז.

די קינדער זענען געגאַנגען אין די עלטערנס דרכים פון פרומקייט און אָפּגעהיטנקייט. די זין האָבן געלערנט אין בית־המדרש אָדער אין ישיבה, די טעכטער — אין די אַלגעמיינע רעגירונגס־שולן. אויסער צו א פולן לאַנגווייליקן ראָמאַן, האָבן זיי פאַר קיין זאַך נישט געהאַט קיין אינטערעס. די שטאָלצערע, אייגנגערעדטע צווישן זיי, האָבן מיט חשק געלעזן די דייטשע קלאַסיקער, געטען, שילערן, — און נייגעריק און צופרידן האָט מען געשפּאַנט איבערן טראָטואַר פאַרן הויז און געטראַכט וועגן דעם „ליבלינג“, דעם טרוימערישן פּאָעט היינריך היינע...

די מאַסע פשוטע יידן, שניידער, היטלמאַכער און אנדערע בעלי מלאכות, האָבן געהאַרכזאַם זיך אונטערגעוואָרפן די באַפעלן פון די חסידים, וואָס זענען געווען כמו די אינטעליגענץ פון שטעטל. דידאָזיקע בעלי מלאכות וואָס האָבן א גאַנצע וואָך שווער געאַרבעט זענען פונדעסטוועגן געווען די ערשטע צו תהילים אין בית־המדרש. אינמיטן נאַכט לאָזט מען איבער די וואַרעמקייט אין שטוב, און מען לאָזט זיך אַהין צו עבודת־הבורא.

און זייערע קינדער, די לערן-ייִנגלעך און געזעלן פלעגן מיט אייפערזיכטיקע פאַרגאַפטע בליקן קוקן אויף די בחורים, וואָס זענען געזעסן אַרום די באַזעצטע טישן און געלערנט אויפן קול מיט די שיינע ניגונים ביי די אָפענע גמרות דעם „וואַכנטלעכן שיעור“. —

און פאַרשעמטע מיט א געפיל פון געפאַלנקייט, האָט מען דאָס בית־המדרש פאַרלאָזט. און שבת נאָכן נאָכמיטאָג־שלאָף, האָט מען זיך צונויפגעטראָפן אויף די גרינע לאָנקעס אונטערן וועלדל, און ווי פאַרלוירענע מענטשן, גערעדט וועגן קאָלאָמבוסעס־מדינה..

אַמעריקע, באַקלערנדיק גוט אויף וואָס פאַר אַן אופן צו פאַרלאָזן די היים, אַליין נישט וויסנדיק צוליב וואָס, — נאָר בלויז צוליב דעם, וואָס אויך דאָ אַהער האָבן זיך אַריינגעריסן פאַרשידענע לעגענדאַרישע מעשיות פונם לעבן אינם לאַנד פון גלייכהייט, ווו פראָסטע מענטשן קאָנען דערגרייכן די גרעסטע גליקן, און נישט זיין גרינגעשעצט פון קיינעם.

אינם מיטן גרויסן פירקאַנטיקן ליידיקן מאַרק. שטייט אַן איבערגעקופּערטער הויכער סלופּ מיט דריי נאַפט־לאַמטערנעס אויפן שפּיץ, אַרומגערינגלט מיט שיינע איינשטאָקיקע געמויערטע הייזער ווו ביי יעדן טויער בליען פאַרפלאַנצטע גרין באַוואקסענע אַלטע ביימער מיט פיין אַרומגעשוירענע צווייגן. — דאָ געפינט זיך דער מאַגיסטראַט מיטן פירקאַנטיקן טורעם, ווו דער שטאָט־זייגער האָט יאָר איין יאָר אויס געקלונגען קאַלט און גלייכגילטיק צו די חדר־יינגלעך, וואָס פלעגן מיט פאַרטועטע מבולבלע מוחלעך פון לערנען גמרא און שווערע רש״י־טייטשן, אָפּוואַרטן זיינע ניין הילכיקע קלינגען. יעדער קלינג האָט זיך שאַרף און דייטלעך איינגעקריצט אין זכרון, און ווי דערשראָקענע פאַר רוחות־רעות, האָט מען זיך אַהיימגעלאָזן איינגעטולעט איינער אינם צווייטן איבערן ווייסן שניי אָדער אין פראָסט ביינאַכט.

אויף אַ ברייטער באַנק, אַקעגן אויסגעבליטן הימל, זיצן עטלעכע באַלעבאַטישע חקרנים און רייכערן געמיטלעך די גוטע ווייטשמעקנדיקע אויסלענדישע ציגאַרן. זייערע מלבושים זענען צעעפנט און עס זעען זיך אַרויס די נאָכהענגענדיקע קייטן פון די באַהאַלטענע זייגערס — מעשה־משכיל. זיי זענען עס טאַקע יענע אין שטאָט וואָס לייענען סאָקאָלאָווס „משבת לשבת” און „הצפירה”. זיי זיצן און וואַרפן בליקן ווייט אַרום זיך, ווי שיין די ווייסע וואָלקנס זילבערן זיך פון ווייטן, און די זון ברענט ליבלעך אין די פּנימער.

יעדער איז ליידיק־גייעריש געשטימט, און ווען עס ווילט זיך וועמען פון די דוכגייער עפּעס וואָס אויספרעגן, צ.ב.ש. וואָס ס׳הערט זיך אויפן מזרח?... צי שמעקט מיט פולווער?...

אָבער מער ווי אַ שמעק טון איז קיינעם נישט געלונגען,

גלייך האָט ער דערפילט דעם הייסן דורכגליענדיקן שטאָלצן ביטול־דיקן בליק:

„דאָ איז נישט דיין אָרט!"...

און ווי אין אַ רויק וואַסער, וואָס גיט אין אַ צענדליק יאָר סטיכיש זיך אַ טראָג פאַנאַנדער און פאַרפּליצט די ברעגעס, — אַזוי איז אויך דאָס לעבן דאָ געגאַנגען מיט נאָרמאַלע טריט ביז אַ צייט.

דערנאָך האָט דאָס שטיקל ברויט אין שטוב גענומען פעלן, ווייל דאָס שטיקל מזל איז אַוועק. דער פאָטער איז געווען אַ „שפּיליטער", וואָס פלעגט זיך לאָזן וואָך פאַר וואָך קיין וואַרשע אייננצוקויפן פאַר די שטעטלדיקע קרעמער פאַרשידענע באַשטעלטע סחורות. האָט טיילמאָל געטראָפן, אַז אָן זיין שולד האָט ער איבערגעצאָלט אָדער זיך אָפּגענאַרט אין דער קוואַליטעט סחורה, און הגם ער האָט אין זיין ערלעכקייט, די עוולה שטענדיק גענומען אויף זיין חשבון, זענען דאָך אַלע געבליבן אומצופרידן מיט אים און ענדלעך האָט ער געמוזט פאַרלאָזן זיין רויק ווינקל און זוכן ערגעץ אַנדערש ווו זיין חיונה.

* * *

אַריינקומענדיק אין דער גרויסער רוישנדיקער וואַרשע, זייענדיק בטבע אַ רויק געלאַסן קינד, ווייל געלערנט אין גמרא און מפורשים — נאַיוו און קינדיש, האָב איך ווייטער ממשך געווען מיינע יידישע למודים.

ס'רוב אָבער, אַרומגעגאַנגען אַ פאַרטראַכטער, פאַנטאַזירט וועגן פאַרשידענע אומגלויבלעכע דערוואַרטונגען, אָן אַ גרענעץ פרום, געדאַוונט מיט דער גרעסטער התמדה. — שווער איז געווען דאַן צו געפינען נאָך אַזאַ דערוואַקסן יינגל מיט אַזאַ ערנסט ווי איך. אָפט צוגעגאַנגען אין בית־מדרש צום פרוכת, געעפנט דאָס ארון־הקודש, ווען קיינער האָט נישט באַמערקט אַריינגעוויינט אין די ספרי־תורות, אופן ביטערן מזל, וואָס מיינע עלטערן ליידן, וואָס האָבן געליטן, ווי מיר האָט זיך געדאַכטן מער פון אַלע

אַרומיקע יידן. — אַלעמענס דחקות האָט זיך מיר אויסגעוויזן ווי גאַרנישט אַקעגן אונדזער דחקות אינדערהיים, ווו די אָרעמקייט איז געווען אין לשער.

דער פאָטער פלעגט קומען פון גאַס מיט פולע קעשענעס האָפענונגען. — אָט, אָט, ווערט דאָס געשעפט געשלאָסן; דער פּריץ, דער יידישער וואַלד סוחר, דער פּראָצענטניק דאַרף נאָר געבן זיין הסכמה אין מעקלעריי, וועט זיין געלט — אַלע חובות צו דעקן!...

דער „מלאך” אַליין, — אַזוי האָט מען גערופן דעם „גייער”, וואָס האָט אַרומגעטראָגן ברויט. אַ מיטל-וואוקסיקער ייד מיט אַ ברייטער געלער באָרד און אַ צעשויבערטן קאָפּ האָר, אונטערן קליינעם נידעריקן רונדן היטעלע. סיי זומער, סיי ווינטער, אין אַ דין כאַלאַטל און צעריסענע, צעדרייטע שיך. שעמעוודיקע גרויסע וויין-אויגן, וואָס באַהאַלטן זיך ציטערנדיק, ביי דער מינדסטער קלייניקייט אונטער די ברעמען. דער רוקן קרים געבויגן פונם תמידיקן טראָגן דעם זאַק שיטקאָווע ברויט. — ער האָט יעדן טאָג אָן עפּן געטון די טיר און גלייך פאַרשוווּנדן געוואָרן, עפּעס ווי אַ גנב, וואָס ווערט פּלוצלינג נעלם פאַר אַ מענטשלעך אויג און איבערגעלאָזט עטלעכע ברויטלעך אין פינצטערן קאָרידאָר, און אין אַ צייט אַרום, ווי אַ שולדיקער פאַרן פּראָקוראָר, שטיין געבליבן מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן ביי דער טיר און אַ פרעג געטון גוטמוטיק:

— עפּעס געלט וואָלט זיך געוואונטשן...

אַז מען האָט אים געפרעגט: וויפיל? האָט ער שטאַמלענדיק עפּעס אַ מורמל געטון, ווי ער וואָלט זיך אַליין נישט געטרויט, וואָס ער האָט צו זאָגן. צום סוף האָט ער צוגענומען עטלעכע גילדן און גיך אַנטלאָפן, ווי ער וואָלט חלילה אַ פאַרברעך באַגאַנגען מיטן אויפמאָנען דעם חוב...

און פון פאָטערס געשעפטן האָט זיך תמיד אויסגעלאָזן אַ בוידעם. און געלעבט האָט ער מיט בטחון, מיט געדולד, גאָט וועט העלפן! געהאַלטן זיך ביי זיין לעבנס-כלל: איזהו עשיר — השמח בחלקו. דערביי האָט ער שטענדיק דערציילט מעשיות וועגן עשירים, וואָס ליידן כלערליי בייזע פּרעגיותן צוליבן האַנדל, אָדער

מחמת קראַנקהייטן, וואָס קומען פונם תענוג עולם-הזה, — אַז אונ-דזער אייגן ביטער לעבן האָט אַ פּנים געהאַט קעגן דעם ווי אַ גן-עדן ממש...

צענדליקער יאָרן זענען דורך, און תּמיד אַלץ דאָס אייגענע שווינדלען, דרייען. דאָס האָט דער פאָטער בשום אופן נישט גע-קאָנט, און צוליב דעם האָט מען געלעבט אין דחקות, אין נויט, אין אומענטשלעכע יסורים. — נאָר ווער האָט זיך געקענט גלייכן צו אים? — אַ ייד, אַ חסיד אַ טיש-זיצער ביים רבין, אַ בקי אינם „שפת אמת" אַ טיפער מאמין, דאָס אַלץ צוזאַמען, איז דען נאָך ווייניק געווען זיך צו פילן צופרידן?

# די יוגנט

געקומען זענען די יאָרן 1905—7, די צייט פון שטורם און דראַנג פון דער רוסישער רעוואָלוציע, וואָס האָט אויך פאַרכאַפּט פוילן.

איך האָב נאָך געלערנט דעמאָלט אין די „שטיבלעך״.

אין אַ הויף פונם באַלעבאַטסטן האַנדלס-געגנט, ווו דער רעש פון מסחר און סתם האַווענישׁ, האָט די לופט פאַרהילכט. אין גרויסע פוסטע חדרים, ווו די ווענט אַרום ביזן סופיט זענען באַדעקט מיט פּאָליצעס פון צונויפגעקלאַפּטע ברעטער, וועלכע זענען באַלייגט מיט אָנגעטורעמטע ש״ס׳ן און פוסקים, אַרום לאַנגע טינט-פאַרפלעקטע, ברודיקע טישן, צעלעכערטע און צעשניצטע פון ליידיקע הענט, קלייבן זיך צונויף יונגע בחורים אין כאַלאַטלעך ביז איבער די טריט פון די פיס, אַרומגעגאַרטלט מיט זיידענע גאַרטלען, סאַמעטענע קאַפּעלעך אונטער די יידישע רונדע שוואַרץ-טוכענע היטעלעך. קרייזלענדיק די פּאהלעך מיט משונהדיקע תנועות און הועיות.

און בעת פעסט-געמויערטע פאַרהיטונגס-פעסטונגען, ווערן צום סוף באַזיגט פון שונא, דורכגעבראָכן און פאַרנומען, איז דאָ — להיפך... אַלע טירן און פענצטער אָפן, און דאָך „חצוניות״. די „השכלה״, האָט קיין שליטה נישט געהאַט...

די גאַס האָט געשטורעמט פון באַמבעס און עקספּלאָזיעס. און דאָ, אינם גייסטיקן ווינקל פון תורה, אינערלעך, כאָטש אומבאַוווסטזיניק, האָט זיך פעסט געהאַלטן, ווי אַ טיף-פאַרחתמעטער סטעמפּל, די איינגעוואָרצלטע אייביקע גלויבנס-ירושה, זיך נישט פון אָרט צו רירן, דאָ צו זיצן איינגעדאַרטע פאַרחושכטע, און מען מאַכט

זיך קינדעריש, אונטער דעם פאַפּירענעם פּאַרהאַנג, וואָס איז גע־דיכטער און פעסטער פון אייזן.

צו יענער צייט בין איך „נתחמץ" געוואָרן. אָנגעהויבן צו לייענען יידיש־העברעיִשע צייטונגען, ביכער און זשורנאַלן. איך האָב זיך גענומען אינטערעסירן מיט דער מאָדערנער יידישקייט, מיטן נאַציאָנאַליזם.

דער ערשטער איבערברוך אין מיינע רעליגיעזע איבערצייגונגען איז געקומען. — ער איז געווען דער שווערסטער און ביטערסטער אין מיין לעבן, און נאָך אַ חדשים־לאַנגן, אינער־לעכן „ויתרוצצו", האָט עס אַ פּלאַץ געטון.

איך האָב זיך אַ וואָרף געטון מיט אַ אימפּעט, ווי אַ אויס־געהונגערטער צום עסן, געכאַפּט זיך צו השכלה־קענטעניש — דער נאַציאָנאַליזם האָט מיר פאַרביטן די רעליגיע.

* *
*

אַרויסגעגאַנגען פון בית־המדרש און איבערגעלאָזט הינטער זיך, צוגעמאַכט, די דיקע ש"ס גמרות, האָב איך מיר געטראַכט

נו, אַ סוף! מער וועל איך זיך נישט צוריקקערן צו דעם. באַפרייט זיך ענדלעך פונם לאַסט פון די גדרים, דאַרף מען ווערן אַ פרייער מענטש אינגאַנצן.

אין לאַנגזאַם, אָפּגעווייַנט זיך מיט דער צייט פון אַלע יידי־שע־רעליגיעזע מנהגים. און שטיין געבליבן ווי אַ „תועה בדרכי החיים" מיטן פראַגע צייכן:

וואָס ווייטער?!

געווען איז עס אַ שבת־צונאַכטס. דער ציוניזם האָט צו דער צייט נישט געהאַט נאָך קיין השפּעה אויף דער גאַס. די „חובבי־ציון" זענען באַשטאַנען פון אַ הייפל געוועזענע ישיבה־בחורים און העברעיִשע לערער. דער פּאָליטישער ציוניזם — הערצלס יידנשטאַט — האָט נאָך נישט געהאַט קיין מנין מענטשן, וועלכע זאָלן פאַרשטיין די טרוימערישע פאַנטאַזיע צו פאַרוואַנדלען אין אַ רעאַלן פאַקט. עס זענען בלויז געווען בעלי־בתים־ציוניסטן, וואָס האָבן זיך אַלס כלל־טוער פאַרנומען מיט אַגיטאַציע

און אָפּטמאָל איינגעאָרדנט פאַרזאַמלונגען מיט ציוניסטישע רעדנער, מיט וועלכע, ליטע האָט פון צייט צו צייט באַזאָרגט וואַרשע.

דעמאָלט בין איך דאָס ערשטע מאָל אַריינגעקומען אויף אַ פאַרזאַמלונג פון ציוניסטן. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז די אויגן האָבן זיך מיר ברייט געעפנט.

איך גיי ווערן אַ מענטש, אַ נייער ייד און וועל מער נישט זיין פאַרהויקערט, איינגעבויגן און פאַרבטלט, ווי אונדזערע עלטערן אין געטאָ!

און בעת דער פאָרזיצנדער האָט ערקלערט די פאַרזאַמלונג פאַר געשלאָסן, האָב איך זיך דערפילט עפּעס, ווי מען רייסט מיר איבער פון אַ זיסן חלום, וואָס איך וואָלט וועלן עס זאָל אייביק דויערן...

מיט דער צייט האָב איך זיך צוגעוויינט צו דידאָזיקע פאַר־זאַמלונגען און צו אַלעם, וואָס עס איז באַהאַנדלט געוואָרן אויף זיי, באַקומען אַ ידיעה אין אַלץ און געוואָרן שפּעטער אַ קעמפנ־דער פאַרטיי־מיטגליד און אַ באַהאַוונטער אין אַלע ענינים.—דער ציוניזם האָט מיך צוגעבונדן צו זיך אויף תמיד.

אין אַ קליינער צאָל זענען מיר דעמאָלט געווען. מיר די פּיאָנערן, די בילוועצעס פון דער צווייטער אויפלאַגע. די צייט, איז געווען גראָד אַ מאָמענט פון אַלגעמיינעם גייסטיקן שטילשטאַנד ביי דער יידישער יוגנט. אַחוץ עטלעכע צענדליק ערנסט געשטימטע, וועלכע האָבן זיך פאַראייניקט אַרום דער דעמאָלטיקער לעגאַלי־זירטער ליטעראַרישער געזעלשאַפט.

דאַן איז נאָך געווען דער פרילינג, די ערשטע בליונג פונם מאָדערנעם נאַציאָנאַליזם. י. ל. פרץ האָט געדיכטעט און קיינער האָט אים נישט פאַרשטאַנען. די יוגנט האָט געחלומט וועגן עפּעס פּאָעטיש, נישט וועגן רעאַליטעט, נאָר וועגן אומבאַוווסטס, פון וואָס עס וועבט זיך אויס אַ דיכטער נשמה, — און אין געאייל פון דורשט נאָך ליכט און קענטעניש, האָט זיך געשאַפן דער איבערברוך און צווייספּאַלט פון שפּראַך און ראָמאַנטיזם, — ווו אויך איך בין געוואָרן מיטגעריסן.

די אָהער דערגרייכטע איכה־ידיעות פון ווייטן רוסלאַנד וועגן

דער לאַנגע פאַרפּליצונג, פון פּאָגראָמען און די מאַסן עמיגראַציע וואָס האָט זיך געווענדט קיין אַמעריקע און קיין גאַלווערסטאָן, האָט דאָ ביים זאַטן און פון פראָסט גוט פאַרהיטענעם מענטשן, נישט באַוויגן קיין רחמנות געפיל. ווי דער הויך אויפן שויב פון פענסטער, האָט עס אויסערלעך ווי געטון באַרירן יעדן, באמת אָבער האָט מען זיך גלייכגילטיק צוגעהערט צום וויטן ברודערישן יאָמער, און נישט געפרווט מיט וואָס עס איז צו לינדערן אביסל... — די אַרבעטער זענען געווען קוים אָרגאַניזירט אין קליינע קרייזלעך, ס׳רוב אומבאַוווסטזיניק און איבערגעשראָקן פון קאָזאַקישן באַטעק אָדער נאַגייקע, און דערביי אָנגערופן פון באַלעבאַטישן עולם אונטערן שענדלעכן צונאָמען „שטרייקער״. זיי האָבן קיין גרויסע ראָל נישט געקאָנט שפּילן.

רויק, קאַלט, האָט מען אויפגענומען די ידיעה וועגן די הרוגים פון די אומשולדיקע. ווי פאַרבייגייענדיקע געשעענישן, וואָס וועלן סוף-כל-סוף אַריבער, האָט מען עס דערפאַר צעקייט, איבער מעלה-גירהט און אַראָפּגעשלונגען.

און מיר, די חלוצים, זענען געבליבן פאַראיינזאַמט, פאַרהאַסט און דערווייטערט פון אַלעמען, אָבער נאָך פעסטער איבערצייגט אינם אויסגעהאַלטענעם פּרינציפּ פון אחד-העם, צו זיגן מיטן גייסט. —און אייבציקווייז, זענען ס׳רוב פון אונדז נאָך אַ שטאַרקן קאַמף מיט די אייגענע עלטערן, קרובים, אַוועק קיין ארץ-ישראל.

* *

*

די ערשטע פּאָר חדשים האָט מען זיך נישט אָפּגעגעבן קיין גענויען חשבון-הנפש. מען האָט זיך געפילט גוט: דער אויסערלעכער אויסזען האָט זיך באמת אַ סך פאַראַנדערשט, כּמו פאַרשענערט אַפילו. אויסגעוואַשן און אָפּגעפּוצט איז מען געגאַנגען אויף שפּאַציר אין גאַס און זיך געקלערט:

שאַדט נישט, מיט דער צייט וועט מען ענדלעך בלייבן צופרידן מיט זיך אַלס אַכצניאָריקער בחור. — אַז מען לעבט, דערלעבט מען! פון אַן אָפּגעלאָזענעם בטלן וועט סוף-כל-סוף ווערן אַ נוצלעכער מענטש.

און מיט אַ געמאַכטן שטאָלץ האָט מען דערהויבן דעם קאָפּ, מעשה העלד, געוואָרפן אַ ביטלדיקן בליק אויף די דורכגייער, קאַפּאָטע-יידן, וואָס זענען לויט אונדזער דעמאָלטיקן באַגריף נישט געקומען נאָך צום שכל.

און ביי דער שטילער און שוואַכער פּאַראינטערעסירונג פון דער ברייטער יידישער מאַסע פון יענער צייט צום ציוניזם, בין איך דעמאָלט געווען פון די ערשטע שוואַלבן, וועלכע האָבן זיך בלב ובנפש אַריינגעטון אין דער ארץ-ישראל-אידעע. יעדן שבת און טיילמאָל אויך אינמיטן וואָך, האָט מען זיך צונויפגעקליבן אויף פאַרזאַמלונגען, ווו עס זענען געפירט געוואָרן די העפטיקע דיסקוסיעס וועגן ציון און גלות. און מיט מיין גאַנצער נאַיוויטעט און ערנסטקייט, האָב איך מיך צעפלאַמט פאַרן ציון-אידעאַל. אין גערדאַכט האָט זיך מיר, אַז קיין בעסערס און שענערס איז אין לעבן פאַר מיר נישטאָ, ווי נאָר דעם אידעאַל פאַרווירקלעכן: קיין ארץ-ישראל אָפּצופאָרן אַלס חלוץ, דאָרט אַ לאַנד-אַרבעטער ווערן און מיט די אייגענע הענט העלפן שאַפן די יידישע היים.

עפּעס האָב איך נישט געקאָנט באַנעמען, ווי אַזוי קאָן מען זיך רופן ציוניסט און נישט תיכף פאַרלאָזן דעם גלות, מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן. — און מיטן התלהבות און איבערגעגעבנעם פייער פון מיין נשמה, האָב איך מיך צוגעגרייט מיין אידעאַל דורכצופירן.

און בעת איך בין געווען אַ משרת ערגעץ אין אַ געשעפט, האָב איך קיין זאַך איז זין נישט געהאַט, נישט געזוכט עפּעס פּראַקטישעס אויסצולערנען, דעם געשעפט און זיך אַליין נוצן צו ברענגען, נאָר כסדר געטראַכט אויף וואָס פאַרא אופן צו פאַר-ווירקלעכן דעם חלום.

און ווען אפילו איך האָב באַמערקט, אַז אַלע אַנדערע, אויך פון צווישן די חלוצים, זענען ווייט פון צו זיין איבערגעגעבן דעם ציון-אידעאַל, אַזוי ערנסט און הארציק ווי איך, האָב איך דאָס פון זייער זייט נישט געהאַלטן פאַר קיין עולה און מיך אַליין געוואַרעמט אין די גאָלדענע צוקונפטס-שטראַלן, וואָס איך האָב

מיר אויסגעמאָלט לויט דעם שאַפונגס־שטאָף פון מיינע אייגענע פאַנטאַזיעס.

* *
*

מיין משפחה האָט געליטן צוליב מיר יסורים, נאָכגעקוקט ווי איך זאָרג פאַרן כלל־ישראל, און פאַר זיך אַליין גאָרנישט; ווי איך שפּאַציר ארום גאַנצע אָוונטס מיט באַקאַנטע ציוניסטן, שמועס מיט זיי שעהנווייז וועגן פאַרשידענע עניינים. און מ׳האָט אויף מיר ווי אויף מיינע ברידער און שוועסטער, וואָס האָבן זיך קיין סך נישט אונטערשיידט פון מיר—אַ מאַך געטון מיט דער האַנד, מיט יאוש און פטור...

מיין יינגערער ברודער, אַ יינג מיט אַ הייסן טעמפּעראַמענט, אַ הויכער ברונעט מיט אַ גרויסן, געדיכטן, שוואַרצן קאָפּ האָר און טיף־ברענענדיקע שוואַרצע אויגן, האָט אין דער צייט פון אונדזער פאַמיליען־וואַנדערונג זיך אויסגעלערנט אַ פאַך־אַרבעט, פאַרפולקומט זיך אין בילדונג, און אַריינגעטראָטן דעמאָלט אין אַ יידישער אַר־בעטער־פּאַרטיי. פאַרכאַפּט פונם אַלגעמיינעם אינטערנאַציאָנאַלן אַר־בעטער פאַרבאַנד, איז ער גרייט געווען אויסצוליייזן דעם וועלט־פּראָלעטאַריאַט פון אימפּעריאַליסטישן יאָך, ווען אויך ער זאָל אפילו דאַרפן פאַר דעם זיך מקריב זיין.

דער פאָטער, זעענדיק וואָס אין זיין שטוב טוט זיך אָפּ, האָט זיך די האָר פון קאָפּ געריסן און מיט כל הכוחות געפּרוווט אונטערדריקן די „מרידה" אַקעגן אים און זיין הייליקע ירושה־טראַ־דיציע...

ער, דער הויכער, דער ברייט־ביייניקער, פעסט־געבויטער מענטש, מיטן שוואַרץ־סעמיטישן פּנים, מיט אַ שוואַרצע, לאַנגע באָרד, געבוירן און אויפגעצויגן אין אַ דאָרף ביי אַ יידישן גוט־באַזיצער, וווּ ער האָט באַקומען אַ שטרענג, רעליגיעזע דערציונג, און נאָכהער געלערנט ביי גדולי־הרבנים פון פּוילן, — הגם ער איז געוואָרן אויף דער עלטער אַ יורד, האָט ער נישט פאַרלוירן זיין גגידישן אויסזען, און נישט זיין חריפותדיקן קאָפּ, וועלכן

ער האָט שטענדיק געהאַלטן גלייך. ער איז געבליבן מיט זיין אייגנאַרטיקן פאַרשטיין מענטשן און דאָס לעבן.

ער האָט אַ קלאַפּ געטון אויפן טיש און געשריגן:

— בחוזק יד אמלך עליכם!

מיט אַ פעסטע האַנט וועל איך איבער אייך רעגירן!

— איך הייס אַזוי! — און גענוג!

ער האָט נישט געפילט, אַז דאָס אייז ברעכט זיך אונטער אים.

די קינדער האָבן זייער יניקה געצויגן פון דער מוטער און געהאַט פיל פון אירע אייגנשאַפטן. זי איז געווען אַ קליינע, ני־דעריק געוויקסיקע פרוי, מיט בלאָנדע האָר, געטאָקט נעזל און שיינע העלע אויגן. אַלס אַ טאָכטער פון אַ רב, אַ צדיק־הדור, איז זי דערפאַר געווען אַ שטרענג־פרומע פרוי, אַ נאַיווע מיטליידנדיקע כשרע נשמה, האָט דורכגעלעבט אַלע יסורים פון אירע יונגע קינדער, תמיד גרייט זיי אויסצוהערן, פאַרשטיין, און איינצוזאַפּן אין זיך זייערע ספקות און ראַנגלענישן און פון טיפן האַרצן באַ־דויערן. איר וואַרעם האַרץ האָט זי אַזוי צעטיילט, דאָס ביי יעדן קינד איז פאַרפלאַנצט געבליבן אַ שטיק פון איר פילנדיק האַרץ גוטסקייט.

זי איז אינגאַנצן געווען אונטערן טאַטנס איינפלוס. איטלעכס וואָרט זיינס, איז געווען פאַר איר הייליק. יעדער אַרויסגעזאָגטער פאַרלאַנג,—ווי אַ געבאָט פון הימל. זי האָט געגלויבט באמונה שלימה אין די מעשיות מיטן מוסר־השכל, אַז נאָר דער „רבי" און אַלע, וואָס גלייבן אין אים זענען די אמתע יידן, און די אַנדערע: ציוניסטן וכדומה, זענען פאַרפירטע, אַראָפּגעשליידערטע פון גלייכן וועג, וועלכע זענען גורם מיט זייערע ביכלעך און אויפקלערונגען צו דעם חורבן-העולם...

די קינדער האָבן זיך מיט אימפעט אַ לאָז געטון צו די פאַרשידענע השכלה־ביכלעך, צו די פאַרזאַמלונגען, געוואָלט לער־נען און שטודירן. קיין „צוריק" האָט שוין נישט געקאָנט זיין. שלום מאַכן מיט דער אַלטער וועלט פון גלויבן און אַבערגלויבן האָט זיך נישט געלאָזט, הגם דאָרט איז אויך נישט אַלץ געווען

ווי מ'האָט זיך פֿאַרגעשטעלט. און די „מיאוסקייטן" פֿון דער וועלט, האָבן אָפּט שטאַרק אָפּגעשטויסן. אַן אינערלעכע אומבאַפֿרידיקונג האָט גענאָגט און געעגבערט, און אויפֿגעקאָכט דאָס נאָך פֿרישע יינג-ריינע בלוט פֿאַר די אומגערעכטיקייטן, וואָס די יונגע מוחלעך האָבן צוגעזען און בשום אופֿן נישט געקאָנט עס משיג זיין.

אין אַזעלכע ספֿקותדיקע מינוטן איז ער, דער פֿאָטער, געשטאַנען קאַלט און געשמייכלט, מיט אַן אינערלעכן טיפֿן קוק אין אונדזערע הערצער און נשמות, — און דאָך נישט געקאָנט תּופֿס זיין — וועה? וואָס?...

די נישט לאַנג אַרומקריכנדיקע קינדערלעך, כּמעט קרוליקעס זאָלן האָבן אַ זעלבסטשטענדיקע השגה?!...

און אַריינגיין אין אַ קאָמפּראָמיס מיט די קינדער, האָט ער ביי זיך נישט געפּועלט, אפֿילו אין דער מינדסטער קליייניקייט נאָכצוגעבן, דעריבער האָט זיך דייטלעך באַמערקט, אַז צו דער גייסטיקער פֿאַנאַנדערשפּאַלטונג וועט שוין קיינמאָל קיין סוף נישט נעמען, ווייל ס'האָט געקעמפּט אַן „אַלטער אמת" אַנטקעגן אַ „נייעם אמת", וועלכנס אָנפֿאַנג, איז געווען פֿריש און קרעפֿטיק און דערפֿאַר נישט דורכבערעכנבאַר...

## די קאַטאַסטראָפע אין דער פאַמיליע

מיינס אַ ברודער איז מיט דער צייט געקומען אין דער גרעסטער פאַרצווייפלונג. צווישן די חברים נישט געפונען קיין פּאַסיקן צו זיך, צוליב זיין ערנסט, איז ער פאַרבליבן איינזאַם. ער האָט זיך באַקאַנט מיט אַ מיידל, צו וועלכער ער איז געווען איבערגעגעבן מיט לייב און לעבן.

האָט מיט איר פּאַסירט אַזוינס, וואָס טרעפט אָפט אין די גרויסע שטעט, — פאַרפירט געוואָרן דורך שלעכטע חברים און אויף אַ טראַגישן אופן געענדיקט איר לעבן...

נאָך אַ הייסן טאָג אין אָנהויב זומער, די זון האַלט ביים פאַרגיין, זי באַקומט אַ צענפאַכיק גרעסער און שענער אויסזען ווי ביי טאָג. די ביימער, גראָזן דערהאַלטן פון איר שוין די לעצטע געזעגנונגס שטראַלן.

יונגע בחורים און מיידלעך שפּאַצירן אַרום ביי דער באַן-סטאַציע אונטער הילכיקע שטאַרקע געלעכטערס.

פאַרלאָזן די גרויסע שטאָט וואַרשע מיט איר שטאַרקן טאַראַראַם, פאַרלאָזן די לימודים אין שולע, פריי, זאָרגלאָז, מונטער, פילט מען זיך היינט דאָ אויף דאַטשע ווייט פון שטאָט. ס'הערט זיך דער גערויש פון אַן אָנקומענדער באַן.

ס'קומט אָן דער „קוריער" וואָס גייט נאָך אויסלאַנד. ווי אַ שטורם-ווינט יאָגט ער אַריבער די קליינע סטאַציע און שלעפּט מיט זיך מיט צעריסענע טיילן פון אַ יינגער 18 יעריקער פרויען-נשמה, וועלכע האָט זיך פרייוויליק געוואָרפן אונטער אירע טיי-וולאָנישע רעדער, נישט קאָנענדיק איבערהאַלטן די שאנדע וואָס יונגע מאַנסלייט זענען איבער איר באַגאַנגען...

און ער, מיין ברודער, האָט דערויף רעאַגירט מיטן נאָכטון איר טאַט, ער איז אויך באַלד פּרייוויליק אַוועק פון דער וועלט, ער איז אַוועק מיט אַ ריינעם געוויסן. גייסטיק האָט ער לאַנג געליטן, געזוכט, געפאָרשט אָן אויפהער דעם מקור פון ריינעם אמת, און ביי דעם אַלעם געווען קינדיש נאַיוו; געוואָלט האָט ער ביי די מענטשן אויסגעפונען מענטשלעכס און געשטאָרבן איז ער איינזאַם.

מיט דער איבערצייגונג, אַז עס איז נישט פאַראַן און עס וועט נישט זיין און עס קאָן נישט זיין קיין אמת, — האָט ער מיט זיין אייגענעם ווילן אַ סוף געמאַכט צו זיין עלנט „דאָזיין" און אַוועק בדרך כל הארץ. קיין געדולד נישט געהאַט אין זיין פילנדיק האַרץ. זיין איידל געוויסן האָט זיך נישט געלאָזט דער־נידעריקן, דערשטיקן גלייך מיט אַלעמען...

ער האָט נישט געקאָנט פאַרבייגן זיין „איך", וועלכער איז געווען צו קריסטאַל־ריין, צו שטאָלץ...

פאַר אים איז געווען קלאָר, אַז אַזוי בלייבט עס שוין אויף תמיד, — און בלייבן איינזאַם איז אים געווען נישט מעגלעך, — און ער האָט זיינס דורכגעפירט. — — —

איינמאָל, בעת די מוטער איז אָפּגעפאָרן, האָט ער אין דער לעצטער נאַכט פון זיין לעבן אָנגעשריבן און איבערגעלאָזט אַ בריוו, פון וועלכן איך ברענג דאָ אַ פּאָר פראַגמענטן:

אַז איך בין אַרויס פון „עולם־התוהו", האָט זיך באַלד פאַר מיר אַ נייע וועלט געעפנט, עפּעס ווי נייגעבוירן האָב איך זיך געפילט.

אַריינגעטרעטן אין דער געזעלשאַפט „י. ס. א. פ." האָב איך זיך שנעל אַנטוויקלט, און ווען נישט דער טרויעריקער ביטערער „שיקזאַל", דאַן וואָלט איך מיט דער צייט פיל־פיל דערגרייכט.

און ס'וואָלט גאָרנישט געווען קיין וווּנדער: אַ געזעל־שאַפט מיט לעבנס־צילן און ריכטיקע אמתע שטרעבונגען, מוז אַ פיל גרעסערע ווירקונג האָבן אויף דער אַנטוויקלונג, ווי אַ סך איינצעלנע פריינד און צענדליקער ביכער.

געזונט, נאָרמאַל, פיזיש און גייסטיק אַנטוויקלט, האָב איך אָנגעהויבן מיין וועג און וואָלט דורכגעטראָגן אויף אים דעם שווערן יאָך פון לעבן...

נאָר — — נאָר — —

איצט גייט אַ טרויערדיק, פיינלעך-ווייטאָקדיק קאַפּיטל, — אַ קאַפּיטל געשריבן מיט בלוט און גאַל.

...צי קאָן ווער, נישט האָבנדיק קיין אמת ריין איידל געפיל, מיטפילן יענעמס טראַגיש ליידנדיק האַרץ?!...

אויף קיין פאַל נישט! —

יאָ, ליידער — ליידער, איך באַדויער עס און באַדויער עס נישט...

זאָל זיין ווי עס איז געווען און געשען, איך זאָג: נישט נאָר „פאַרשטאַנד", אַנטוויקלונג וכדומה — נאָר „געפיל" און „ליבע". און — ווייטער גאָרנישט...

עטלעכע פריינט האָב איך אַנטפּלעקט דאָס געהיימניס, וואָס מיך דריקט און דערשטיקט... נו, יאָ — פּונקט קאַ-פּויער — יאָ, איך באַדויער עס, וואָס איך האָב עס זיי גע-זאָגט, — ווייל איך האָב געדאַרפט אַכטונג געבן קיינער זאָל פון דעם נישט געוואָר ווערן...

און — איך באַדויער נישט, — ווייל צוליב דעם האָב איך זיך געלערנט דערקענען דעם כאַראַקטער פון הייַנטיקן מענטשן.

— אַ ליבעס-דראַמע — האָט מען מיר געענטפערט — איז עס, און עס איז אויך נישט קיין געשעעניש פון געזעל-שאַפטלעכער באַדייטונג. דאָן הייסט עס, מעג איך זיך אָנטון אַ מעשה, אפילו זיי אין די אויגן — ווייל... ס'איז דאָך נישט מער ווי אַ „פּריוואַטע-זאַך"...

איך פרעג, וואָס פאַרמאָגן אין זיך אָט די געזעלשאַפט-לעכע טוערס?... אַ האַס, אַ פייערדיקער צאָרן ברענט און קאָכט אין מיר, אויף אייך; מיט אייער פאַלשקייט, מיט אייער ני-דעריק אויסגעלאַסן געלעכטערל אונטער אייערע באַגריפן פון הימליש-שטראַלנדיקע אידעען!

איך האָב געפונען מיין אידעאַל, מיין נשמה, מיין „איך“ — איז געקומען אַ טייוולאָניש פינסטערער כוח, די געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג, די טרויערדיקע ווירקלעכקייט און אַוועקגערויבט מיר אַלץ... אַלץ... מיין לעבן, מיין אידעאַל... מיין „איך“... אַלץ איז פאַר מיר אָפּגעשטאָרבן, מיטן רויך פאַרשוווּנדן... נישט נאָר אַ ליבע מיט אַ מיידל, — און שוין! — ניין! דאָס העכסטע, דעם העכסטן שענסטן, ריינסטן געטלעכסטן אידעאַל האָב איך געפונען אין איר נשמה, אַן אומאויפהערלעכער קוואַל, וואָס שעפּט זיך קיינמאָל נישט אויס, איז איר פילנדיק ליבנדיק האַרץ געווען פאַר אַלע שמאַכטנדיק־עלנטע, פאַרשטויסענע פון לעבן, פאַרלאָזענע מענטשן...

צום סוף האָט מען איר האַרץ, איר נשמה אָפּגעטויט און ווער? די, וועלכע רופן זיך אָן מענטשן, און באַזיצן בילדונג...

ביי טאָג איז ער געווען אין גאַס און שפּעט נאָכמיטאָג, אין דער דערמערונג, איז ער אַהיימגעקומען אין שטוב אַריין. די שוועסטער האָט אים דערלאַנגט צום טיש, און איז אַרויס פון שטוב אויף אַ ווײַלע. אין אַ האַלבע שעה אַרום, איז זי צוריקגעקומען, צוגעגאַנגען ביז דער שוועל און אָנגעקלאַפּט אין דער טיר. ביי דער שוועסטער האָבן זיך די האָר געשטעלט פון שרעק, ווי זי וואָלט עפּעס געהאַט אַן אומבאַשטימט פאָרגעפיל...

און —

אַז זי האָט אויפגעריסן די טיר, איז דעם ברודערס טויטער קערפּער געלעגן, נאָך אַ וואַרעמער. אויפן טיש איז נאָך דאָס מיטאָג געשטאַנען נישט גערירט, און אויף אַ פּאַפּיר נאָך נישט אויסגעטרוקנט פונם פרישן טינט, איז געשטאַנען אָנגעשריבן אָט די עטלעכע צײַלן:

ליבע שוועסטער! דאַן, ווען דו וועסט די צײַלן לעזן, וועסטו שוין וויסן דעם סוף פון מיין שווייגן. — יאָ, ליבע שוועסטער! אַזוי האָט עס געמוזט זיין, הגם דיר האָט זיך געדאַכט, אַז אַלץ איז שוין אין אָרדענונג, האָסטו לײַדער, צום באַדויערן, אַ גרויסן טעות געהאַט. איך האָב מיר קיין שטעל

נישט געזוכט. כ'האָב געוואַרט אויף אַ „נס", און ווען דער נס איז נישט געקומען — דאַן האָב איך געוואַרט נאָר אויף אַ גינסטיקן מאָמענט.

און דער מאָמענט האָט זיך דערנענטערט,—די ליבע מוּטער איז אָפּגעפאָרן. איך ווייס, אַז פון מיין זייט איז נישט שיין, וואָס איך שרייב נישט עפּעס צו מיינע עלטערן, נאָר, ווי איך גלייב, וועסטו מיך פאַרשטיין, אַז אַנדערש האָב איך נישט געקאָנט טון, — ווייל צופיל וואָלט מיר אויסגעקומען צו שרייבן, מחמת צו ווייניק קאָנען מיר זיך...

אַלזאָ, זיי מיר מוחל פאַר אַלץ און באַזונדער פאַרן שווייגן,—איך בין העכסט צופרידן, און וועל זיין נאָך צופרידענער ווען מען מאַכט נישט מער קיין ליאַרם...

יאָ, נישט מעגלעך אַנדערש, זייט געזונט און לעבט גליקלעך און צופרידן, טרויערט נישט! וויינט נישט!

האָפט און גלויבט!...

אַדיע! אַלע מיינע מיטגעליבטע, אַלע; ליבע טרייע מוּטער,—אַדיע! ליבער, האָכגעשעצטער פאָטער,—אַדיע; שוועסטער און ברידער, לעבט וואויל און זייט גליקלעך!

אייער אייביק-טרייער זון און ברודער.

* * *

נאָכן ברודערס טויט איז געקומען אַ גאַנצע ענדערונג אין אונדזער הויז. איך האָב געמוזט פאַרלאָזן די גרויסע שטאָט. אָפּפאָרן קיין ארץ ישראל נאָך דער איבערגעלעבטער קאַטאַסטראָפע, איז געווען נישט מעגלעך. און איך בין אַוועק אין אַ גרעסערער פּראָווינץ-שטאָט. — ווידער אָפּגעגעבן זיך דעם ציוניזם, ווי עס וואָלט גאָרנישט פּאַסירט. ווי דאָס וואָלט זיין ביי מיר אַן איינגעבוירענע נאַטירלעכע זאַך, אַזוי פעסט איז ביי מיר איינגעבאַקן געווען די אידעע.

און איידער איך האָב זיך אַרומגעזען, נאָכדעם, ווי איך בין אין שטעטל אין „פּריסוסטוויע" געשטאַנען, ווערנדיק פון אַ דאָק-

טאָר געני באַטראַכט, האָב איך דערהערט הויך אויפן קול דעם
רוסישן „גאָדין״ דאָס הייסט: איך טויג צו די זעלנער.
דערנאָך, ווער איך אַריינגעשטופּט אין אַ גרויסן זאַל, ווו
ס׳האָבן זיך געפונען אַ הונדערט יונגע מענטשן, צוגענומענע אַלס
זעלנער, וועלכע האָבן געוואַרט אויף אַ שבועה צו זיין טריי דעם
קייזער און פאָטערלאַנד.
האָב איך פון איצט טאַקע דערפילט, אַז איך בין געוואָרן
אַ מענטש מיט בירגערלעכע פליכטן. עס האָט גאָרנישט געהאָלפן.
מ׳האָט געמוזט גיין „צו די זעלנער״.
ס׳איז געווען שווער משיג צו זיין: איך, דער שוואַכער, נישט
אַנטוויקלטער יידישער בחור, מוז גיין אין איין ריי מיט „זיי״.
זיי, — געזונטע, רויטע, הויכגעוואַקסענע יינגען מיט געזונטן
רויען שכל.
אָבער פאַרפאַלן, אַזוי מוז עס זיין.
מען ציט אַרויף אויף די פיס די גרויסע טיפע שטיוול, אויף
די פלייצעס — דעם שווערן פעלץ און „וילך״ — געגאַנגען,
ווו מען וועט הייסן.
מיין פיזישע שוואַכקייט איז נאָך געווען צו דערליידן; שווערער
אַ סך האָט מיר אויסגעוויזן מיין גייסטיקע שוואַכקייט. ערשט גע־
פּרוווט שטעלן די ערשטע טריט, צו באַקענען די וועלט און די
מענטשן, אינם קאָפּ פּלאָנטערט זיך מיר נאָך עפּעס אַ קנויל, —
איך קאָן זיך נישט רעכט אָריענטירן אין אַלץ, וואָס די צייט האָט
מיר געוויזן און געלערנט... אָבער סוף־כל־סוף, בין איך געקומען
צו זיך — עס שאַדט נישט. קיין פאַרפאַלענער. וועל איך שוין
נישט ווערן. מיט השכלה האָב איך זיך דאָך באַקענט, קיין פרום
אָפּגעהיטענער ייד, בין איך נישט און עסן טריפה על־פּי נויט, איז
סיי־ווי קיין עבירה נישט, צוזאַמען זיין מיט מענטשן, וועל איך
קאָנען, — מ׳וועט זען, מ׳איז דאָך נישט איינער אויף דער וועלט. —
אַזוי האָב איך געפּרוווט זיך טרייסטן, הגם עס איז אין דעם גע־
ווען מער אָנשטעל, ווי אמתע טרייסט.
און נישט אָריענטירנדיק זיך, וואָס מיט מיר קאָן זיך מאַכן,

האָב איך דאָס אָנקומענדיקע אָפּגעוואָרט מיט אינטערעס און נייגעריקייט.

טעג זענען דורך און לאַנגזאַם האָב איך זיך געטון צוגע־וווינען צו דער נייער סביבה, צו די מענטשן, וואָס האָבן זיך גע־פונען מיט מיר צוזאַמען אין תפיסה, אין דער שטעטלדיקער „קאָ־זע", וווּ מ'האָט אונדז יידישע רעקרוטן געהאַלטן. געזעסן זענען מיר ביז צען יידן, אַלץ פון דאָרף געבוירענע און דערפאַר ווייניק ערצויגענע.

אַ חוץ מיר, אַ גרויסשטעטישער, האָט זיך דאָ געפונען אויך איין ייד פון לאָדז, אַ וועבער־אַרבעטער. זייענדיק פון דאָ אַ גע־בוירענער, איז ער דאָ אויך געוואָרן צוגענומען.

מ'האָט אָבער צו אונדז אויך אַריינגעבראַכט פוילישע רעק־רוטן. יענע, וועלכע מ'האָט נישט געטאָרט לאָזן אויף דער פריי, צוליב זייער דרייסטקייט צו טון וואָס ס'האָט זיך נאָר זיי פאַרגלוסט.

מ'האָט זיך געטון אָנשפּיגלען אין אונדזער רעכטלעכע לאַגע אונטער די רוסישע הערשאַפט. מיר רעקרוטן אַלס געבוירענע יידן, שטייענדיק אויף איין שטאַפּל מיט די קריסטן, וועלכע האָבן גע־מוזט זיצן אונטער אַ שלאָס, אַלס באַשולדיקטע אין שלעכטע מעשים אַנטקעגן דער באַפעלקערונג.

איינמאָל שוין נאָענט צום פאַרלאָזן דאָס געבורט שטעטל, זענען אַלע יידן מיט די עטלעכע קריסטן אונטער דער באַגלייטונג פון די רוסישע שומרים, עטלעכע זעלנער, געגאַנגען אין שטאָט אַריין געזעגנען זיך מיט באַקאַנטע פאַרן אָפּפאָר אין ווייטן וועג אַריין.

און מ'האָט טאַקע אַ הולע געטון!

דער ענגער תפיסה־קאַמער מיט דעם שטינקענדן ריח, האָט איצט ביים צוריקערן פון די נאָוואָבראַנצעס, נאָך אַ פיל ערגערן אויסזען באַקומען.

ס'האָט זיך געפילט אַ נודנעקייט, איבלקייט, איבערזויערקייט אין יעדערנס קעפל. פון צייט צו צייט, האָט ווער געבראָכן און געהאַלטן אין איין שעלטן.

אַלע האָבן זיך אויסגעצייגן אויף דער הוילער פאָדלאָגע ביז צום טויט שיכּורע און גערעדט צו זיך...

דאָס ערשטע, וואָס יעדער האָט זיך אויסגעלערנט, איז געווען, שעלטן אין דעם צווייטנס מאַמע אַריין... די לערע פון די אַלטע רוסישע זעלנער, האָט געהאַט דעם געהעריקן ערפאָלג.

אָבער פלוצלינג, איז אונדז אַלע אַ גרויסער פּחד באַפאַלן, יעדער האָט ברייט מיט אויסגעשטאַרצטע אויגן גענומען זיך אומקוקן. די אַ ריזן-הויכע שרייענדיקע שטימע, האָט יעלות געמאַכט. די געוואַלדן זענען געווען, ווי פון אַ פאַרווונדעטן לייב אין אַ וואַלד, זיי האָבן אַלעמען שטיל און וואַכעדיק געמאַכט.

די אומגעווענטשלעכע קולות, זענען געקומען פון דעם לאָדזשער יידן ה׳ גאָלדמאַן, וועלכער האָט איצט זייענדיק שיכּור ביז צום אומבאַוווסטזיין, געבעטן זיך ביי זיין פאַרשטאָרבענעם פאָטער, אַז ער זאָל אים מציל זיין פון גייען דינען צו פּאָניען, ווייל... ער פילט, דאָס ער וועט צו זיינע מוטער און שוועסטערן פון מיליטער דינסט זיך מער נישט אומקערן...

— טאַטע! — האָט ער געשריגן, — לאָז מיך לעבן!... איך בין נאָך יונג!...

— — — — — — — — — — — — — — —

דער שומר, אַ טיפּישער אַלטער גוי, וועלכער האָלט שוין די שליסלען פון דער „קאָזע” איבער 40 יאָר, האָט זיך געהאַלטן אין איין איבערצלמען, און זיין דיקע, רויטע, ברייטע נאָז, געשוואָלן פון אָפטן טרינקען בראָנפן האָט געכאַפּט אַ קאַטאַר.

און אַרויסכאַפּנדיק אַ גרויסע רויטע פויערן-פאַטשיילע פון כאַלאַט, האָט ער זיינע פייכטע אויגן אָפּגעווישט, איבערחזרנדיק אָפט: „האַ! האַ!... איך געדענק נישט די צייט ווען אַ טרער זאָל גיין פון מיינע אויגן”...

און צומאָרגנס, האָבן מיר דאָס שטעטל פאַרלאָזן אונטער אַ שטאַרקן געוויין פון מאַמעס און שוועסטער.

# אין מיליטער דינסט

אין אַ קאַלטער ווינטיקער האַרבסט נאַכט, ליגנדיק אויף אַ פויערשן לייטער־וואָגן, באַנאַנד מיט נאָך אַכט יונגעלייט, אויפן וועג צו דער ווייטערע באַן־סטאַציע, האָב איך לאַנג נישט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן. די אַלטע זעלנער, אונדזערע באַגלייטער, זענען מיד פון זיצן, אונטערגעגאַנגען זיך פון צייט צו צייט צו פיס, איינגעקוקט זיך מיט חוזק־שמייכלען אויף די „נאָוואָבראַנצעס", זיך געריבן פאַר נחת די הענט און אונטערגעברומט פאַר אונדז נאָך גאָר אומפאַרשטענדלעכע לידלעך...

איך האָב געהאַלטן אין איין טראַכטן, אין איין איבערמישן די רעיונות. — —

ביי יעדן צו הויכן כראָפען פון איינעם פון די יונגע פאַרשוינען, האָב איך מיך ווי אַ כאַפּ אויף געטון, אַרומגעקוקט זיך אויף די ברייטע ליידיקע פעלדער פון ערגעץ ווו ווייט. פון די פויערים־הייזלעך, האָט ווו נישט ווו אַהערגעוואונקען אַ נאָך נישט אויסגעלאָשן, קוים זשיפנדיק פייערל און אַ ציטער איז מיר אַריבער דורכן גאַנצן לייב.

שפּעטער, האָב איך זיך וואָס אַמאָל מער צוגעוויינט צו דעם און אָנגענומען פאַר ליב די וואָגלעניש אַזוי פריער מיטן פור, צו אַקס, און נאָכדעם שוין אויף דער באַן אין די שלעפּ־צוגן, ווו מיר זענען געלעגן אויסגעלייגט אויף די האַרטע בענק און פּאָדלאָגעס.

געלעגן זענען מיר איינער האַרט ביים צווייטן, ווי מען וואָלט זיך געוואָלט דערפילן נענטער און היימישער, זיך צוגעדריקט, צוגעטוליעט, מיט עפּעס אַן אומפאַרשטענדלעכער און אומ־

דערקלערלעכער התקרבות... און סוף־כל־סוף דערפילט זיך חברי־שער און ווי משפחהדיקער איינער צום אַנדערן.

געפאָרן זענען מיר אַזוי טעג, נעכט, גאַנצע מעת־לעתן. אינע־ווייניק אין די וואַגאָנען האָט זיך קיין זאַך נישט געענדערט. גאַנ־צע טעג איז קיין באַשעפטיקונג נישט געווען, אויסער ווען דער צוג האָט זיך ערגעץ ביי אַ סטאַציע נאָענט אָפּגעשטעלט, איז מען אַראָפּ מיטן טשייניקל אין האַנט נאָך הייס וואַסער אויף טיי און איינצוזשאַפּן זיך אַ לעבל ווייס ברויט, צו וועלכן עס האָט זיך פאַרבענקט.

ס'האָבן זיך געוואָרפן אין די אויגן וואָס ווייטער אַלץ נייע ביז איצט אומבאַקאַנטע משונהדיקע מענטשן־טיפּן. די רוסישע פּויע־רים, מיט זייער געוויינטלעכער פּראָסטער הלבשה און מיט זייערע נאַיווע, האַלב־שלאָפנדיקע, האַלב פאַרמרה־שחורהטע פּנימער, וואָס באַקוקן אַזוי נאַריש און פאַרוואונדערן דעם פרעמדן דורכרייזנדיקן מענטשן.

ווען דער וואַגאָן האָט זיך פּלוצלינג אַ טרייסל געטון און האָט זיך גענומען רירן צום אָפּפאָר, בין איך שטייענדיק אַ פאַר־קוקטער, נישט איינמאָל שיעור אומגעפאַלן, און לאַנג־לאַנג געדענקט און געפילט עפּעס אַ משונהדיקן שוידער איבער אַלע מיינע אבריס.

און ווייטער האָט דער צוג לאַנגזאַם זיך געשלעפּט איבער די פּוסטע פעלדער און מיר זענען געלעגן אין די פאַרשפּאַרטע וואַגאָנען און געהאַלטן אין איין כראָפּן און דרימלען...

הגם מען האָט זיך שוין געפילט געוווינג היימיש, זענען דאָך געשפּרעכן צווישן אונדז געווען אַ זעלטענע זאַך, ווייל ס'רוב זענען עס געווען דאָרפישע און קליינשטעטלדיקע פּראָסטע יינגען, וועמען די נסיעה האָט ווייניק איבעראַשט. גלייכגילטיק האָט מען זיך באַצויגן צו אַלעם אַרום און בלויז אָפּגעוואַרט די איינציקע רגע, ווען מען וועט שוין אָנקומען ערגעץ ווייט אויפן אָרט, אין די קאַזאַרמעס אַריין.

* * *

ענדלעך, נאָך ק:אַפּע צוויי וואָכן וואָגלעניש, דורכגעטרייסלט פון קעלט און נודנעקייט, איז אונדזער צוג שטיין געבליבן און די וואַגאָן-טירן האָבן זיך ברייט פאַנאַנדערגעעפנט. הגם עס איז ערשט געווען נאָך סוכות-צייט, ווען פאַרלאָזנדיק אונדזער קאַנט, איז נאָך געווען געגוג וואַרעמלעך און שיינע טרוקענע וועטערן, דאָרט אָבער, אין דער ווייטער געגנט, וווהין מיר זענען אָנגעקומען צו דער באַן-סטאַציע ביכימיאַקי — וואָס האָט צו יענער צייט אָנגעהערט צו דער גרויסער רוסישער אימפּעריע, — האָט דער ווינטער זיך געגעבן שוין גוט צו פילן. גרויסע טיפע שנייען האָבן פאַרשיט און צוגעדעקט הייזער און וועגן, און אַ קעלט, אַן אייזיקע קעלט האָט אונדז תיכף דורכגענומען.

ביי דער סטאַציע, ווען די באַן האָט זיך אַ שטעל אָפּ געגעבן, האָט אונדז שוין דערוואַרט אַ מיליטערישער אָרקעסטער און אונדז ביז צו די קאַזאַרמעס אונטער פאַרשידענע מאַרשן געפירט.

דער סקריפּענדיקער, טרוקענער, האַרטער שניי אונטער די פיס, האָט נישט דערלאָזן אויף אַ ווײַלע צומאָל באַטראַכטן זיך ערנסט, וווהין פירט מען דאָס אונדז — און מיר האָבן זיך באַוויגן אין נישט גלייכע רייען איינער נעבן אַנדערן, איינער הינטערן אַנדערן, מיט שווערע אומגעלומפּערטע טריט, אַ גאַנצן טאָג נאָכאַנאַנד און ענדלעך אָנגעקומען אַהין, ווו מען האָט אונדז באַשטימט.

אין אַ טיף-געדיכטן וואַלד, האָט זיך פּלוצלינג פאַר אונדז אַנטפּלעקט אַ ליידיק שטיק פּלאַץ. ווו עס זענען געשטאַנען אויסגעמויערטע פון רויטע ציגל, הויכע, עטלעכע שטאָקיקע הייזער. אַהין האָט מען אונדז אַרייַנגעטריבן און פאַנאַנדערגעלאָזן קאָמפּאַניעסווייז.

אַ גרויסע ברייטע שטוב, אויסגעשטעלט בלויז מיט פאַרבעטע אייזערנע בעטלעך, איינס נישט ווייט פון צווייטן, אָפּגערוקט איין ריי פון דער אַנדערער קוים צום דורכשפּאַרן זיך. ביי די זייטן ווענט, צווישן איין פענסטער און צווייטן, צונויפגעקלאַפּטע אָפּענע שענק מיט אויסגעשטעלטע פונקלדיקע ביקסן-רייען, וואָס זענען עטלעכע פאָר יאָר אַריבער פון אַלטע אויסגעפּרוווטע זעל-

נערישע-הענט, צו ערשט אָנגעקומענע, יונגע „נאָוואָבראַנצעס". — מיר זענען געוואָרן אויפגענומען, פאַרשריבן, אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ פּיס. — —

די פון טיף-רוסלאַנד, פריש-אָנגעקומענע נאָוואָבראַנצעס, מיט זייערע ווייסע קעפּ האָר, האָבן מיט ברייט געעפנטע פאַרוואונדערטע קאַזע אויגן געקוקט. זיי האָבן — ווייזט אויס, דאָס ערשטע מאָל אין זייער לעבן, דערזען פאַר זיך מענטשן אין אייראָפּעיִשע קליידונג, און נישט ווי זיי—אין שמאַטעס מיט לאַפּטשעס אויף די פיס. בפרט נאָך, האָבן זיי זיך נישט געקאָנט זאַט אָנקוקן אויף אונדז יידן.

— אָוואַ! דאָס זענען „יעווריי"? „זשידעס"? — אָוואַ!

— ניין! דאָס וואָלט מען זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן, ווען מ'זאָל נישט זען מיט די אייגענע אויגן, האָבן זיי געהאַלטן אין איין רעדן צווישן זיך...

נאָך אַ טאָג אויסרוען זיך, האָט אַן ענערגישער באַפעל גערופן אַרויסגיין און זיך אָנהייבן לערנען דעם מוסטער.

אַרומגעקוקט זיך אויף די רויע שטומע געביידעס, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז אַלץ אַרום ווייט און ברייט, איז שטום און אַנטשוויגן... די אומגעווײנטלעכע דיסציפּלין, די שרעק פאַרן מינדסטן העכערן טשין, דאָס אַלץ, האָט יעדן ווי באַוואוּגן זיך אָפּצוהאַלטן פון אַן אומזיסט נישט געהעריק וואָרט. און אַ געדריקט שטילשווייגן, האָט אַלעמען באַהערשט און, ווי אויף אייז, פאַרגליווערט.

אויך איך, האָב מיך געפונען צווישן די שטיל-שווייגער, אָבער טיף אין מיר, האָט דאָס געפיל געדעדט און אפילו געשריען אויף קול-קולות... צוגעזען אַלץ, וואָס אַרום קומט פאָר, האָב איך לאַנגזאַם זיך געפּרוווט איבערלייגן, זיך גוט באַטראַכטן, און ביטער-ביטערלעך איז מיר געוואָרן אויפן האַרצן. איך האָב זיך נישט געקענט צוגעוויינען צו דער טעמפּער סביבה, וואָס האָט מיך דאָ אַרומגערינגלט. — —

ווי אַזוי לעבן עס מענטשן אין אַזעלכע שווערע באַדינגונגען, ביי אַזאַ האַרטער דיסציפּלין, וואָס האָט צו יענער צייט געהערשט אינם רוסישן מיליטער אין גאַנץ רוסלאַנד? די צו שטרענגע בייזע

אָרדנונג, די אונטערטעניקייט און מאַכטלאָזיקייט פון נידעריקן טשין צום העכערן און עלטסטן, צו אונדזערע אינסטרוקטאָרן — דעם איינבענדלדיקן „יעפרייטער" און צווייבענדלדיקן „זוואָדני". די שרעק פאַר די פאָלגן חלילה, צוליב דעם מינדסטן פאַרזען, וואָס האָט זיך אָנגערופן כּלומרשט „פאַרברעך", האָט דוכט זיך, געמוזט איינגאַנצן דערשטיקן דעם מענטשן. די לאַגע איז געווען אַזאַ, אַז דער טשין „יעפרייטער" האָט געקאָנט טון מיטן זעלנער, וואָס אים וויל געפעלט... אַלץ, וואָס ער האָט געפונען פאַר נויטיק, האָט ער געמאַכט מיט זיין „אונטערטעניקן". —

היינט, ווער רעדט שוין פון די פעלדפעבלס, וועמען די זעלנער־קאַשע און די „אייביקע קעסט" האָט אַזוי פאַליובעט, אַז זיי האָט זיך מער נישט געגלוסט צוריק אַ היים אין זייער פאַרוואָרפענעם דאָרף ערגעץ, צו די אייגענע עלטערן און קרובים, נאָר זיי זענען פאַרבליבן ווייטער פרייוויליקע זעלנער. זייער אַרבעט איז געווען צו דרעסירן און פייניקן מענטשן, — וואָס עס איז אַ סך לייכטער ווי צו האָרעווען אויפן שטיקל ברויט.

איין קוק פון אַ זיינעם, איז גענוג געווען, אַז יענער זאָל זיך אָפּזאָגן פונם קלענסטן „פאַרברעך", וואָס ער האָט חלילה געהאַט בלויז אויפן געדאַנק. באַלד האָט מען זיך געשטעלט גלייך ווי אַ ווירע, און טאָמער האָט מען באַדאַרפט אַרויפריקן דאָס היטל אויפן קאָפּ, אַרומצווישן דעם שווייס פון שטערן, איז עס אין די אויגן פון אַזאַ איינעם נישט דערלויבט געוואָרן, אָן זיין בפירושער דערלויבעניש. —

צום העכער ראַנגיקן, ווי דער „פאָטער פון ראָטע", אָדער צום „זיידן פון פאָלק" — צו די קאָמאַנדירן, איז קיינמאָל נישט דערלאָזט געוואָרן קיין אָנקלאַגע. דער אָפיציר האָט אויסערלעך, זיך זייער ערנסט באַצויגן צו די אָנקלאַגן פונם עלטסטן אויפן זעלנער, אָבער וואָס ווייניקער זאָרג זיך געמאַכט פון דעם; ער האָט זיך שוין פאַרלאָזן אויף זיינע באַפעל־אויספירער, אויף זייער יושר.

געוויינטלעך האָט דעם זעלנער, וואָס האָט באַזעסן אַביסל געפיל און פאַרשטאַנד, זיין געוויסן נישט דערלאָזט צו ווערן אַ „בענגלדיקער", ווי מען האָט גערופן די „עלצטע", פאַר די

צוגעבייטע ווייסע בענדעלעך אויף זייערע שליפעס, ווייל אַזאַ „איינער" מיט אַ האַרץ, האָט געקאָנט לייכט אַריינפאַלן אין דער תפיסה, אינם דיסציפּלינאַרן באַטאַליאָן, פאַר דער מינדסטער מיל־דערער באַציונג צו זיין סאָלדאַט. און די, וואָס האָבן געשטרעבט צו דעם טיטל אונטער־אָפיציר וכדומה, האָבן געמוזט זיין געגוג האַרט, גראָב און אוממענטשלעך.

אונדזער ראָטני־קאָמאַנדיר, וואַסילי וואַסילעוויטש באַגאַמאָלאָוו, איז געווען פון די גוטהאַרציקע מענטשן. אויפגעצויגן אין קאָוונע, צווישן אַ פאַרשידנאַרטיקע באַוווינטע באַפעלקערונג אין דער שטאָט, האָט ער געקאָנט גוט די פּסיכאָלאָגיע פון יעדן זעל־נער, סיי פון רוסישן, ווי אויך פּוילישן, יידישן, ווייל גענוג אָפט איז אים אויסגעקומען צו געפינען זיך אין באַרירונג מיט די דאָ־זיקע פעלקער.

ער האָט זיך אָבער אויסערלעך פאַרמאַסקירט, ווייל פּשוט — ער האָט עס געמוזט טון אויס מורא פאַרן פעלדפעבל און נאָך נידעריקערע „טשינען", וועלכע זענען געווען גערוען מ'זאָל ווייזן ביי יעדן מינדסטן „קרומען־טאָט" פון נידעריקן זעלנער, אַן אָנגעברוגזטן פּנים און הויך אויפן קול שרייען: „דו... אַזוי און אַזוי" א. א. וו.

פאַר אונדזער ראָטנעם, ה' באַגאַמאָלאָוו, איז עס געווען אַ שפּאַר ביסל אָפּקומעניש, אָבער דער „אָנשטעל" איז אים תמיד גוט געלונגען.

אַ מיטל־וווקסיקער, ברייט ביינוקער קערפּער־געשטעל, פון איידלען שניט, פיינע מאַניערן, גרויסע בלאָע אויגן מיט אַ ראַ־זירטע מאָרדע און ברייטע שפּיציק־לאַנגע וואָנסעס, פּאַסיקער פאַר אַ פּוילישן נאַטשאַלניק ווי צו אַ רוסישן. פאַר אונדז זעלנער איז זיין זעלטענער וויץ געווען אַ טרייסט צו אונדזערע וווּנדן.

אין דער אמתן, איז אים גאָר אין זיבען געלעגן זיין פאַמיליע, ווו זיין ווייב האָט אים דאָס יאָר שוין אַ זיבעטע טאָכטער געבוירן. אַ קלייניקייט, צו געבן בילדונג אַ שטוב מיט טעכטער, זיי צו שיקן אין גימנאַזיעס, אין די גרויסע רוסישע שטעט אַריין אויף זיינע קאָסטן, און די אַלע קאָפּ־דרייעגישן וואָס זענען מיט דעם פאַר־בונדן. וואָלט כאָטש אים צוגעוואָרפן געוואָרן אַ זון — דאָס נישט!

נאָר הוילע טעכטער. כדי צו פאַרטויבן די געדאַנקען, האָט ער גאַנצע נעכט געשפּילט אין קאָרטן און געשיכּורט, ביז צו די פרי־מאָרגנס, ווי מ'האָט זיך איבערגעשלאָפן עטלעכע שעה, און אַרום 12 מיטאָג, איז ער צו אונדז אין „ראָטע״ געקומען אויף אַ באַזוך. האָט ער דען געקאָנט זיין שלעכט געשטימט צו מענטשן אָפּגע־מאַטערטע? ביים האַרץ קלעמט און שטעכט פון די אויסגעייענדע כּוחות פון נישט דערשלאָפנקייט און נישט דערעסנקייט.

— די עלטסטע אויף להכעיס, האָט ער אונדז גאָר זיסע מינוטן פאַרשאַפט מיט זיין געבן אַ באַפעל „אָטדעך״! „אָפּרו״!

מיר האָבן דעריבער געבעטן ביי גאָט, ער זאָל ווי אָפטער ביי אונדז צו גאַסט זיין.

* *
*

וואָס ווייטער, האָב איך זיך גענומען פילן ערגער. אַ בוך איז נישט געווען צו באַקומען, אנשטאָט דעם, האָב איך מיך געגו־מען אָפּגעבן מיטן סתּם אַריינקלערן אין מענטשנס גורל בפרט, און וועגן די וועלט בכּלל.

נישט איינמאָל האָב איך אַ קלער געטון: צי געפין איך זיך בכּלל צווישן מענטשן?

און ווען איך בין געבליבן טיילמאָל אַליין מיט זיך, האָט גובר געווען דער יאוש, די געפאַלנקייט, און אין די פאַרצווייפלטע מינוטן האָב איך נישט איינמאָל אויפגעהויבן די אויגן צום הימל און אַ שווערן זיפץ געטון:

— רבונו של עולם! ווען וועל איך אויסגעלייזט ווערן פון זיי?!

און באַלד דערפילט אין זיך דעם יידישן בטחון.

* *
*

ביי מיר איז פאַרבליבן איין ברירה, איין אויסוועג: אַזוי ווי אַ גאַנץ יאָר איז שוין פאַרביי און קיין שום בעסערונג האָט זיך נישט באַוויזן, אַדרבא די באַציאונג צו מיר איז וואָס ווייטער גע־וואָרן אַלץ ערגער און ערגער, האָב איך גענומען טראַכטן וועגן

דעם פאַרווירקלעכונג פון מיין חלום, צו קומען אויף אַ וואַסער עס איז וועג קיין ארץ-ישראל.

פלוצלינג, אין די גרעסטע קעלטן, אין די שטאַרקסטע פרעסט, ווען קיין לעבעדיק באַשעפעניש געטרויט זיך נישט אַרויסצווייזן אויפן גאַס, האָב איך מער קיין געדולד נישט געהאַט זיך צו דער־וואַרטן אויפן זומער, ווען די זון שיינט און אַלץ אַרום שמייכלט אַקעגן.

איך בין אַוועק מיט די „וואַנדערנדיקע שוואַלבן", ווי מ'האָט גערופן די „אומצופרידענע", וועלכע זענען אַנטלאָפן פון קאַזאַרמע, צוליב דער אומדערטרעגלעכער שטרענגקייט און אכזריות. ביי דער ערשטער מעגלעכקייט, האָב איך זיך געפונען ערגעץ אויף דער פינ־לענדישער גאַקעטער פאַרפרוירענער ערד. איך האָב געוואָגלט צווישן פעלזן, אונטערן קוים באַמערקלעכן פאַרוואָלקנטן הימל, אויף שפיציקע, שטיינערנע שפיץ-בערג, געשפרייזט גאַנצע טעג און נעכט אָן אָפּרו און אָן אָפּהאַלט, ביז ווייט צווישן געדיכטן וואַלד, בענטער צו דער שוועדישער גרענעץ.

איך בין געגאַנגען אָן איינזאַמער וואַנדערער, פאַר וועלכן די פאַרבייגייער, דאָרפסלייט, פינלענדישע פויערים, מיט זייער אייז־קאַלטן כאַראַקטער, האָבן זיך געשראָקן.

טעג זענען דורך, נישט זעענדיק פאַר זיך קיין מענטשן. צו־קומענדיק צו אַ באַוווינט דאָרף, איז מיר אוממעגלעך געווען אַריינ־צוטרעטן צו זיי, ווייל מוטערס האָבן זייערע זויג-קינדער צוגעטו־ליעט צו זייערע ברוסטן און איבערגעלעבט ציטערנדיקע מינוטן, ווען זיי האָבן צופעליק געכאַפּט אַ קוק אַרויס פון זייערע שטילע דאָרפישע הייזלעך און דערזען דעם אומגעלומפּערטן רוס וואַנדערן איינעם אַליין. —

— ווער ווייסט? — האָט זיך נישט איינער געטראַכט, — אפשר אַ באַנדיט, אַ פאַרברעכער?

נישט קאָנענדיק זיך דורכרעדן מיט קיינעם, ווייל קיין רוסן האָט מען בכלל נישט געזען צווישן די איינוווינער, דורכגענומען פון קעלט און הונגער, האָט דאָס אַלץ אַזוי שווער געווירקט אויף מיר, אַז קוים נאָך אַכט טעג צייט אַרומשלעפן זיך, בין איך צוריק

געכאַפּט געוואָרן אויף אַ דאַמפּער, וואָס איז געגאַנגען נאָך שוועדן. איך האָב געמוזט אומקערן זיך אין פּאָלק אַריין. דאָרט באַקומען דעם נאָמען „פאַרברעכער", מחמת איך האָב געבראָכן די שבועה פון צאַר אין זיין זיכערקייט. יעדער איינער האָט אויף מיר געקוקט מיט באַדויערן, ווי אויף אַן אומגליקלעכן און נישט קיין לייט.

איך, האָב זיך להיפך, געפילט שטאָלצער, איך האָב דאָך באַוויזן אַ געוויסע העלדישקייט, אַלעמען אַרום געבראַכט צו פאַר־וווּנדערונג; דער רוזקער „יעווריי" האָט דורכגעפירט אַזאַ קונץ־שטיק !...

און ביי מיין פּראָצעס, האָט דער ראָטני־קאָמאַנדיר מיך פאַרטיידיקט, פאַרטיידיקט און מיך גענומען אונטער זיין שוץ, און דער „באַטושקאַ", דער פּאָלקאָוואָי גייסטלעכער, האָט פאַר מיר אַריינגעוואָרפן עטלעכע גוטע ווערטער... דער נאַיווער, גייסטלע־כער, אַ מענטש, וואָס האָט זיך ווייניק געמישט אין פּאָליטיק, האָט אמתדיק פאַרטיידיקט סיי אַ רוס, סיי אַ יידן. ווי אַן אָפּנהאַרציקער מענטש, האָט ער משפיע געווען, אַז דאָס געריכט זאָל נאָך אַ קור־צער באַראַטונג, מיך פאַרמשפּטן נישט מער, ווי צו דריי חדשים קריגס־תפיסה, צו זיצן אין פּעטערבורג. אַזוי אָבער, ווי די מיליטער־תפיסה איז געווען דעמאָלט גראָד איבערפולט, איז מיר די שטראָף פאַרביטן געוואָרן אויף דריי וואָכן אַרעסט, אָפּצוזיצן אויף ברויט מיט וואַסער אינם אייגענעם פּאָלקאָוואָי אַרעסט־הויז. — —

איך בין געזעסן אין אַן איינצל־קאַמער, אַ שמאָל ענג שטיבל מיט קליינע פענסטערלעך הויך אונטערן סופיט, פאַרצוימט מיט אייזערנע קראַטן.

ביי די זייטן, רעכטס און לינקס פון מיין קאַמער, זענען געזעסן פאַרשולדיקטע אונטער־אָפיצירן, וועלכע האָבן באַגאַנגען זייערע פאַרברעכנס אין שיכּורן צושטאַנד אין דער צייט פון דינסט און האָבן כסדר געשאָטן פעך און שוועבל אויף יידן. — ווען נישט דער ייד וואָלט רוסלאַנד ממש געווען אַ גן-עדן!... הגם דאָרט פון וואַנען די צוויי רוסן זענען אַהערגעקומען, האָט מען אין די גאַנצע גובערניעס נישט אָנגעזען קיין ייד פאַר אַ רפואה. אַחוץ

אין די גובערניאַלע שטעט, ווו עטלעכע צענדליק יידן האָבן אַרומ־
געוואָגלט אַלס קאָמיוואָיאַזשאָרן... דאָך פון פרימאָרגן אָן, ביז צום
שלאָפן גיין ביינאַכט, האָבן זיי געהאַלטן אין איין רעדן פון יידן,
און ווען איך האָב מיך איינגעשטעלט און געפרווט פאַרטיידיקן
פאַר זיי די יידן, בין איך ערשט דערגאַנגען ווי ווייט אומוויסנד
און משוגעדיק זייער פאָרשטעלונג איז געווען וועגן אונדז, הגם
זיי זענען געווען שוין מער אויסגעאיידלטע גוים.

גאַנצע טעג האָב איך געלעזן רוסישע ביכער, הגם ס'רוב
היימלעכע, צערקאָווגע, און אַנדערע צו יענער צייט דערלויבטע בי־
כער און זשורנאַלן, וועלכע דער „באַטיושקאַ“ האָט פאַר מיר, ווי
פאַר יעדן ווער עס האָט געוואָלט, צוגעשטעלט צום לעזן, כדי
אַזוי אַרום אים צו באַאיינפלוסן מיטן הויכן גייסט פון פראַוואָסלאָוו־
נעם גלויבן און מיט דער הויכער מיסיע פון סלאַווישן שטאַם.
אַזוי אַרום איז מיר די אַרעסט צייט גיך און אומבאַמערקט אַריבער.

אַרויסקומענדיק פון דאַנען, און אַריין צוריק אין דער „ראָטע“
נאָכן אָפּזיצן מיין שטראָף, אָן אויסגעבלייכטער, ווייס ווי קאַלך און
אָנגעשוואָלן פון דער אומנאָרמאַלער דערגערוגג, אָן געקעכטס און
אָן אַ ביסל וואַרעמס, בין איך פונדעסטוועגן דרייסטער געוואָרן און
געפילט זיך אַ סך בעסער, און מיט דער צייט אפילו באַקומען אַ
נאָמען פון אַ אויסגעצייכנטן שיסער אָן „אָטליטשני סטרעלאָק“,—
וואָס צוליב דעם, האָט מען מיר מוחל געווען אַלע ביז אַהעריקע
זינד, ווייל מיט אַזעלכן האָט יעדע ראָטע שטאָלצירט, ווי בכלל
מיט יעדן איינעם, וואָס האָט זיך אויסגעטיילט מיט עפּעס אַ פעי־
קייט, אַרויסווייזנדיק עס אין גימנאַסטישע שטיקלעך, אַדער אין
מאַכן אַ קאָמישע פיגור, וואָס האָט געהאַלטן אין איין פריילעך
מאַכן די פאַרמאַטערטע געמיטער מיט קאָמעדיאַנטישע שטיקלעך,
אָדער מיטן אויסצייכנען זיך בעתן שיסן. —

זיך אויסצייכנענדיק מיטן שיסן, איז מיר די דינסט לייכטער
געוואָרן איבערצוטראָגן.

און ווי דאָס רעגולערע מאָנאָטאָנע שלאָגן פונם זייגער,
איז מיר דאָס טאָג־טעגלעכע אין קאַזאַרמע, פאַרבייגעפלאָסן אָן שום
שינוי. די פאָרשריפטן פון יעדן טאָג זענען פונקטלעך געוואָרן

אויסגעפירט, דאָס אויפוועקן אינדערפרי יעדן טאָג ווען ס'האָט זיך דערהערט דער פרימאָרגן סיגנאַל, וועלכער האָט זיך איינגעגראָבן אין אונדזערע נישט אויסגעשלאָפענע מוחות, ווי אַ שטעכעדיקע שפּיז. אין איין אויגנבליק, האָט מען זיך אַרויסגעכאַפּט פון די בעטן און אין משך פון אַ קנאַפּע האַלבע שעה, איז מען שוין געשטאַנען אין ריי אויף „פּריגולקי", ריין געבוצט די קליידונג און די שטיוול.

שפּעטער, אַ שעה צייט אַרומגעלאָפן אויף אַ פּלאַץ, ווו ס'האָט זיך כסדר געהערט דער באַפעל פון עלטסטן: לאָזשיס! (לייג זיך) ווסטאַט! (אויפשטיין!) ביעגאָם! (לויפן) איבערחזרנדיק יעדן באַפעל אָן איבערייס אַ צענדליק מאָל, ביז מען איז מידע אַריין אין קאַזאַרמע און מען האָט אָפּגעגעסן פרישטיק, טרוקן שוואַרץ ברויט מיט טיי, בעת ווייס ברויט, געבייטלטס, איז געווען אַ לוקסוס, פאַר יחידי סגולה, וואָס האָבן עס געמוזט קויפן פאַר אייגן געלט, אָדער האָבן באַקומען פון דערהיים, און מ'האָט זיך קוים דערלויבט בגנבה, ביי יעדע עטלעכע ביס „ראַזאָווקע", כאַפּן אויך אַ ביס „סיטנע". —

נאָך קנאַפּע צען מינוט, האָט זיך געלאָזט הערן דער פייף פון עלטסטן, אַלס סיגנאַל זיך צו שטעלן ווידעראַמאָל אויף די ווייטערדיקע איבונגען אינם „סטרוי", ווו מען האָט געפּייניקט אַלעמען ביים אויספירן די שווערע גימנאַסטישע איבונגען, צו וואָס יעדער האָט זיך מיט דער צייט, בעל־כרחו, צוגעוווינט און לויט פאַרשידענע פּאָרטלען און איבונגען, זיך אויסגעלערנט צו האַלטן שטייף און שטאָלץ דעם קערפּער און דעם קאָפּ, און באַקומען דעם געהעריקן מיליטעריש־העלדישן אָנבליק.

איך פון מיין זייט האָב אויך באַוויזן, אַז „אין לך דבר העומד בפני הרצון", אַז ווען דער ווילן איז דאָ — קאָן מען אַלץ אויספירן. מען קאָן זיך איינגעוויינען, וואָס אַ טאָג מער, אַלץ אַ לענגערע שטרעקע צו פוס גיין אין ווינטער אויפן געפרוירענעם פינלענדישן זאַליוו, וואָס איז כמעט אַ גאַנצן ווינטער איילן־טיף פאַרפרוירן, אַזוי, אַז די שווערסטע משאות קאָן מען איבער אים פירן אָן שום פחד.

דאָס איבן זיך אינם שיסן איז פאָרגעקומען אויפן אייז, ווו

טויזענטער מענטשן האָבן דרייסט געטרעטן איבער אים, אָדער, זומער-צייט, אויף פלעצער, צווישן גרויסע געדיכטע וועלדער, ווו מען האט געמאַכט „פרידלעכע מאַניעווערס“ און צוריק געקומען נאָך אַ פיר־פינף שעה מיט געזאַנג אין די קאַזאַרמעס. לויט דער קאָמאַנדע „שטיין“! האָט מען זיך ווי איין מענטש אַ „שטעל“ גע־געבן, לויטן צווייטן באַפעל „צעגיין“! — זיך גיך און ראַש אָפּ־געטראָגן יעדער צו זיין ראָטע־קוואַרטיר, אַראָפּוואַרפנדיק געשווינט פון זיך די אַמוניציע און מיט די פון פריער באַשטימטע סאָלדאַטן אַ כאַפּ געטון די בלעכערנע בעקנס, אַוועקגעלאָפן אין קוך צו באַ־זאָרגן די חברים מיטן אָפּגעקאָכטן הייסן זופּ. און פאַרהונגערטע האָט זיך די גרופּע פון פינף פאַרשוין גענומען צום „באַק“, מיט די הילצערנע ברייטע לעפל, און געכראָמשקעט דאָס ספּעציעלע סאָלדאַטסקע קרויט אָדער פעטע קאַשע, וואָס האָט אין דער ער־שטער צייט ביים שטאָט־מענטשן אַרויסגערופן אַ נישט־גוטקייט צו ברעכן, אָבער שפּעטער, אַז מען איז גוט אויסגעהונגערט געוואָרן און פאַרלוירן פון מידקייט און איבערגעשפּאַנטע אָנשטרענגונג דעם חוש פון אינטעליגענטישקייט, האָט מען זיך געשמאַק, מיט אַפּעטיט, געוואָרפן גלייך מיט אַלעמען אינם רעדל אַריין, קיין סך נישט קלערנדיק און נישט איבערקלייבנדיק אַריינגעטון זיך מיט הענט און קאָפּ אינם „באַק“ אַריין, — עס זאָל חלילה נישט אויסגעליידיקט ווערן אָן אים... ביסלעכווייז האָט מען זיך צוגע־וויינט צו דעם, ווי צו אַ גאַנץ נאַטירלעכע ערשיינונג און גלייכגיל־טיק מיטגעכלעביעט מיט אַלע סאָלדאַטן אינאיינעם...

גלייך נאָכן אָפּעסן, איז דערלויבט געווען צוויי שעה איבער־צושלאָפן זיך. נאָר יעדער איז זיך געלעגן אויפן „בעטל“ און זעלטן ווען אַנטשלאָפן געוואָרן, ווייל קוים מען האָט באַוויזן צו כאַפּן אַ לייכטן אויבערפלעכלעכן דרימל, ווועלכער האָט זיך זיס צע־גאָסן איבער אַלע גלידער, האָט זיך באַלד דערהערט דער רוף: „אויפשטיין“! און געציילטע מינוטן, איז מען ווידעראַמאָל גע־שטאַנען אינדרויסן אויפן פּלאַץ אין ריי, און גלייך מיט די ביקסן אין האַנט גרייט „נאַ ביעגאָם“ צו האַלבע שעהן כסדר, אָן אָפּרו.

און קוים געקומען צוריק אין ראָטע, אָנגעשטרענגט און

אויסגעמאַטערט איבער די כּוחות, האָט מען זיך געמוזט נעמען צום רייניקן די ביקסן אַזוי בלאַנק און בליציק, אַז דורכקוקנדיק די לענג פונם אינערלעכן „סטוואָל“ פון ביקס, האָט זי געמוזט גלאַנצן ווי אַ קלאָר־ער דורכזיכטיקער שפּיגל...

און אַז די נאַכט איז צוגעפאַלן, איז מען נאָך די פאַרשידענע מיליטערישע פאָרמאַליטעטן און מנהגים צוגעקומען צו די „סלאָוויעסנעס“, וואָס יעדער איינער האָט געמוזט פון אויסנווייניק קאָנען און נאָכדעם האָט מען זיך צוזאַמענגעקליבן אין אַ קופּקע, געוויגט זיך הין און צוריק און געהאַלטן אין איין זינגען די „באַקאַנטע“ סאָלדאַטסקע לידלעך.

נאָכן אָפּריכטן די פרומע גאָט־דינסט, די „פּאָוויערקע“, איז מען מיד און האַסטיק איינגעשלאָפן, — אויפגעכאַפּט זיך ערשט אינדערפרי און געפילט, אַז מען האָט פאַרלוירן דאָס בעסטע און געשמאַקסטע — די זיסקייט פונם נישט גענוג זאַטן־שלאָף.

פרידלעך און גלייכגילטיק זענען אַריבער חדשים אין דערדאָזיקער אָנגעשטרענגטער אַרבעט.

אָבער דאָך האָב איך זיך געפילט עפּעס עלנט און פרעמד אפילו צווישן די עטלעכע יידן אין פּולק, ווייל ווי געוויינטלעך, פלעגן צו יענער צייט גיין דינען בלויז די אונדז באַקאַנטע ווילע־יונגען פונם פּראָסטן המון. — רייכע און בכלל בכבודע, האָבן זיך אָדער אויסגעלייזט פאַר געלט, פאַר שוח', אָדער דורכן מאַכן זיך פאַרשידענע פעלערן, צוליב וואָס זיי פלעגן חדשים־לאַנג זיך אַרומוואַלגערן אין שפּיטעלער און סוף־כּל־סוף באַפרייט ווערן, און אַ סך מאָל נאָך בלייבן מיט אמתע פעלערן שוין ביזן טויט אַריין. אַריינגעפאַלן אין מיליטער, זענען ס'רוב אָרעמע בעלי־מלאכות, וואָס זענען פאַרשוואַרצט געוואָרן פון קינדווייז אָן און פאַרהאַרטעוועט געוואָרן אין נויט און דחקות, סיי ביי די אָרעמע עלטערן אינדערהיים, סיי ביי דער לער און שפּעטער אַלס געזעלן ביי די מייסטערס־אביונים, וואָס האָבן זיי געפּייניקט 12—14 שעה אין מעת־לעת און געצאָלט זיי קוים אויף די נשמה צו דערהאַלטן...
די חברה פלעגן גיין אין זעלנער ווי צום טאַנץ, אָבער קוים איז מען אַריבער די שוועל פון קאַזאַרמע איז זייער גאַנצע היימישע

דרייסטקייט און חוצפה פאַרשווונדן, און קיין ווילער־יונג האָט דאָ קיינער נישט געקאָנט זיין, — יעדער האָט זיך געהאַט זיין אייגן פעקל צרות...

יעדער האָט וואָס גיכער געוואָלט פטור ווערן פון דער פאַר־שאָלטענער דינסט און אַהיימפאָרן צוריק צווישן זיינע אייגענע און נאָענטע. מען האָט געציילט פריער די יאָרן, די חדשים און שפּעטער די טעג, וואָס זענען פאַרבליבן צום סוף פון פינסטערן דינכט.

דער געוויינטלעכער גוט־מאָרגן יעדן באַגינען, נאָך ליגנדיק אויף די בעטן, ווו דער פרומער יונגערמאַן האָט אַריינגעכאַפּט אויף גיך דעם „מודה אני“, פלעגט באַגעגנט ווערן מיטן רוסישן פאָלקס־ווערטל: „סקאָלקאָ יעשטשאָ סלוזשיש?“ — וויפיל בלייבט צום דינען?... און באַלד שיינען אויף די פנימער, אונטער פריילע־כע קולות: נאָך אַ יאָר! נאָך אַ האַלבס! — און יענע, וואָס האָבן לענגער נאָך צו דינען, באַהאַלטן אומבאַהאָלפן די אויגן פון צער און פאַרדרוס.

איך, נישט געפונענדיק קיין שום פאַסיקן חבר צו מיר, האָב תמיד פאַרברענגט איינער אַליין מיט זיך. — אינם „סטרוי“, ווו איך האָב זיך געפונען, האָבן ווייניק יידן געדינט, ווייל ס'רוב פון זיי זענען געווען בעלי־מלאכות פון דער היים און האָבן זיך באַ־קומען אין די שניידער, אָדער שוסטער־וואַרשטאַטן, אָדער אין די קאָמאַנדעס. איך אָבער, אָן אַ פאַך און איצט נאָך אַ „גוטער שיסער“ האָב געמוזט דינען אין „סטרוי“. — צו די קריסטן, צווישן וועלכע עס איז געווען אַ געוויסער פּראָצענט שטאָטישע, ציווילי־זירטע עלעמענטן, האָב איך קיין צוטרוי נישט געקאָנט האָבן, צוליב זייער אַנטי־יידישע באַציונג; און די עלנטקייט, אין וועל־כער אַלע אַרום האָבן זיך געפונען צוליב דער געדריקטער צייט, האָט מיך נישט צוגעלאָזט זיך צו דערנענטערן צו זיי. — אָבער ווי נישט איז, האָט זיך דאָך יעדער ייד געפונען נאָענט צום צווייטן יידן. אַ חוץ די עטלעכע יונגעלייטלעך פון אויסערן תחום־המושב ערגעץ פון די רוסישע גובערניעס, פּריווילעגירטע, וואָס האָבן מיט די קריסטן נאָך בעסער געלעבט, ווי מיט זייערע איי־

גענע, קיין באַליידיקונג פון זייער זייט, האָט אַזעלכער נישט גע־בומען פאַר אומגוט, און, אַז מען האָט אים געשפּיגן אין פּנים אַריין, האָט ער זיך געמאַכט כּלא־ידע, אַבי אַרויסצוווייזן זיין רוסישן פּאַטריאָטיזם, און סתם יידן זענען אין דער גאַנצער געגנט אויף אַ רפואה נישט געווען, אויסער ערגעץ־ווייט, אין די הויפּט־שטאָט, ווי העלזינגפאָרס, וויבורג, אַבאָ, וווהין מיר האָבן זעלטן געהאַט אַ צוטריט.

די באַפעלקערונג, וואָס האָט גערעדט אויף זייער אייגענער פינישער שפּראַך, האָט קיינעם פון אונדז נישט פאַרשטאַנען און זיך באַצויגן צו אונדז רוסישע סאָלדאַטן, מיט אַ געוויג בולטן האַס, טראַכטנדיק דערביי וואָס גיכער פּטור צו ווערן פון די אומ־געוווּנטשענע רוסן... תמיד אָנגעבלאָזענע, ווי די קאַלטע פינלענ־דישע ווינטן, האָבן זיי זייער שנאה געטראָגן שטיל אין זיך, און ווען זיי האָבן געפּלעגט פּרווון דאָס אַרויסווייזן שטורמיש, ווי זיי־ערע וואַסערפאַלן, כּדי זיך צו באַפרייען פונם פרעמדן יאָך, — זענען זיי גלייך דערדריקט געוואָרן פונם רוסישן ריז.

און וויפיל איך האָב זיך נישט באַמיט צו דערוויסן וועגן זייער שטעלונג צו יידן, בין איך דערגאַנגען ערשט, אַז זיי האָבן נישט די קלענסטע אַנונג וועגן אונדז, און דאָך פילן זיי עפּעס אַ נעגאַטיווע נייגונג צו אָט דעם מין מענטשן: — „יידן זענען רייך, שווינדלען“! און ענלעכע טענות, אָנגעהערטע, אָדער אָנגע־לייענטע, — אָבער דער אַזוי גערופענער אַנטיסעמיטיזם, ווי ביי אונדז אין די קאַנטן, מערקט זיך דאָך בכלל נישט. —

די עלנטקייט מיינע, איז וואָס ווייטער געוואַקסן און איז אַריבער אין אַ טרויעריקער מרה־שחורה. די בריוו, וואָס איך האָב באַקומען פון דערהיים, פון דער מוטער, וואָס האָט צו מיר גע־שריבן צערטלעכע טרייסט־ווערטער פול מיט האָפענונגען, אַז לאַנג וועט מיר נישט אויסקומען שוין צו ליידן, אַז די הילף קומט פאַר יעדן איינציקן מענטשן אין דער געהעריקער צייט, — האָב איך נישט איינמאָל געלייענט און געפילט זיך דערביי ווי אַן אומגליק־לעך, פאַרלאָזן קינד.

# דאָס יאָר 1914

געקומען איז דאָס יאָר 1914. דאָס הויפּט-געשפּרעך ביי־יעדן אין מויל איז געווען, וועגן די אינטענסיווע הכנות צו די־קומענדיקע מאַנעווורעס, קייזערלעכע מאַנעווורעס... אינמיטן יולי, וועט יעדער פון אונדז האָבן די זכויה אַליין מיט די אייגענע אויגן צו זען דעם רוסישן קייזער בכבודו ובעצמו, ווו ער וועט בייוווינען די מאַנעווורעס אין „צאַרסקאָיע סעלאָ".

די „שוואַלנעס", די שניידער און שוסטער וואַרשטאַטן, זע־נען געווען איבערפולט מיט אַרבעט. יעדער סאָלדאַט האָט באַקו־מען אַ נייעם, גראָען זומער גאַרניטור, צוויי פּאָר שטיוול,—אַ פּאָר אויף אינדערוואָכן און אַ פּאָר אויף פּאַראַדן. און יעדער באַזונדער האָט זיך געפילט גליקלעך, וואָס ער וועט זוכה זיין און קאָנען בייוווינען דעם „צערמאָניאַל-מאַרש". ווען יעדער איינער וועט פאַרביי מאַרשירן פאַר דער הויכער קייזערלעכער פאַמיליע און דער סוויטע, און דערביי אייגנהענטיק דערהאַלטן אַלס אָנדענק אַ מעדאַל אָנגעשטאכן אויף דער ברוסט.

און ווירקלעך, באַלד אין אָנהייב פרילינג, זענען זיך צו־נויף-געקומען צו עטלעכע בריגאַדעס פיעכאָטע, ארטילעריע, קאַ־וואַלעריע, און אַנדערע מיליטערישע פאָרמאַציעס אויף אַ באַשטימט אָרט אויטי, צווישן געדיכטע וועלדער, ווו אויסערביימער און שטיינער, האָט מען קיין שום זאַך אַרום זיך נישט געזען. נישט קיין פעלדער, פאַרזייעטע מיט באַוואַקסענעם קאָרן אָדער ווייץ, נישט קיין שום אַנדער גרינוואַרג, ווי מען איז געוווינט עס צו זען אין רוסלאַנד, פוילן, אָדער ערגעץ אַנדערש, — בלויז ערד גע־מישט מיט שטיינער, אַלערליי קלענערע, גרעסערע, און אַזעלכע

שפּיצן.

אָט אויף אַזאַ פּלאַץ, איז באַשטימט געוואָרן אונדזער לאַגער. ווו קיין ציווילן מענטשן האָט מען פאַר די אויגן נישט אָנגעזען, דערווייטערט פון ישוב, האָט מען אַ מחנה פון צען טויזנט מענטשן געגומען אויפן צימבל. אַז שוין יאָ גיין אויף קייזערלעכע מאַניעווערעס, טאָ זאָלט איר געדענקען, אַז פּאָמעראַנצן פליען נישט גרייטערהייט פון הימל אַראָפּ... מען דאַרף אויף דעם אַרבעטן, — דאָס פאַרגעניגן וועט אייך טייער קאָסטן...

באַלד באַגינען, ווען דער פרייער מענטש דערפילט ערשט דעם תענוג פון פרימאָרגן־שלאָף, דעמאָלט האָט מען אונדז אויפגעוועקט און געטריבן צו די „זאַנאַטיע", די מיליטערישע באַשעפטיקונגען.

און אַזוי ווי אין די זומער־חדשים זענען אין פינלאַנד די נעכט דורכאויס ליכטיקע, ווי ביי טאָג, נאָר מיטן אונטערשייד, וואס די זון שיינט נישט, — האָט מען דעם נאַטירלעכן צופאַל אויסגענוצט, כּדי צו פאַרפייניקן אונדז אָרעמע מענטשן. מען האָט געיאָגט, געפייניקט, געטריבן אויף אַ „סמאָטר", אויף רעפּעטיציעס" פאַר די הערן גענעראַלן „בריגאַדני", „קאָרפּוסני" און נאָך אַזעלכע... באַזונדערס האָט מען געלייגט אַ סך אַכט אויפן שיסן, ביי וואָס מען האָט געפּלאָגט אין־לשער, אָן מאָס און אָן אַ סוף...

איך האָב פאַר זיך געזען אַ מאַסע, אַ שוואַרצע, אָפּגעבּרענטע פון דער הייסער זון, פאַרשטויבטע און פאַרשוויצטע, נישט אויסגעשלאָפענע, פאַרחלשטע מענטשן, וואָס האָבן הכנעהדיק אָן שום שאלות, אַלץ פאַרליב גענומען און געדולדיק אָפּגעוואַרט די קומענדיקע מאַנעוורעס, ווען מ'וועט דערנאָך, ווען די מאַנעוורעס וועלן זיך ענדיקן פאַרברענגען אין לייכטערע באַשעפטיקונגען, אין נאַרישע סאָלדאַטישע שפּילערייען...

אויך מיך, האָט עס אַריינגעבראַכט אין דער גרעסטער שפּאַנונג און עפּעס האָט מיך אַרומגעכאַפּט אַ שטאַרקע נייגערייט: ווי וועלן עס אויסזען די דאָזיקע מאַנעוורעס גופא, אויב מען מוז פריער דורכמאַכן אַזעלכע שווערע געבורט־ווייען?—דער־

פאַר אָבער, האָב איך געפונען אַ טרייסט, אַז מסתמא וועט עס זיין געווינג אינטערעסאַנט, אָט די גאַנצע פּראָצעדור, וואָס מען רופט קייזערלעכע מאַנעוורע...

און פּלוצלינג — איין חודש צייט איז אַריבער, בעת מען האָט זיך שוין גענוג אָנגעפּלאָגט און אויסגעמאַטערט, — קומט אָן פון פּעטערבורג, פונם גענעראַל-שטאַב, אַ ספּעציעל באַשטימטער גענעראַל אויף דער צייט פון לאַגער מיטן נאָמען קאָפּל.

יענער, וואָס האָט אין 1917—18 יאָר זיך אַקעגנגעשטעלט מיט פאַרשטאַרקטע אַרמעע-כּוחות אויפן סיבירער פראָנט קעגן די באָלשעוויקעס. — אַ קליין-געוויקסיק מענטשל, מיט אַ שוואַרץ סעמיטיש אויסזען, מיטן גאַנצן אָנבליק פון אַ יידן, אַ הויל-גלאַטער גלאַנציקער קאָפּ, מיט צוויי שוואַרצע שאַרפע אויגן, וואָס האָבן ענערגיש האַרט און קורץ באַפוילן, אַלץ שנעל און פּינקטלעך אויסצופירן. — אַזעלכער איז געווען דער אַראָפּגעשיקטער גענעראַל, אגב אַ געשמדטער אין דער יוגנט, וואָס איז אַראָפּגעשיקט געוואָרן צו אונדז, אָנצופירן מיט די מאַנעוורעס.

ערשט יעצט, האָט זיך אָנגעהויבן פאַר אונדז דאָס אמתע גיהנום. ער האָט אויף קיינעם נישט קיין רחמנות און די געוויינטלעכע סאָלדאַטן, האָבן אים נישט נאָכגעזאָגט קיין שבחים. יעדער איינער האָט געהאַלטן אין איין מורמלען: יעווריי פּראָקלאַטי! (פאַרשאָלטענער ייד) אויף אַלעמען האָט ער אָנגעוואָרפן אַ פּחד מיט זיין שטרענגקייט. — קוים וואָס מ'האָט זיך געהאַלטן אויף די פיס... און שלאָפן? דעם לוקסוס האָט ער שוין נישט פאַרגינען... קוים דאָס פּעקל בייגער אַנידערגעלייגט אויף אַ רגע, ווערט באַלד אַ „טרעוואָגע“: „וסטאַט“! (אויפשטיין) — לויפן! — און אַלעמען האָט ער צעמישט, אַז מען האָט ווי ווייט מעגלעך אויסגעמי'טן אַ קוק צו געבן אויף אים, אויף זיין טיגערישן אָנבליק.

און אפילו די אָפיצירן גופא, זענען אויף אים געווען אָנגעבלאָזן. די יונגע אָפיצירלעך, וועלכע האָבן אַקאָרשט געהאַט געענדיקט די אָפיצירן-שול און אַהערגעשיקט געוואָרן אויף פּראַקטיק, זיי, וואָס האָבן גערן געוואָלט, אַ שטיף טון, אַ לעב געבן, אויך זיי, האָבן זיך נישט גערעכנט אויף אַזאַ ביזן מחבל, און

יעדער האָט געפילט, אַז אין זיין אָנוועזנהייט וועט שוין נישט מעגלעך זיין אָפּצוכאַפּן לייכט דעם אָטעם...

מיט רגזה, האָט יעדער געקוקט אויף דעם „יידישן פּקיד", וואָס מען האָט אַהער באַשטימט, צו פאַרפאַלגן און קוועלן אַלעמען אָן אויסנאַם, די סאָלדאַטן ווי די אָפיצירן.

ביים „סמירנאַ"! גלייך שטיין, מער ווי אַ גאַנץ פערטל שעה — און גלייך שטיין, האָט מען געדאַרפט אויסגעצויגן אין דער גאַנצער גרויס, אָן אַ ריר זיך צו געבן, ווי די ליימענע גולמס, — האָבן די שוואַכע סאָלדאַטן נישט געקאָנט אויסהאַלטן און געפאַלן פון שוואַכקייט. דאָס פלעגט זיין די איינציקע סיבה, עס זאָל זיך דערהערן זיין באַפעל „וואָלני"! („פריי!").

דאָס קוועלן און מאַטערן אונדז, האָט אָנגענומען אַ גרויזאַמע פאָרם. ווי אין ווינטער, דאָ, אין די פינלענדישע סטעפּעס. די שנייענדיקע, גרויסע קעלטן, אַזוי יעצט אין זומער, האָט די טרוקענע זון געבראָטן און געשטאָכן, דעריבער האָט זיך ביי אונדז דאָס ארומלויפן אין דער פולער באַוואָפנונג אויסגעזען אונערטרעגלעך

ס'האָט געגומען מישן אין קאָפּ פון די אָנצאָליקע מאָל ארומלויפן, איבערמאַרשירן פאַר אים און זיין סוויטע. דער שטויב איז געווען געדיכט ווי אַ האַרטער נעפּל, דאָס פּנים איז געוואָרן בלוי־רויט, דער דורשט האָט געברענט אין דער קעל און די שוואַכערע, צו עטלעכע צענדליקער פון יעדער איינציקער ראָטע, האָט דערפילט אַ אַלגעמיינע אָפּשוואַכונג. די שוואַרצאַפּלען אומבאַוועגלעך, דער אָטעם קורץ, דער פולס האָט אָפּטער נישט סיסטעמאַטיש געטון קלאַפּן און אַ קאַלטער, נאַסער שווייס האָט דעם קערפּער און פּנים באַדעקט, און מ'איז פאַרחלשט געוואָרן.

די לאַזאַרעט־סאַניטאַרן, האָבן ענערגיש געאַרבעט ביים צונעמען זיי פון פּלאַץ.

און ער, דער טיכטיקער גענעראַל, איז דערביי געזעסן שטאָלץ און ערנסט אויף זיין שיין ווייס פערד, אַרומגערינגלט מיט אַ טוץ קאָמאַנדירן, וועלכע האָבן ממש געציטערט פאַר זיין אָטעם, — ווייל פון זיין שאַרפן שניידיקן בליק, איז נישט פאַרלוירן געגאַנגען קיין מינדסטער ריר אָרום און אַרום, אַזוי בולט

און דייטלעך האט ער אַלץ אַרום זיך געכאַפּט מיט זיין אויג.

אַהיים, אין די קאַזאַרמעס, האָט מען מאַרשירט אונטער די קלאַנגען פון דער מוזיק. די געמיטער האָבן זיך דורך זיי גיך באַרויקט, און אויסגעהונגערטע, האָט מען מיט גרויס אַפּעטיט געזופּט די פעטע לאַגער־זופּן.

אָבער נישט לאַנג גערוט, ווייל מ'איז ווייטער צום שיס־פּלאַץ אַוועק, צו באַלייגן דעם „עקזאַמען" פון קאָנען שיסן. אויף דעם זענען מיר דאָך געווען „שיסער־פּולקן".

צו די, וועלכע האָבן געהאַט „אַ גוט אויג" און געקאָנט כאַפּן גיך און דייטלעך דעם „מיטן פון פריצעל", וואָס אַ דאַנק דעם האָבן זיי תמיד געטראָפן אין „ציל", — צו זיי האָבן זיך די „עלטסטע" גענומען צופּוצן, מ'האָט זיך מיט זיי געפּיעשטשעט ווי מיט בני יחודים.

יעדע ראָטע האָט געוואָלט שלאָגן דעם רעקאָרד און געווונען דעם ערשטן, ווען נישט, איז לכל הפּחות דעם צווייטן צו דעם דריטן פּאָלקאָוואָי פּריז.

צווישן די, וועלכע האָבן זיך אין אונדזער ראָטע, תמיד, אין שיסן אויסגעצייכנט, איז געווען אַ דייטש, געבוירן אין מיין שטעטל. זיינע עלטער־זיידעס זענען שוין געווען איינגעוואַנדערטע אין פּוילן פון דורות לאַנג, אויב ער האָט שלעכט גערעדט רוסיש, האָט ער דערפאַר אונדזער ראָטע קיינמאָל נישט פאַרשעמט מיט זיין אויסגעצייכנט קאָנען שיסן.

אונדזער ראָטני, ה' באָגאָמאָלאָוו, האָט אים זייער ליב באַקומען, געניאַנטשעט זיך מיט אים, און איידער ער האָט גענומען אַרויסלאָזן די גילזן פון ביקס, האָט ער אים נישט איבערגערעכנטערהייט אַ זאָג געטון:

פראַנץ! שיסן זאָלסטו אַזוי, אַז ווען דאָרטן אויפן אָרט פון די „מישענקעס" וועלן זיך געפינען אַ טוץ דייטשן, זאָלסטו אַלע מיטן אויגנבליק גלייך דערהרגענען.

דער „ראָטני" האָט זיך גלייך געכאַפּט, אַז ער איז באַגאַנגען אַ פעלער, האָט ער אַ שמייכל געטון און מיט דער רעכטער האַנט די וואָנסעס שפּיציקער געמאַכט, און פאַרווישט איז געוואָרן

דער חשד, וועלכן ס'האָט געקאָנט וועמען פון אונדז איינפאַלן.

און אויב ער האָט באַמערקט, ווי פראַנק רויטלט זיך, האָט ער אַ זאָג געטון:

— נישט דיך מיינט מען, דו ביסט דאָך קיין דייטש נישט. דאָס מיין איך די אמתע דייטשע פּרוסאַקעס. ווען זיי וועלן דיר אַנטקעגן קומען, זאָלסטו זיי אַלעמען דערשיסן".

קיינעם פון אונדז, אפילו אים אַליין איז נישט געקומען אויפן רעיון די דאָזיקע רייד, ערנסט אָנצונעמען.

* *
*

ענדלעך, אין אַ שיינעם פרימאָרגן, האָט מען צונויפגעלייגט אונדזערע „פּאַלאַטקעס", אין וועלכע מיר האָבן זיך געפונען צוועלעכע מאָל, און זיך מיט אַ טאַראַראַם אויסגעשטעלט אויף אַ פּלאַץ אין אַ גאָר געהויבענער שטימונג, צום לעצטן „פּאָכאָד" — צום אָפּמאַרש.

יעדער, האָט אויף זיך געטראָגן אַ שפּאָר ביסל אַמוניציע, עסן, קליידונג און געווער, דאָך האָט מען מאַרשירט צופרידן און פרייליך איבער די גרויסע וועלדער, אונטער דער הייסער טרוקענער זון.

וואָס ווייטער, האָבן זיך פון אַלע וועגן באַוויזן, דורכציענדיקע מיליטער־פאָרמאַציעס, אַרטילעריע, קאַוואַלעריע א. א., וואָס האָבן זיך באַהעפט און דורכגעפלאָכטן אין אַ ריזיקער שלאַנגקייט, וועלכע האָט דערגרייכט מיט איר שפּיץ, אַזש קיין העלזינגפאָרס. פון דאָרט האָט מען באַדאַרפט אָפּפאָרן אויף שיפן קיין קראָנשטאַט, און פון דאָרט ערשט גיין צו־פוס קיין „קראַסנאָיע־סעלאָ".

אַ באַקאַנטער יודישער סאָלדאַט פון לאָדזש, וואָס האָט זיך געפילט מאָדנע גוט אויפגעלייגט, און איז געווינט געווען צו כּלערליי אָפּטע איבעראַשונגען און איינדרוקן אַלס געוועזענער קאָמיוואָיאַזשאָר, האָט פאַרגעסן אָן זיין ביז איצטיקער טרויעריקער שטימונג און אומצופרידנקייט, און ווידער צעשפּרייט זיינע נאַרוואָס אַראָפּגעלאָזטע פליגל. זיין פּנים האָט אויפגעשיינט און מיט טריאומף זיך געווונטשן:

— זאָל כאָטש אַ מלחמה אויסברעכן, אַבי פריילעך זאָל זיין, טשאָרט פאָביערי !...

דעמאָלס, אָבער, האָט אַלץ אַרום נאָך געשוויגן...

*

* *

מען האָט מאַרשירט שטאָלץ, פאַרשטויבטע, אָפּגעברענטע און שווייסיק־ברודיקע. מיילנווייט, האָט מען געשפּירט דעם באַזונדערן רוסישן סאָלדאַטסקען גערוך... מ'האָט לוסטיק און לעבעדיק געזונגען די באַקאַנטע סאָלדאַטן־לידלעך און אונטערגעפייפט מיט קולי־קולות איבער די גאַסן פון העלזינגפאָרס, ווו די קאַלטע, רויִקע פינלענדישע פּאָליציי־לייט, שטייענדיק אויף זייערע פּאָסטנס ביי די עקן פון די גאַסן, האָבן משונהדיק באַקוקט די „פריילעכע־קאָמפּאַניע"...

און דאָס זינגען האָט זיך, וואָס ווייטער, מער צעשאַלט. איין סאָלדאַט, מיט זיין דינענקע שטימעלע, לאַנגזאַם, לויטן טאַקט פון גיין, הויך אויפן קול זיך צעזונגען !

דערויף האָבן אַלע מיט זייערע סאָפּראַנען און באַגלייט־שטימען אונטערגעכאַפּט. און דאָס שאַלן פון הונדערטער שטימען האָט ווייט, ווייט אָפּגעקלונגען :

טרי דערעווני, וואָסיעם סיעלאָ,
וואָסיעם דיעווּק, אָדין יאַ,
קודאַ דיעוועק,
טודאַ יאַ !
(שטעטלעך דריי און דערפער אַכט.
מיידלעך אַכט, און אייגער איך.
ווו די מיידלעך,
דאָרט בין איך !)

דיעווקי וו'לעס, יאַ זאַ נימי,
דיעווקי וו'ראָשטשו, יאַ ז'נימי,
קודאַ דיעווקי,
טודאַ יאַ !

די מיידלעך אין וואַלד איך נאָך זיי,
די מיידלעך אין די קשאַקעס איך מיט זיי
וואו די מיידלעך
דאָרט בין איך!

און ווייטער:

באַראַבאַן גראַמקאָ ביוט,
נאַשאַ ראָטי, וו׳סטרוי אידיאָט,
נאַשאַ ראָטי, וו׳סטרוי אידיאָט,
אידיאָט! אידיאָט! אידיאָט!!!

(דער באַראַבאַן שלאָגט הויך,
אונדזער ראָטע גייט אין דער ריי
אונדזער ראָטע גייט אין דער ריי
גייט! גייט! גייט!)

די לעצטע דריי ווערטער זענען ספּעציעל שטאַרק אַקצענ־טירט געוואָרן און דאָס האָט אַרויסגערופן אַ אומגעהויערע אויפ־לעבונג און הייטערקייט ביי אַלע איינוווינער. ביי אויפגעפּראַלטע פענסטער, איז מען געשטאַנען היבערגעוועקטע פון זיסן פרימאָרגן־שלאָף אין די נאַכט־וועש און נאָכגעקוקט די זינגענדיקע.

די איינציקע יידישע איינוווינער, וואָס שטאַמען אָפּ פון רוסלאַנד, האָבן אונדז אויפגענומען פריינטלעך און מען האָט באַלד געקאָנט באַמערקן זייער אָפּנהאַרציקייט און ברייטוויליקייט...

די רוסישע סאָלדאַטן האָבן אויפגעלעבט, ווען זיי האָבן ווידער דערזען פאַר זיך פרויען־געשטאַלטן, וואָס זיי האָבן אַ לענ־גערע צייט נישט אָנגעזען פאַר די אויגן, און האָבן געשמייכלט און געכיכעט.

ביז דעמאָלט, האָט דער יצר־הרע קיין שליטה נישט געהאַט אויף די נאַיווע פויערים, וואָס זייענדיק אין דער מיליטערישער פינלענדישער באַד באַדינט, פון אָרטיקע פרויען, האָט מען געמוזט בעל־כּרחו איינהאַלטן זיך נישט צו האָבן קיין מגע־ומשא מיט זיי און מען האָט זיך געפילט עפּעס מאָדנע פאַרצווייפלט: — אַ סאָל־דאַט צו זיין און נישט זינדיקן...

ווייל אַזוי האָט געוואָלט דאָס לאַנד, נישט צו פאַרמישן דאָס שטאָלצע פינלענדישע בלוט, מיטן רוסלענדישן מענטשן — אין מען האָט געמוזט נאָכגעבן.

דאָ אָבער, אין דער גרויסער שטאָט, האָט זיך געפונען אַ נישקשהדיקער פּראָצענט לייכטזיניקע, וועלכע האָבן הויך און פרעך אַקעגן געלאַכט צו די אויפגעהייטערטע סאָלדאַטן-מחנות.

אַזוי איז מען אַרויס הינטערן שטאָט, ווו מען האָט זיך צע-שפרייט איבער די פּויערישע כאַטעס און סטאָדאָלעס.

אינדערפרי, — מיר זענען גרייט צו גיין און, עפּעס רירן מיר זיך נישט פון אָרט... עפּעס מערקט זיך אַ פּלוצלינגדיקע ענ-דערונג, אַ געשושקעריי צווישן די אָפיצירן, אַ סך מיט אַראָפּגעפאַ-לענע געמיטער, אַנדערע ווידער, מיט עפּעס אַ געמאַכטע צע-פרידנקייט.

— מלחמה! מאָביליזאַציע!—דער דייטש גייט אויף אונדז! — האָט זיך געהערט.

אַ מאָדנע אומבאַוווסטע שטימונג האָט אַלעמען באַהערשט, עפּעס האָט מען זיך נישט רעכט געקאָנט אָריענטירן, וואָס פאַר אַ באַדייטונג עס האָט פאַר אונדז דידאָזיקע ווערטער.

אין משך פון אַ זומער-טאָג, האָבן מיר אַלץ שוין געהאַט צונויפגעפּאַקט אין גרעסטער איילעניש. דאָס נויטיקסטע, דאָס נוצ-לעכסטע, פאַרהאַלטן מיט זיך און דאָס איבעריקע, געלאָזן ווי אייבער האָט געקאָנט און אויף צומאָרגנס באַגינען, האָט מען זיך שוין צו-ריק געפונען אויף אונדזער שטענדיקן זיץ-אָרט, אין די אַלטע קאַזאַרמעס.

און אַ וווּנדער איז געשען: תּיכּף האָט זיך געוואָרפן אינם אויג אַ גרויסע ענדערונג — די דיסציפּלין האָט אָפּגעלאָזן. די אייזערנע פעסטע קאַזאַרמע האָט זיך אַ וויג געטון. צו די אַקטיווע מיליטערישע רייען, איז במשך פון צוויי טעג צוגעקומען דער רע-זערוו פון פּעטערבורג און אומגעבונג. — נייע פּנימער, ס'רוב מיטליאָריקע און עלטערע מענטשן. און באַלד האָט זיך געלאָזט פילן אַן אומאָרדענונג. דאָס באַציען זיך פון די העכערע נאַטשאַל-סטוואָ צו די סאָלדאַטן איז געוואָרן מילדער און ווייכער.

פּיבערדיק האָט מען זיך גענומען צוגרייטען צום אָפּמאַרש אויפן פראָנט, צו די מלחמה־פעלדער. דער הויף און די קאַזאַרמעס האָבן באַקומען אַן אויסזען ווי אַ מאַרק אין יריד־צייט, אַנגעוואָרפן פול מיט אומרייניקייטן און פול מיט געשרייען און געפּילדער. עס איז אַ האַנדל מיט סאָלדאַטסקע קליידער און שוכוואַרג. אָבער גיך איז אָנגעקומען די „געזעגנונגס־צערעמאָניע", ווען דאָס גאַנצע מיליטער אַרום, האָט זיך פאַרזאַמלט אונטערן פרייען הימל אָפּצוהיטן דעם לעצטן גאָטעס־דינסט אויפן גרויסן פּלאַץ. דער פּאָלקאָוואָי־קאָמאַנדיר, אַן אַלטיטשקער מיט אַ זילבער־ווייסן קאָפּ האָר און אַריסטאָקראַטיש־מיליטערישן אויסזען, האָט מיט אַ טרויער־געפיל געהאַלטן די „זנאַמיע" אין איין האַנט און מיט דער צווייטער האַנט אַלעמען באַשווירען, — ביזן לעצטן טראָפּן בלוט זיך צו שלאָגן פאַרן קייזער און פאָטערלאַנד. די שטים האָט שאַלנדיק געציטערט:

„רוסלאַנד, פאַראייניקט מיט זיין העכסטן מושל יעוואָ אימפּעראַטערסקאָיע וועליצעסטוואָ, האָבן געוואָלט שלום און היינט ווילן מיר עס שוין נישט!

מיר זענען גרייט דעם שונא צו ווייזן אונדזער שטאַרקייט און אים מיט די גאַנצע קראַפט באַזיגן!

מיר גיבן אַלע פעלקער, וואָס באַוווינען אונדזער לאַנד גלייכע רעכט, אַלעמען אָן אויסנאַם און יידן בתוכם און איר געדענקט יעדן טריט צו פאַרטיידיקן קעגן שונא!"

און ביי שרעקלעכע האַרצרייסנדיקע געוויינען און געשרייען פון די ווייבער און קינדער, האָט די טויזנט־קעפּיקע שטים גערוישט:

— מיר שווערען! מיר שווערען!

די מוזיק האָט פאַרטויבט און פאַרשיכורט אַלעמען די מוחות און אין אַ געהויבענער שטימונג איז מען אונטער לוסטיקע מאַרשן געזאַנגען אַוועק צום באַן.

— ראַז—דוואַ—טרי! ראַז—דוואַ—טרי!, האָט דרייסט און אויפן קול געציילט דער עלצטער ביים זייט גייענדיק און די

בלאַנקע שווערד, פעסט געהאַלטן אין זיין רעכטער האַנד און גע-
פירט דרייסט און העלדיש די רייען איבערן שטאָט.

אָט אַזוי איז מען אַוועק צום פראָנט, — וווהין? דאָס באַטיר-
לעך האָט קיינער נישט געוווסט און נישט געקאָנט זאָגן...

---

# די ערשטע שלאַכטן

אין דעם עשאַלאָן צונויפגעשטעלט פון אַ לאַנגע ריי פּראַכט־וואַגאָנען אין וועלכן מיר האָבן זיך איצטער געפונען, איז געווען אָנגעפּאַקט פול מיט מענטשן ווי הערינג אין אַ פעסל און ס'האָט זיך געפילט א געשטאַנק און אַ עיפּוש.

יעדער סאָלדאַט, האָט געהאַלטן פאַר זיין חוב, וואָס מער צו רייכערן די רוסישע מאַכאָרקע. דער רויך איז געווען ביז צום דערשטיקן.

געלעגען איז מען אויף דער פּאָדלאָגע אין דער גרעסטער ענגשאַפט און געהאלטן אין איין זינגען, אין איין רייסן דעם גאָרגל. אין דעם מין צושטאַנד פון שיכּרות, האָט מען זיך געפונען די גאַנצע צייט פון פאָרן.

אויף די סטאַציעס אונטער יעדער שטאָט, ווען אונדזער עשאַלאָן איז געבליבן שטיין אויף עטלעכע שעה צייט, האָבן זיך די וואַגאָנען אינגאַנצן אויסגעלערט. דער רוב איז זיך צעלאָפן: ווער איינקויפן ברויט, טאַבאַק, אָדער מיט אַ קעסל נאָך הייסן „קיפּיאַטאָק”. אַנדערע ווידער זענען געלאָפן זען ווי די שטאָט זעט אויס.

דערנאָך, לאַנג, לאַנג האָט געדויערט ביז דער פּאָלקאָוואָי־טרובאַדיסט, וועלכער האָט מיט זיין טרובע סיגנאַליזירט, גערופן זיך צונויפקלייבן פאַרן אָפּפאָרן פון צוג אין ווייטערן וועג אַריין, האָט צונויפגעזאַמלט אַלעמען צוריק אין עשאַלאָן.

ביים אָפּפאָר, האָבן אונדז באַגלייט מענטשן מיט שיינעדי־

קע, פריילעכע, פנימער. מענער ווי פרויען, אַלט ווי יונג, אַלע האָבן אונדז מיט ענטוזיאַזם געזעגנט.

— צום ווידערזעען, סאָלדאַטן־קעמפער! פאָרט זיך שלאָגן פאַר גערעכטיקייט און פאַר גלייכהייט. דעם שונא אָנלערנען, ער זאָל שוין א צווייט מאָל נישט דערוועגן אָנצוהויבן מיט די, וועל־כע וועלן אים בלויז מיט דעם צאָל מענטשן פאַרטומלען און איינ־שלינגען, ער זאָל שוין איינמאָל געדענקען, מיט וועמען אים האָט זיך פאַרגלוסט אָנצוהויבן מלחמה צו פירן! — האָבן זיך געהערט די מענטשן־שטימען דונערן.

האָט זעבען מיר רוסלאַנד דורכגעפאָרן און צוקומענדיק האַרט צו דער דייטשער גרענעץ, ווו אינמיטן דער נאַכט זענען מיר גע־וועקט געוואָרן פון האַרטן, פעסטן שלאָף. עס עפענען זיך די טירן פון די וואַגאָנען און מיר שפרונגען אייגער נאָכן אַנדערן אַרויס.

אַרום אונדז, האָט אַ טיפע שטילקייט געהערשט. אַ האָן האָט אַ הויכן קריי געטון; און מיר, אויסרייבנדיק זיך די אויגן, האָבן שאַרף אין אים זיך געטון איינהערן. דער פרישער, נאָך פריצייטי־קער זומער־טוי, האָט אַלעמען דורכגענומען מיט אַ קאַלטן שוידער, און דעם געוויינלעכן גערודער, צו וועלכן מיר זענען געוווינט גע־ווען, האָבן מיר זיך צונויפגעזאַמלט, יעדער צו זיין ראָטע.

אונטער דער אָנפירונג פון באַטאַליאָן־קאָמאַנדיר, האָבן מיר אָנגעהויבן וואָס שנעלער זיך צוגרייטן אין וועג אַריין צום פראָנט.

מיר מאַרשירן דורך דער שטאָט אויגוסטאָוו. מיט געגוג אויפמערקזאַמקייט און איינגעהאַלטענעם אָטעם פון נייגעריקייט, זוכן מיר „דאָס באַהאַלטענע", וואָס עס שטעלט אין אונדזער פאַנטאַזיע פאַר די פראָנט־ליניע.

מיר איילען אונטער דער אָנפירונג פון קאָרפּוסנעם גענעראַל פאָן דען ברינקען, צו געבן הילף דעם גענעראַל רענענקאַמף, וועל־כער קעמפט העלדיש אין מזרח פרייסן שוין נישט ווייט פון קע־ניגסבערג.

ווען מיר האבן שוין געהאַט אָפּמאַרשירט פון שטאָט עטלע־כע קילאָמעטער, האָט זיך געלאָזט באַמערקן אַ אָנגענעמע ערשיי־

נונג: אויף דער ערד, אויף וועלכער מיר טרעטן, גייט זיך אַזוי לייכט, אַזוי גוט, פשוט אַ מחיה. אין רוסלאַנד, פּוילן, שלעפּט מען זיך אין מאַדנע, זאַמדיקע וועגן און דאָ, האָבן מיר געשפּאַנט אויף האַרטע אויסגעפלאַסטערטע, ברוקירטע, אָדער גאָר האַלץ-שאָסייען און פון די זייטן, האָט אונדז פאַרשמעקט דער ריח פון די פאַר-פלאַנצטע פאַרשידענע שוין צייטיקע פרוכטן-ביימער.

איצט זענען מיר שוין פעסט איבערצייגט געווען ביי זיך דאָס מיר טרעטן אויפן פיינטס ערד.

מיטאַמאָל האָבן די מיליטער-אָרקעסטערס, וואָס זענען געגאַנגען אָן דער שפּיץ פון יעדן פולק, אָנגעהויבן הויך צו שאַלן און מיר האָבן אונטער זייערע טענער דורכמאַרשירט די שטאָט ליק, ווערנדיק פריינטלעך אויפגענומען דורך די דייטשע קינדער, וועלכע האָבן די היטלען געצויגן פאַר די הערן אָפיצירן און באַ-גריסונגען פון פרויען, וואָס האָבן שמייכלענדיק אונדז באַגלייט.

מיר ווערן אויף עטלעכע טעג צייט, איינקוואַרטירט אין דער שטאָט, צו עטלעכע צענדליקער סאָלדאַטן אין אַ וווינונג און דער רוב פון אונדז, האָט זיך געלאָזן אַ הוליע טון.

ווי פאַרסמטע מייז, איז מען דורכגעלאָפן די אָפענע, שיינע, הערלעכע, פוסטע וווינונגען, דורכטאַפּנדיק אַלץ וואָס עס האָט זיך אין זיי געפונען, צונעמענדיק וועש, מלבושים, שטיקלעך שפּיגלען א. א. וו., אַלץ וואָס עס האָט געקאָנט וועלכע עס איז נוצן ברענ-גען פאַר זיך, האָט מען אַריינגעפּאַקט אין די קעשענעס און ראַנצעס

און ווי גערן האָט מען געגלוסט די שיינע שענק, מעבל, מיט זיך מיטצונעמען. און ווייל דאָס איז געווען אוממעגלעך, האָט מען פאַר כעס זיך געלאָזן אין די קעלערס, ווו מען האָט מיט די פולע הויפענס, פון די טעפּ און פלאַשן, געפרעסן קאַרשן, פלאַ-מען און איינגעמאַכטסער. מען האָט געלעקט די פינגער פון דעם זיסן צוקלעפּנדיקן האָניק און פון די אַלע אַנדערע גוטע זאַכן, וואָס די דייטשע באַלעבאָסטעס האָבן אָנגעשטעלט, בישט ריכטנדיק זיך אויף אַזאַ סוף.

די פּאָדלאָגעס זענען געווען באַשיט מיט אַ מבול פון צעריסענע וואָכן-זשורנאַלן און טעגלעכע צייטונגען, אויסגעמישט מיט אויסגע-

דיסענע בלעטער פון קלאַסישע ביכער פון די בעסטע דייטשע דיכטער און שרייבער. צווישן זיי, אויך דיקע פראַכטפולע בלעטער פון די פראָטעסטאַנטישע געבעטס־ביכער. דאָס אַלץ האָט זיך אַרומגעוואַלגערט צונויפגעמישט מיט די גרעסטע אומרייניקייטן, וואָס די סאָלדאַטן האָבן געמאַכט.

אין די פאַרבליבענע פון פיינט: פרויען, קינדער, אָדער גאָר אַלטע לייט, האָבן אין ציטערניש אין זייערע געצעלטן זיך באַהאַלטן און געוואַרט אויף אונדזער ווייטערן אָפּמאַרש און כאָטש עס זענען געוואָרן אַרויכגעגעבן שטרענגע באַפעלן פון דער העכערער מיליטערישער פירונג, נישט צו רירן פרעמדס, האָט עס גאָרנישט קיין נוצן געהאַט. מען איז געווען פאַרשיכּורט פון ווייַן און צעפרידנקייט, ביז מען האָט לויט אַ באַפעל געמוזט זיך צונויפקלייבן און ווייטער אַוועקמאַרשירן.

אַרויס פון שטאָט זענען מיר, ווען עס איז שוין באַלד געווען אין די אָוונט שעהן. מיר מאַרשירן דרייסט נענטער צום פראָנט. פלוצלינג ווערן אַלעמענס אויגן געווענדט אינדערהויך צום הימל. איבער אונדזערע קעפּ, פליט אָן שרעק, אָן מורא א פיינטלעכער אעראָפּלאַן.

פאַר אונדז איז דאָס געווען אַ ניי מין געשעעניש. מיר האָבן דאָס היינט צום ערשטן מאָל געזען. און ווי לויט אַ באַקומענע קאָמאַנדע, נישט ווויסנדיק פון וועמען זי איז געגעבן געוואָרן, האָט דער גאַנצער טאַבון אויף אַ מהלך פון וויאָרסטן רייען פּיעכאָטע, געהויבן די ביקסן אינדערהויך און צילנדיק צום אַעראָפּלאַן, געעפנט אַ שטאַרקע שיסעריי. די אַרטילעריע, וואָס האָט אונדז באַגלייט, האָט אויך אָנגעהויבן צו שיסן, אָנשטעלנדיק די שפּיצן, צום פליענדן פויגל.

— וואָס איז דאָס ? האַלטס ! גענוג !!!

עס האָבן זיך געהערט קולות, הייזעריקע פון שרייען, פון די ראָטנעס און באַטאַליאָן־קאָמאַנדירן, וועלכע זענען אַרומגעלאָפן ווי צעמישטע.

ערשט נאָך לאַנגע צענדליקער מינוטן, איז זיי פאָרט געלונגען צו באַרויקן אַלעמען, אויפווייזנדיק די נאַרישקייט, פונם

לייכטזיניקן שיסן, ווייל די אויסגעשאסענע קוילן־גילזן, האָבן צום עראָפּלאַן נישט דערגרייכט, ווייל קיין ריכטיקן „פּריצל", האָט מען נישט געקאָנט נעמען...

דער עראָפּלאַן, האָט זיך רויִק באַוויגן איבער אונדז, מאַכנדיק דעם אָנשטעל, אַז ער לאָזט זיך פרייוויליק צו אונדז אַרונטער, ער האָט מיט אַ אָנזעעודיק ווייס טוך געפאָכעט, אַלס צייכן מ'זאָל מאַכן אָרט, און לסוף געפלויגן ווייטער, וויסנדיק אויף קלאָר, אַז אונדזער שיסן אַרויף צו אים, איז לחלוטין אומזיסט.

אָבער דערפאַר, האָבן די אַרויסגעשאָסענע גילזן־קוילן געטראָפן אין די אייגענע אויסגעשטעלטע רייען סאָלדאַטן. אַראָפּפאַלנדיק צוריק, האָבן זיי געברענגט פאַר אונדז פאַטאַלע רעזולטאַטן: הונדערטער מענטשן זענען געפאַלן פאַרוווּנדעטע און אויך טויטע זענען געווען און אַלץ דורך דער לייכטזיניקייט פון די „צעיושעטע שיסערס". איבערלאָזנדיק די קרבנות, האָבן מיר אָפּמאַרשירט אין אַ ווייטערער ריכטונג ביז שפּעט אינדערנאַכט. צוקומענדיק צו אַ גרויסן דאָרף, האָט מען זיך צעוואָרפן איבער די פויערישע סטאַדאָלעס און כאַטקעס שלאָפן.

באַגינען, האָבן מיר זיך געלאָזט אין ווייטערן מאַרש. נאָך טעג נאָכאַנאַנד גיין, זענען מיר שוין געווען נישט ווייט פון יאָהאַניסבורג. מיטן פיינט האָבן מיר נאָך אַלץ קיין צוזאַמענשטויס נישט געהאַט. פיל פון אונדז האָט זיך שוין דאָס געהאַט צוגעגעסן. עס האָט געלאַנגווייליקט, דאָס כסדרדיקע גיין צופוס. מען איז געוואָרן געשפּאַנט צוצוקומען וואָס שנעלער צום קאַמפּס־פּלאַץ.

און אָט אין אַ מיטן דער נאַכט, ווען מיר זענען געלעגן אויסגעטועטע אויף די געלעגערס, אויסגעבעט פון אונדזערע מאַנטלען און האַסטיק געשלאָפן, צעוואָרפן איבער אַ גרויסן דייטשן פאָלווארג, ווערט מען פלוצלינג געוועקט פון אַ שטאַרקן אַלאַרם. די „ראַזוויעדסציקעס" (אויסשפּירער), זענען געקומען צולויפן מיט דער ידיעה, אַז זיי האָבן זיך געטראָפן מיט אַ פיינטלעכער אויסשפּירגרופּע און מען מוז דערפאַר שוין זיין גרייט אויפצונעמען די ערשטע שלאַכט.

אין איילעניש, האָט יעדער סאָלדאַט צוגענומען די אים צו־

[illegible] אין דער
פינסטערניש פון אַ סוף חודש נאַכט זענען מיר אַרויס. און וואָס ווייטער, שפּעטער, אַלץ שטילער, מיט איינגעהאַלטענע אָטעמס, ווי מיר וואָלטן אַלע אין זאָקן געגאַנגען.

— שאַ! שאַ! — האָבן זיך געהערט שטימען.

און מיר גייען אַזוי לאַנג, ביז די נאַכט־פינסטערניש האָט גענומען לאַנגזאַם פאַרשווינדן, דער הימל האָט גענומען בלייכן און מיר זענען געבליבן שטיין ביי אַ שיטערן וואַלד.

עס דערהערט זיך דער באַפעל פון קאָמאַנדיר, מיר זאָלן זיך צעוואַרפן איבערן וואַלד. און נאָך רעכט נישט געהאַט אויסגעפירט דעם באַפעל, האָט אונדז פון אַנטקעגן, גענומען שיטן אַ האָגל פון ביקסן־קוילן. ווי אַ שלאַקס־רעגן אין אַ פאַרנעם היציקן זומער־טאָג, אַזוי איז אַרום אונדז געדיכט געפלויגן, צוערשט קוילן און באַלד דערנאָך האָט זיך געהערט אַ העפטיקע שיסעריי פון האַרמאַטן, געצילט אַהער צו אונדז.

מיר זענען געוואָרן פאַרשפּאַרט דורך אַ פייער־פאַרפלייצונג. די געשרייען און הילפס־רופן זענען געוואָרן אומגאַטירלעך גרויס. קיין שוץ־גרובנס האָבן מיר באַטירלעך נישט באַוויזן צו מאַכן, נאָר מיר זענען געלעגן ביי די זייטן פון די ביימער. דאָס ערשטע מאָל האָט מען דערזען פּנים אל פּנים די שרעק פון דער מלחמה. בלוט האָט גערונען שטראָמענווייז. ווי פאַרסמטע, איז מען זיך געלאָפן ראַטעווען נישט וויסנדיק וווהין. מייסטנס ביים לויפן, האָבן זיי גראָד געפונען דעם טויט, אָדער צעריסענע אברים. אַ אַלגעמיינע צעמישונג האָט זיך צעשפּרייט אַרום אונדז.

איך ליג אויסגעצויגן אויף דער ערד. מינוטן־ווייז קוק איך אַהין, פון וואַנען מ׳האָט געזען בליצן פון די פייַנטלעכע האַרמאַטן. דער שטח איז געווען גאָר אַ נאָענטער, סך־הכל אַ הונדערט איילן פון אונדז. מען האָט יעצט ביי דער שיין פון טאָג־ווערן, געקאָנט מערקן, דאָס מיר געפונען זיך נישט ווייט פון אַ שטעטל. אויך פון אונדזערע רייען, האָט זיך געהערט אַ שיסעריי פון האַרמאַטן, געצילט אויפן פייַנט. פון אַלע זייטן שטעטל, האָט מען געזען ווי־

עס פלאַקערן פייערן פון די אויפרייסנדיקע שטיקער סנאַראַדן פון אונדזערע באַטעריעס.

נאָענט צו מיין אויג, האָב איך געזען, ווי אַ פייער צינדט אָן אַ גרויסע, לאַנגע, קו־שטאַל, ווו ס׳האָבן זיך געפונען, עטלעכע רייען פון צענדליקער בהמות. פונקט ווי ביי מענטשן, ווערט זיך איינער דורכן פאַרשטופן דעם צווייטן פאַר זיך, כאָטש וויסנדיק, דאָס אויך אים טרעפט דער טויט, אַזוי האָבן זיי זיך איינגעפלאָכטן אין אַ קופּע, שרייענדיק, באשיצנדיק קודם זיך דורך דער צווייטער בהמה און קעמפּענדיק אַזוי לאַנג, ביז דאָס פייער האָט די גאַנצע קו־שטאַל אין פלאַקערן אַרומגענומען און איינע נאָך דער אַנדערער איז פאַרברענט געוואָרן.

אויך מיר זענען דורך די שפּריצנדע אַהער וואָס אָפּטערע שטיקער סנאַראַדן, צעמישט געוואָרן, עס האָט זיך ביי יעדן פאַרלוירן די אָריענטירונגס־פעיִקייט. עס רוישט אין די אויערן פון הויכע הילפס־רופן, פון די וואַלגערנדיקע זיך נעבן אונדז, באַשפּריצטע אין בלוט, פאַרוווּנדעטע סאָלדאַטן, מיט אָפּגעריסענע הענט און פיס. מיר צעלויפן זיך פון דער טויט סכנה, אָן וועלכן ס׳איז באַפעל, אָן אַ פּלאַן, נישט אומקוקנדיק זיך וווהין מיר לויפן, אַבי זיך צו באַהאַלטן, צו אַנטרונען.

יעדער סאָלדאַט איז געוואָרן א ווילדע צעלאָזענע חיה. מ׳האָט נישט געלייגט קיין אַכט אויף די קרבנות, וואָס זענען געפאַלן אַרום זיך. די הייסע סעפּטעמבער־זון, האָט געברענט און געשטאָכן אין אונדזערע פּנימער, מיר האָבן דאַריבער נישט ווילנדיק פון זיך אַוועקגעוואָרפן אַלץ, וואָס מ׳האָט געהאַט ביי זיך: אַמוניציע, עסנוואַרג, ווי אויך דאָס געווער. ווייל די אויגן האָבן געאיילט וואָס גיכער צו אַנטרינען ווערן, נישט קוקנדיק, וואָס פון שרעק, האָט מען פולע הויזן מיט צואה.

לויפנדיק ווייטער האַסטיק, האָט מען דערזען, אַז מען געפינט זיך גאָר אין וואַסער. אין טיפע זומפּן. די דרייסטערע פון אונדז, האָבן געפּרוווט ווייטער לויפן, רעכענענדיק איבערצוקומען די בלאָטע און דאָס האָט זיי דעם טויט פאַרשאַפט. די שוואַ־

כערע, מער שרעקעוודיקע, האָבן זיך צוריקגעצויגן און דאָס האָט זיי מציל געווען פון טויט.

און פאַר אונדזערע אויגן, האָט זיך אַנטפּלעקט אַ בילד: מענטשן האָבן זיך פאַרפּלאָנטערט, פאַרדרייט אין הויכע גרינע גראָזן, אין געדיכט באַדעקטע לאַבאָנדזע-לאָנקעס. פון אויבן-אויף פאַרן מענטשלעכן-אויג, האָט זיך געדאָכטן, דאָס אונטן איז פאַר-האַן אַ גענוג הארטער באָדן, צום סוף איז עס געווען טיפע שיטע-רע בלאָטעס געמישט מיט וואַסערלעך, וועלכע האָבן דעם מענטשן אַ וואַקל געטון און נישט האָבנדיק מיט וואָס זיך צו ווערן, איז מען געוואָרן אומגעשליידערט און דערטרונקען געוואָרן.

דורך אַ נס, איז דאָך אַ גרויסער טייל זעלנער געלונגען אַנטרינען צו ווערן, כאָטש די פיינטלעכע קאַוואַלעריע האָט אונדז שטאַרק געיאָגט. מיר האָבן דעם צווייטן פרווו אַדורכצורייסן די מאַזורער אָזיערעס און אַריין נאָך קעניגסבערג, נישט אויסגעפירט.

די שארית-הפליטה, וואָס זענען ניצל געוואָרן פון טויט, האָבן זיך געשלעפּט, געפּלאָנטערט צווישן זיך אין גרעסטער אומאָרד-נונג, איבערגעשראָקענע, מטושטשע. מען האָט אויסגעמיטן אַ וואָרט צווישן זיך אויסצורעדן און געהאַלטן אין איין צוריקציען זיך נענ-טער צו דער רוסישער גרענעץ, ווו מען האָט זיך געקאָנט פילן זיכערער.

די שווער-פאַרוווּנדעטע, קאָנטוזנע, האָבן מיר פאַרבונדן די די ווונדן מיט די פּעקלעך באַנדאַזשן, וואָס האָבן זיך זעלטן גע-פונען ביי די סאָלדאַטן איינגענייט אין די מאַנטלען און זיי האָבן אונדז פאַרלאָזן, וואַנדערנדיק אין די שפּיטעלער אַריין.

יעדער סאָלדאַט, האָט גענומען זוכן זיין אָפּטיילונג, צו וועל-כער ער האָט אָנגעהערט און די לעצטע טעג זי געהאַט פאַרלוירן. מען האָט זיך גענומען פילן זיכערער, שטאַנדהאַפטיקער. די שי-סעריי איז נישט מער געווען צו הערן. דער פיינט איז שטייען גע-בליבן אויף אַ באַשטימטע פּאָזיציע. מיר האָבן זיך גענומען צוריק-שטעלן אַ אָרדענונג, ווערנדיק פריש באַקליידט און באַוואָפנט.

מען האָט זיך גענומען איינער ביים צווייטן נאָכפרעגן אויף-באַקאַנטע, וועגן וועלכע מען האָט נישט געוווּסט ווו זיי זענען.

צווישן אַלע אַנדערע צענדליקער סאָלדאַטן, וואָס האָבן געפעלט אין אונדזער ראָטע, איז אויך געווען ה׳ גאָלדמאַן, יענער, וועלכן אַלע זעלנער פון אונדזער ראָטע און אַלע אַנדערע אָפּטיילונגען פון אונדזער פּולק, האָבן באַזונדער ליב געהאַט, פאַר זיין גוטמוטיקייט. ער איז געווען דער ראָטנע שרייבער, וועלכער האָט אַלעמען געשריבן און ראַזירט און די באַצאָלטע גראָשנס געזאַמלט און זיי אַהיימגעשיקט צו דער מוטער אַן אלמנה, מיט אַ איינציקער שוועסטער, וועלכע זענען געזעסן אין אַ גרויסער שטאָט אָן פּרנסה, וועלכע האָבן ביז צום מיליטער־דינסט געלעבט פון זיין פאַרדינטן גראָשן אַלס וועבער־אַרבעטער. אויך ביים דינסט, האָט ער שווער געהאָרעוועט דעם גאַנצן זונטיקדיקן טאָג און אַלע ביינאַכט ביז די גאָר שפּעטע שעהן, וועלכע נאָר ער אַליין האָט געמעגט אויסנוצן פאַר זיך, ווייל אפילו די שטרענגע פעלדפעבעלס, האָבן זיך צו אים מילדער באַצויגן ווי צו אַן אַנדערן, זעענדיק זיין אַרבייטזאַמקייט און זיין שאַנעווען דעם גראָשן. אַזוינעם האָבן אַלע געמוזט ליב האָבן. און יעדע וואָך אויסקויפנדיק אַ טשעק און האָבנדיק אים באַזאָרגט, האָט זיך זיין פּנים באַדעקט מיט אַ באַזונדערן שמייכל און צעפרידנקייט.

ער האָט איצטער געפעלט. אַ שטיק סנאַראַד פון אַ פיינט־לעכן האַרמאַט האָט אים צעשעדיקט. נאָר די אויסערגעוויינלעכע ליבע צו אים, האָט באַוויזן עטלעכע באַקאַנטע זעלנער זיינע, זיי זאָלן אים פאַרווונדעטערהייט אַרויפנעמען אויף אַ צוויי־רע־דער וועגעלע פון אַ ליגנדיקן פּולעמיאָט.

אָבער אויפן וועג, האָט ער געגומען גוססן. אין אַ צייט ווען די פערד האָט מען וואָס האַסטיקער געיאָגט און וועלנדיק זיך איינבברענגען אַ איבריקע וואָג, ווייל זיין משא האָט דאָ געקאָנט שפּילן אַ ראָליע, האָט מען אים אַראָפּגעוואָרפן. אין אַ נישט באַשטימט אָרט, געפונט זיך דער קבר פון דעם מענטשן, וועלכער האָט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק אין זיין געבורטס־שטעטל, בעת ער איז געזעסן אין אַרעסט אין דער „קאָזע״, אַלס נאָוואָבראַניעץ, אַ שרעקלעך פּאָרגעפיל געהאַט און צעוויינענדיג זיך דאַן שוידערלעך,

געהאַלטן אין שרייען: — טאַטע! פּונקט ווי דו, שטאַרב איך אויך באַלד, איך קום פון מיליטער־דינסט שוין מער נישט צוריק אַהיים!

* * *

שוין אַריבער עטלעכע טעג און ביי אונדז אין פּולק הערשט אַ מאָדנע אומפאַרשטענדלעכע מרה־שחורה, וואָס איז פאַר אונדז סאָלדאַטן געווען אומבאַקאַנט, אָבער מיר דערוויסן זיך פאָרט, אַז די „פּולקאָוואָי־זנאַמיע" פעלט, מ'ווייסט נישט ווו זי איז אַהינגעקו־מען און אָן דער „הייליקער פאָן", מוזן מיר צעוואָרפן ווערן צווישן אַנדערע פּולקן, דאָס איז געווען פאַר אונדז אַ דערנידערונג. מען האָט געהאַלטן אין איין אויסרופן, ס'זאָלן זיך מעלדן די, וועל־כע ווייסן עפּעס צו זאָגן וועגן דעם ענין. און געפאַלן, מוטלאָז, מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, איז מען אַרומגעגאַנגען, ביז ס'איז געקו־מען צופאָרן אַ ברעטשקע געשפּאַנט אין צוויי פערד, אין וועלכער איז געזעסן אַ פריילעכער, דער פּולקאָוואָי־באַטושקי און מיט שמחה איבערגעגעבן, אַז די זנאַמיע געפינט זיך ביי אים, אָנדערציילנדיק נסים ונפלאות, וויאַזוי ער איז מיט איר אַנטרינען געוואָרן, אַרויסרייסנדיק זיך פון דעם פיינטלעכער קאַוואַלעריע. אָפיצירן און סאָלדאַטן, האָבן אים געהאַלדזט, געקושט פאַר זיין העלדנטאַט. און ער איז געשטאַנען און מיט שטיקנדע פון טרערן נאַסע אויגן געשריגן:

— זעט! גאָט וועט אינדז אויך ווייטער מציל זיין. מלחמה הייסט: מסירת נפש און ווען איר וועט דאָס האָבן, וועט גאָט זיין מיט אונדז אויף יעדן טריט.

אמן! אמן! האָט פאַרהילכט די לופט, שרייענדע קולות פון די זעלנער.

* * *

לאַנגזאַם איז צוריקגעשטעלט געוואָרן אַ באַשטימטע אָרדנונג אין אונדזערע מיליטערישע רייען. מען האָט זיך ווייניק וואָס אָפּ־געגעבן דין וחשבון פון די מענטשלעכע פאַרלוסטן. די אַוועקגעקומענע חברים, זענען פאַרגעסן געוואָרן. מען האָט פּרובירט אויף אַ קור־

צער צייט, זיך אַוועקשטעלן אויף אַן אַרט און זיך פאַרפעסטיקן, כדי פון אים צו קאָנען אָנגרייפען דעם פיינט און פון דאָ צוריק זיך נישט רירן. צו דעם האָט מען געמאַכט טיפע שיץ־גרובנס, געשלעפט צוזעגטע ביימער. אַ פיבערהאַפטע אַרבעט, האָט פאַרכאַפט טויזנטער מענטשלעכע הענט.

זייענדיק אויף דער וואַך, איז מיר אויסגעקומען אָנצוקוקן די דערשראָקענע אַלטע און מיטל־יעריקע דייטשן, וועלכע זענען אַרעסטירט געוואָרן בעתן דרייען זיך נאָענט אַרום די פאָדערשטע פאָזיציעס, באַשולדיקטע אין שפּיאָנאַזש לטובת זייער פאָטערלאַנד, האָט מען זיי דאָ אַהערגעבראַכט.

געזעסן זענען זיי אין די פערד־שטאַלן, מיט אַראָפּגעבויגענע קעפּ און געקוקט אויף אונדז מיט האַרץ־קלאַפּעניש, ווי געבונדענע בהמות, זעענדיק פאַר זיך אין שעכט־הויז דעם שוחט מיטן חלף אין האַנט. האָבן זיי געקוקט אויף אונדז זייערע שומרים, מורא האָבנדיק צו געניסן פון אונדז צו עסן און צו טרינקען. פאַריאָגנדיק פון זיך דעם שלאָף, האָבן זיי מיט אָפענע אויגן געהאַלטן אָנגעשטרענגט דעם מוח דערוואַרטנדיק אַ ביטערן סוף. צומאָרגנס, האָט מען זיי אָפּטראַנספּאָרטירט אין ווייטערן וועג אַריין.

אָבער לאַנג, איז אונדז קיין מנוחה נישט באַשערט געווען צו האָבן, נאָך אַ קורצע צייט נישט שלאָגן זיך מיטן פיינט, האָבן מיר ווייטער אָנגעהויבן אַרומצוגיין, אַרומשפּרייזן אינדערלענג און אינדערברייט פון דער פראָנט־ליניע. געפונען האָבן מיר זיך אין די געפערלעכסטע מקומות, ביי די געפערלעכסטע אומשטענדן, וואָס קאָנען נאָר פאָרקומען אויף שלאַכט־פעלדער. צו יעדער זאַך קאָן מען זיך אָבער צוגעוווינען, אַזוי איז שוין די טבע פונם מענטשן און מיר זענען פאַרהאַרטעוועט און געוווינט געוואָרן צו אַלעם, נישט קיין צייט געווען איבערצוקלערן זיך און איבערצוליינגן אַלץ.

מען האָט קיין געלעגנהייט נישט געהאַט אַריינצוקלערן רעכט וועגן דער אייגענער פערזאָן.

מיט אַלע זעלנער צוגלייך, האָב איך באַקומען אַ קאַלט האַרץ און אייזערנע נערוון, צוצוזען אַלץ וואָס אַרום קומט פאָר, און ווי אומבאַגרייפלעך עס איז געווען אַלץ אַרום, האָב איך זיך

פונדעסטוועגן נישט געפילט שלעכט, זיך דערנערט ווי אַ חיה אין וואַלד און וואָכן־לאַנג מיד פון נישט שלאָפן, זיך געשלעפט און באַוויגן אויטאָמאַטיש... און האָט מען ווען שוין געכאַפּט אַ דרימל ערגעץ אויפן פעלד, אונטער די גרעסטע זומערדיקע שלאַקס־רעגנס און דורכגעווייקט געוואָרן ביזן לייב, איז אָבער דער קנאַפּער שלאָף דאָך געווען אַזוי זיס, אַזוי מחיהדיק... אַ שאָד, וואָס נישט זעלטן איז ער איבערגעריסן געוואָרן פון שונאס פּלוצלינגען איבער־פאַל. הונגעריקע, — געזעטיקט זיך מיט קאַרטאָפל, געקאָכט אין אַ שיטערער בלאָטע, האָט מען אַלץ דורכגעלעבט ווי אין אַ טיפן חלום.

גייענדיק אויף „כראַנעניעס" איבער די פאָדערשטע ליניעס, האָט מען געזען וואַלגערן זיך יעדע פּאָר טריט, בערגלעך, קופּעס מיט הרוגים, צעהאַקטע און צעבלוטיקטע... איז דער שונא אָפּגעשטופּט געוואָרן און מיר האָבן זיך דערקליבן ווייטער, פאָראויס, האָט מען די בר־מנס צונויפגעקליבן און באַגראָבן אין די ברו־דער־קברים. עפּעס איז מען געוואָרן אַליין אַ חיה, מיט חיהשע אינסטינקטן, זיך אַוועקגעזעצט אויף די צעשאָסענע מענטשלעכע קערפּערס און רויִק געקייעט, וואָס פּאַר אַן עסנוואַרג נאָר מען האָט באַקומען אין האַנט און נישט איינמאָל, באין ברירה, איז רעכט געווען צו רויבן און צו גזלהנען ברויט, באַהאַלטענע זעק מעל און קאַשעס פון די פּויערישע קעלערן אַרום, וואָס זענען געוואָרן צעשיט אויף הפקר. קיינער האָט זיך נישט געזאָרגט פאַר דעם אַנטלויפנדיקן פּאַקטישן בעל־הבית, וואָס וועט אפשר נאָך אַ לעבע־דיקער און אַ הונגעריקער צוריק־קומען שפּעטער און אויך וועלן געניסן עפּעס פון זיין שווער אָנגעהאָרעוועטער אַרבעט. יעדער האָט נאָר געזאָרגט אַזויפיל עסנוואַרג אָנצורויבן, וויפיל ער האָט באַדאַרפט פאַר זיך צו דערהאַלטן די אייגענער נשמה.

רויִק האָט מען זיך צוגעקוקט, ווי מען שלעפּט די שטיוול און די בגדים פון די טויטע דערהרגעטע זעלנער, יעדער איינער איז נישט ווילנדיק געוואָרן אַ רויבער, ווי פאַרלאָזן וואָלט אים דאָס רחמנות־געפיל, וואָס יעדער איינציקער מענטש פאַרמאָגט אין אַ גרויסער מאָס.

אומקערנדיק זיך פון צייט צו צייט צוריק צו די ערשטע

פאָדערשטע אָקאָפּעס, האָט מען אָפּט געזען ווי מענטשן ליגן גע־
פאַלענע מיט דער רעכטער האַנט פאַר דער ברוסט, פּעסט צוגע־
דריקט צום האַרצן, אָדער צום שלייף פון קאָפּ — קענטיק מיט
אַ האַסטיקן קריץ פון די ציין האָט מען אויסגעהויכט די נשמה,
און — שוין... מער נישט אַ ריר געטון זיך. — אָדער אַוועק
קייקלענדיק זיך אָן אַ זייט פון אַ באַהאַלטענעם דיקן בוים, ווען איין
ריר נאָר מיטן קאָפּ איז גענוג געוועזן אַ שטיק שאַראַפּנעל זאָל אים
אַ כאַפּ טון מיט זיך, דער קערפּער זאָל בלייבן מיטן פאַרבלוטיקטן
חלל, ווי אַ לעיעק אָפן, מיט אַ רונדיק גרויס לאָך אינעווייניק אַריין
וואָס טיפער, אַלץ קלענער דער לאָך.

און די צעשליידערטע מענטשלעכע אברים, צעריסענע און
צעוואָרפענע שטיקער, פאַרברענטע און צעטרייבערטע מענטשלעכע
גופים, דאָס אַלץ אָנצוקוקן יעדן טאָג, האָט פאַרטעמפּט און גלייכ־
גילטיק געמאַכט דאָס האַרץ.

דאָס נישט אויפהערלעכע שיסעריי און געבראַזגעריי פון די
פאַלנדיקע האַלב־פודיקע „טשעמאָדאַנעץ” פון דער שווערער אַרטי־
לעריע, אָדער פון די לייכטע פעלד־קאַנאָנעז, וואָס צופאַלנדיק צו
דער ערד מיט אַ קראַך, האָט עס פאַרשפּרייט, צווישן פיל פון
אונדז אַ מוח־צעטרייסלונג און משוגעת. אַ הילך, אַ קנאַק פון ווייטן
און אַלעמענס אויגן זענען געווענדט אינדערלופט, בזזו־ו־ו...
בז־זו־ו־ו... ווי אַ „כראַבאַנדזש”, וואָס זשוזשעט האַרט פאַר די אויערן.
ענדלעך, אַראָפּגעפאַלן. געפּלאַצט מיט אַ טראַסק... צעשאָטן אַרום
זיך פייער־פונקן און רויך... פאַרטויבט די אויערן, פאַרבלענדט
די אויגן... און יעדער האָט זיך גענומען באַטאַפּן, באַשמעקן, באַ־
קוקן.—נישט געשאַדט? נישט פאַרבלוטיקט? נישט פאַרוווּנדעט?...
און מען אָטעמט אָפּ פרייער. אַ דאַנק גאָט, איבערגעקומען!

אָדער, אַט טראָגט זיך פאַנאַנדער דאָס רוישן פון די פיינט־
לעכע פּולעמיאָטן, מיט זייער בייזן כסדרדיקן טיק־טאַק... טיק־טאַק...
מיט אַ קלאַפּעריי און אַ קלימפּעריי, ווי אַ שטאַרקער, האַרטער
האָגל, וואָס קלאַפּט האַסטיק אין די שויבן־פענסטער... און זיי
הערן נישט אויף שעהן־לאַנג אָן אָפּרו, אָן אָפּהאַלט, און וואַרפן
אָן אַ פחד, אַ שרעק אויף אַלעמען. קריסטן האַלטן זיך אין איין

צלמען, אין איין איבערחזרן „האספאדי פאמילוי". און יידן, ציווי־ליזירטע, געבילדעטע און אויפגעקלערטע, פלאמיקע אנהענגער פון פראגרעס. אינם איצטיקן יאר־הונדערט, ברעכן די הענט און שרייען „שמע־ישראל"...

ווי א חיה, האט יעדער מענטש אינסטינקטיוו איבערגעלעבט די סכנה׳ זייענדיק אונטערגעווארפן אלערליי איבערראשונגען, אלע אומגלויבלעכע, נישט פארגעזעענע פאסירונגען, באגעגנענדיק זיך אויג אויף אויג מיט כלערליי, נישט פארגעשטעלטע פחדים. — עפעס דערמאנט עס דעם מענטשן אין א העכערן אומבאגרייפלעכן יש און ער כאפט זיך ערנסט, פרום פאר קריאת שמע, תפלות און קאפיטלעך תהלים, וואס ער קאן אויסנווייניק, ווארט פאר ווארט, — הגם שפעטער, אז מען קומט זיך צוריק צוזאמען מיט אייגענע, היימישע, שעמט מען זיך עס איבערצודערציילן, ווי עס וואלט עפעס שמעקן מיט אבערגלויבישקייט..

פארט האט יעדער דענקנדער זעלבער דערפילט אין זיך אין זיין „אינערלעכן ווינקעלע" א געהיימען פארכאפנדן רעליגיעזן ציטער, די פאלגן דערפון האבן אים שוין דערפירט צום רעיון הסתכלות האלהות, צום זיכנדיקן געטלעכן דורשט.

יעדעס מאל, נאך די פראנט־פארלוסטן, איז מען צוריקגעגאנגען אויף א קורצער צייט אינם „טיל" אויף אפרו. מען האט זיך געשלעפט ווי פארלוירענע עובר־בטלס, ווי מחנות בעטלער, פארבלאטיקטע, אפגעריסענע, פארחושכטע, הונגעריקע און דארשטיקע. מען האט זיך געשלעפט לאנגזאם, טריט ביי טריט, ביז אין א דארף, ווו מען מאכט די „אטליטשקעס". דער עלצטער רופט אויס אלעמען לויט די פאמיליען נעמען. ווער עס געפינט זיך אויפן ארט — רופט זיך אפ און ווער נישט, — ענטפערט פאר אים א צווייטער, וואס ווייסט עפעס וועגן אים: איוואן?—אוביט! (געהרגעט !) שווער פארוווּנדעט ! אלעקסעי? — פארפאלן, מען ווייסט נישט ווי זיין געביין איז אהינגעקומען... און אי די פראגע אי די ענטפערס, אי דאס פארצייכנען אלץ, גייט צו פלעגמאטיש, גלייכגילטיק, אן איילעניש, האלב מיד און פארשלאפן...

און נאך דערדאזיקער „פראצעדור", עטלעכע טעג שפעטער,

טרייבט מען ווייטער אַוועק אויף די פֿאָדערשטע ליניעס, מיט פֿרישע צונויפֿגעקליבענע האַרמאַטן־און־פּולעמיאָטן־פֿלייש, ווי מען רופֿט אָן די ניי־אָנגעקומענע, פֿרישע יינגע זעלנער, וואָס זענען איבערגעשיקט געוואָרן צו אונדז, אויסצופֿילן די שיטערע רייען.

דאָס אַלץ האָב איך איבערגעטראָגן רויק, נישט געמאַכט ביי מיר קיין שום באַמערקונגען, קיין שום פֿאַרצייכנונגען... עפּעס ווי אינסטינקטיוו געפֿילט, אַז צו דעם וועט אויך קומען אַ מאָל די צייט, וועגן דעם האָט זיך דאַן נישט געטראַכט, פּשוט, קיין צייט נישט געווען צו דעם... בעסער כאַפּן אַ דרימל, איבערשלאָפֿן אַ האַלבע שעה... אָדער וואַרפֿן זיך צום עסן מיט אַ חיהשן אַפּעטיט, מיט אימפּעט, ווייל די פֿיס האָבן שוין כמעט נישט קיין כּוח מער צו טראָגן אויף זיך דער פֿאַרחלשטן גוף.

און רגילות ווערט אַ צווייטע נאַטור. מיט דער צייט האָט מען זיך באַצויגן צו אַלץ טרוקן, קאַלט און האַרט; אָפּגעטריבן פֿון זיך יעדען געדאַנק. אָבער אַ מענטש איז דאָך פֿאָרט נישט מער, ווי אַ בשר־ודם... און אַז די איבערנאַטירלעכע כּוחות האָבן זיך אויסגעשעפּט, האָט מען פֿון צייט צו צייט אָפּגעזיפֿצט אין זיך:

— רבונו של עולם! קומט עס פֿאָר אויף דער וואָר, צי אין אַ יאָרן־לאַנגן אומאויפֿהערלעכן חלום?! —

## מיר גייען ווייטער צום של־אכט

איך קוק זיך איין אין די שיטערע רייען פון אונדזער פאָלק, וועלכע שלעפּן זיך ווידער פאָראויס צום טויטן־פעלד.

איך דערזע טוביהן, אַ יידישער זעלנער, וועלכער איז גע־קומען פון איין גובערניע צוזאַמען מיט מיר אין מיליטער־דינסט, געבוירן און ערצויגן אין אַ דאָרף, צווישן קריסטלעכע פּויערים, ביי אַן אָרעמע יידישע אלמנה, וואָס האָט אירע קינדער נישט געקאָנט ערנערן. זיי האָבן אויך דערפאַר קיין שום לערע אין זייערע קינדער יאָרן נישט באַקומען און דערנאָך, אין די שפּע־טערדיקע יאָרן, ווען ער, טוביה, איז שוין געווען אַ דערוואַקסענער בחור, איז שוין געווען צו שפּעט עפּעס צו פאַרנעמען.

ס'איז אים שוין נישט געקראָכן אין קאָפּ דער א. ב. אפילו, דערפאַר איז ער שוין פאַרבליבן אַ פאָלקאָמער אַנאַלפאַבעט.

אַ סך לייכטער איז אים אָנגעקומען דאָס טראָגן יעדן טאָג צוויי פולע גרויסע בלעכערנע קאַנען מיט פרישע מילך, גלייך פון דער קו. צונויפגעבונדן מיט אַ שטריקל אינדערמיט, ווי איין קאַן איז אויסגעקומען פון פאָרנט, ביי די ברוסטן, די צווייטע אי־בערגעוואָרפן איבערן אַקסל אויפן רוקן.

יעדן פרימאָרגן, ווען נאָר די פינסטערקייט פון דער נאַכט האָט אָנגעהויבן צו פארשווינדן, האָט ער אַ אויפגעהייטערטער מיט פעסטע טריט אריינמאַרשירט אין שטעטל. קומענדיק אַהין האָט ער זיך אַנידערגעשטעלט אינמיטן מאַרק, אַ נעם געטון צוויי פינגער אין מויל אַריין, צודריקנדיק זיי פעסט צווישן זיינע

געזונטע ציין האָט זיך דערהערט אַ הויכער קוויטשעדיקער פייף.

פאַר די אַלע, וואָס האָבן געהאַט אויף זיך אַן עול אויפצושטיין אינדערפרי און זיך באַזאָרגן מיט מילך, איז דערדאָזיקער פייף געווען אַ סיגנאַל.

די דינסט-מיידלעך פון די רייכע הייזער, און אויב אַזעלכע זענען נישט געווען, די באַלעבאָסטעס אַליין, האָבן זיך דערשראָקענע, האַסטיק אויפגעכאַפּט פון זייער פרימאָרגן-שלאָף, כאָטש פאַר זיי איז דער הויכער איבעררעשנדיקער פייף קיינמאָל נישט אומערוואַרטעט געווען.

אַרויפוואַרפנדיק אויף זיך אַ לייכט קליידעלע, מיט שטאַרק צעשויבערטע קעפּ האָר, איז מען אַריין אין קוך, עפענען די טיר פאַר „טוביה דעם מילכיקן”, ווי מען האָט אים גערופן דאָ אין שטעטל. ער איז אַריין אין שטוב, מיטברענגנדיק מיט זיך פרישע קאַלטע לופט. בעתן אָנגיסן די טעפּלעך מילך פון זיין געגנוגערלעכע בלעכערנע קוואָרט, אַ גוטמוטיקן שמייכל געטון צו די נישט אויסגעשלאָפענע פרויען פנימער, וועלכע האָבן געהאַלטן מיט פאַנאַנדערגעשפּרייטע מיילער אין איין געניצן.

זייבע צווייי ווייסע פויערישע קאַצן-אויגן האָבן טאַמעוואַטע געקוקט, ווי אין תהום אַריין.

אָפּפאַרטנדיק זיך אין שטעטל, איז ער צוריק גאַלאָפּ, צו זיך אין דאָרף געלאָפן, אייליק זיך צוגעכאַפּט צו די צוגעגרייטע פאַר אים קאַרטאָפל-זופּן, צוגערייטשטע מיט געברענטע ציבעלעס.

פונקט ווי ס'טרעפט זיך ביי אַ דורשטיקן מענטשן, וואָס מער ער פּרובירט טרונקן, אַלץ מער דורשטיק איז ער, אַזוי האָבן אים די קאַרטאָפל-זופּן געזעטיקט נאָר אויף אַ קורצער צייט. נאָך יעדע עטלעכע שעה אָפּרו, האָט ער מיט אַ פרישן אַפּעטיט זיך צוגעכאַפּט צו דער שיסל קאַרטאָפל זי אויסגעלעקט, און אַ באַליידיקטער זיך אַוועקגעלייגט אין אַ ווינקל אויף אַ שטרוי-זאַק און אַנטשלאָפן געוואָרן, ווו זיין שנאָרכן מיט דער נאָז, האָט זיך ווייט געלאָזט הערן, פאַנאַנדערטראָגנדיק אַרום זיך פחד און אומרו. —

צווישן די פאַרשידנאַרטיקע אָנקומענדיקע נאָוואָבראַנצעס,

רעקרוטן צום מיליטער דינסט, אין אונדזער פּולק האָט ער זיך מער ווי אַנדערע געוואָרפן אין די אויגן. אַ מיטל־וווּקסיקער ברייט־ביינִיקער יינג, קורצע דיקע פיס, גרויסן דיקן קאָפּ, ווו ביזן שטערן כּמעט פון איין זייט און ביזן קאַרק — פון דער צווייטער זייט פּנים, איז געווען אויסגעגאָסן אַ פּאַרך. דערפאַר האָט ער באַקומען דעם גרעסטן נומער „פּוראַזשקע", מיליטעריש היטל, וואָס איז נאָר אין פּולק פאַרהאַנען געווען. און צווישן אונדז יונגעטשקע פרישע פּנימלעך, האָט ער אויסגעוויזן צו זיין אונדזערס אַ טאַטע און נישט קיין איינאונצוואַנציק־יעריק יינגל, ווי מיר זענען.

באַלד פון אָנהייב דינסט, האָט ער זיך אַרויסגעוויזן פאַר איינעם פון די בעסטע זעלנער אין פּולק. אויף אים האָבן אַלע געטייטלט מיט די פינגער: אָט איז אַ „פּרימער", אַ ביישפּיל פון אַ „כראַברי רוסקי סאָלדאַט", פון אַ אויסגעצייכנטן גוטן רוסישן זעלנער.

געווען איז עס דערפאַר, ווייל אַהערקומענדיק אין מיליטער־דינסט אַ הונגעריקער, האָט ער דערפילט, אַז דאָ קאָן מען אַ לעבן טון. געוויינטלעך, האָט יעדער זעלנער באַקומען צוויי און אַ האַלב פונט ראַזאָווע ברויט טעגלעך. און ווייניק האָבן זיך גע־פונען, וועלכע האָבן עס אַליין אינגאַנצן אויפגעגעסן. ביי רוב זעלנער איז עס געוואָרן פאַרשאַכערט אין גאַס, אויפן „טאָלטשאָק" פאַר קליין געלט, פאַר עטלעכע גראָשן, צו די פינלענדער, וועלכע האָבן עס געגעבן צו עסן זייערע פלינקע פערדלעך, וועלכע האָבן זיך אַ דאַנק דעם ברויט פעט געפּאַשעט.

טוביה האָט אין פּולק דערלאַנגט אַ ביטע, דאָס די טעגלעכע פּאָרציע ברויט איז פאַר אים ווייניק, האָט מען אים מיט פאַרגע־ניגן געגעבן אַ טאָפּלט־פּאָרציע. יעדן טאָג האָט ער שוין באַקומען אַ גאַנץ פינף־פונטיק ברייטל.

צום מיטאָג עסן, ווען מ'איז אָפּגעמאַטערטע אַהיימגעקומען פון די מיליטערישע „אוטשעניעס", האָט ער זיך צוגעכאַפּט צו דער זעלנערישער באַק קרויט־זופּ און דערנאָך צו דער פעטער קאַשע, ווי צו אַ גוט געבראָטן גענדזל, די שטיקלעך חזיר־סקוואַרקעס ביי

יעדערן אויסגעכאַפּט פון אונטערן האַנט און דערנאָך זיך באַלעקט, ווי אַ קאַץ נאָך אַ זיס טעפּל מילך פון הנאה און צופרידנקייט.

יעדערן זונטיק און אין אַ רוסישן חגא-טאָג, האָט מען אין פּולק געקאָכט פּעטע מאַקאַראָן-זופּן. אין אַזעלכע טעג האָט זיין פּנים געשיינט פון נחת. עפּעס אַ קליינִיקייט, אַזאַ ווילטאָק פון עשירות!

— איי! — האָט ער געהאַלטן אין איין טענהן צו די אַרומשטייענדיקע זעלנער, וועלכע האָבן, פּולע, זייערע ברייטע הילצערנע לעפל אַרויסגעשלעפּט פון זייער רעכטן שטיוול, ווו זיי זענען געווען פאַרשטעקט און מיט אַ לעבלעך קאַלטע באַציונג געגומען עסן די זופּן. דאַגעגן ער האָט מיט אויפגעהייטערקייט געלאַכט פון אַלעמען. זיין ברייטבייניקער גוף איז באַדעקט געוואָרן מיט אַ פּעטע דיקע הויט, פון די באַקן זענען די אַרויסשטאַרצנדע ביינער פאַרשוונדן געוואָרן און אַ רויט שיין פּנים האָט ער איצט באַקומען. אויסערלעך ייִנגער געוואָרן מיט אַ העלפט יאָרן.

— שוטים! נאַראָנים! — האָט ער געשריגן אויף די אומצופרידענע אין פּולק, — ביי אייך איז דאָס דינען אַ אָפּקומעניש, אָבער ביי אַ „אונדזעריקן", פאַרן אָרעמען פּראָסטן מענטשן, איז דאָס אַ הילף, אַ רפואה אויפן גאַנצן לעבן. אַ קליינִיקייט אַזעלכע געזונטע און געשמאַקע מאכלים!? — ווער קאָן זיך דען דערויף!?

די גימנאַסטיק אין שטוב, אין קאַזאַרמע, ביים איבערשפּרונגען דעם „ברוסניק" איז ער געווען פון די בעסטע, כאָטש דורכן פיל עסן האָט ער באַקומען אַ גענוג שווערן קערפּער, די דיקקייט איז פאַר אים געוואָרן אַן אָפּקומעניש און דאָך. —

ער איז פלינק צוגעלאָפן און אַ פּאַטש טוענדיק מיט זיינע הענט, גלייך אינמיטן „קאָבולע" און איינס, צוויי, ווי אַ קאַץ, האָט זיך שוין זיין קערפּער געפונען אויף דער צווייטער זייט „ברוסניק".

און דער פּאָדפּראַפּאָרשטשיק פון זיין אָפּטיילונג, גאָספּאָדין קרילאָוו, אַ גענוג גרויסער יידן-פיינט, איז געשטאַנען און פון

צעפרידנקייט זיך געפּאַטשט איין האַנט אין דער צווייטער, אָט אַ „יעוורעי! — נישט קאָנענדיק אים געגוג אָפּלויבן פּאַר די הע־כערע נאַטשאַלסטוואָ, ווייזנדיק זיי, זיין נאָך גרעסערע בריהשאַפט ביים איבערשפּרונגען אויפן פרייען פעלד, איבער די ברייטסטע ראָוון און טיפע גריבער. ווי תמיד, איז ער געווען פון די איינ־צעלנע זעלנער אין ראָטע, וועלכע האָבן געוויזן וואונדער מיט זייער לויפן און שפּרונגען, די הויכע אָפיצירן־ראַנגען האָבן אים פון התפּעלות, דעם גרעסטן לויב געגעבן, כאָטש ער האָט עס נישט געקאָנט פאַרליידן.

— וואָס הייסט? — האָט ער געטענהט, — באַקומענדיק עסן צו דער זעט, אומזיסטע קליידונג, זאָל מען נישט זיין קיין טרייער גוטער זעלנער! ווי איז דאָס מעגלעך?!

געליטן האָט ער נאָר דאַן, ווען די קאָמאַנדע איז געווען „גרוד וו׳פּריאַד!" די ברוסטן זיינע האָבן זיך, דאַן, אַ שטייפן הייב געגעבן, האַרט ווי אַ ברעט.

דער הויך־ראַנגיקער קאָמאַנדיר, האָט די אויסגעשטעלטע רייען געצבוי באַקוקט און טוביה האָט זיך פון בושה פאַרויטלט, ווייל דאָס גרויסע זעלנער־היטל, אָן דאַשעק, וואָס איז אים געלעגן איבערן קאָפּ, האָט דערגרייכט, כמעט, ביז צו די אויגן. ליגן גלייך, געשיקט, ווי ביי אַלע אַנדערע זעלנער, האָט עס נישט געקאָנט.

דער קאָמאַנדיר, באַוואונדערנדיק דאָס אויסגעצייכנטע האַלטן זיך פון אים, האָט אָבער זיין אויפמערקזאַמקייט געוואָרפן אויף זיין נישט טראָגן דאָס היטל, ווי מ׳דאַרף עס טראָגן, לויט די מי־ליטערישע פאַרשריפטן. צוגייענדיק נענטער, באַטראַכטנדיק אים געבוי, האָט ער באַמערקט פון די ווייסע פלעקן, ביי די פּאות, אַז ער האָט אַ נישט אויסגעהיילטן פאַרך.

דאָס מאָל האָט טוביה דערפילט, דאָס אויך אים איז נישט פאַלקאָם גוט, פאַרט אַן אומגליקלעכער מענטש...

און „טוביה מאַלאָטשני", ווי מ׳האָט אים דאַן אין פאָלק גערופן, האָט זיך אויך אפילו איצט דאָ אויפן פראָנט געפילט גוט. שלעכט איז נאָר געווען אין די עטלעכע שעה פון „פייער" אָבער

אין די טעג, ווען די „באַיען"—„שלאַכטן" זענען געווען אין „פולן ברען", דאַן האָט ער זיך געוואָרפן פון איין גרוב אין דעם צווייטן. געוואָלט זיך ראַטעווען, ווי אַלע אַנדערע.

אָבער אינדערצייט, ווען מיר זענען געווען אויסערן „פייער" דאַן האָט ער זיך געלאָזט ווויל גיין. האָט געהאַלטן אין איין עסן, געקייעט די פאַרהאַרטעוועטע שוואַרצע סוכאַרעס, וועלכע זענען צענדליקער יאָרן געווען באַהאַלטן אין די מיליטערישע סקלאַדן, זיינע געזונטע ציין האָבן זיי צעקייעט ווי פרישע בולקע.

היינט דעם ערשטן טאָג, ווי מיר געפינען זיך אין אַ נישט גרויסער שטאָט ביי גראָדנע, צוגרייטנדיק זיך צו אַן אָנגריף.

דער גרויסער פירקאַנטיקער מאַרק איז ליידיק. איך בין צוגעטיילט צו אַ גרופּע פון עטלעכע זעלנער צו היטן דעם „פּאָל-קאָוואָי געלט-קאַסטן". מיין רייע איז צו שטיין דערוויסן אין גאַס.

איך דריי זיך אַרום אין מאַרק, אין דעם פאַר מיר אָנגע-צייכנט שטיקל אָרט. איך זע, ווו די פיר לאַנגע געסלעך, וואָס ציען זיך פון מאַרק אויס, איז אַלץ אויסגעשטאָרבן. צעבראָכענע טירן און פענסטער זאָגן עדות, אַז קיין איין ציווילער מענטש געפינט זיך נישט דאָ אין שטעטל. מ'איז אַוועקגעלאָפן, איבער-לאָזנדיק אויף הפקר אַלץ. נעבן געסל, וואָס אַנטקעגן מיר, געפונט זיך נאָך אַ געסל, וואָס ציט זיך קווער אויס, קרומלעך אין דער ריכטונג פון אַ פעלד.

ס'גייען פאַרביי מיר, פריער צו עטלעכע פוס-פּאַטראָלן מיט די ביקסן אויסגעצויגן אין זייערע הענט. נאָך זיי רייטער-פּאַטראָלן, קאַוואַלעריסטן, האַלטנדיק די לייצעס פון די פערד אין איין האַנט, די ביקסן אויף דער פּלייצע און אַ צילענדיקן רעוואָלווער אין דער צווייטער האַנט.

ס'ווערט אַ שטאַרקער אַליאַרם.

באַהאַלטענע דייטשע פּאַטראָלן לויפן האַסטיק. נאָך זיי, אַ העפטיק שיסעריי. פּאָדפּראָפּאָרשטשיק, קרילאָוו, וועלכער דיזשו-רירט פונקט דאַמאָלס ביי אונדז, לויפט אויך נאָך זיי. טוביה דער מילכיקער, נאָך אים. אַ מהומה! קוילן פליען. איך שטיי, כאָטש נישט רויק, אָבער פּאָרט מוז איך שטיין, אויספירנדיק, געהאָרכזאַם,

דעם שטרענגן באַפעל, פון צו בלייבן שטיין און צו היטן דעם „געלט־קאַסטן".

עס שווינדלט פאַר מיינע אויגן. און דאָך זע איך דייטלעך, ווי פליענדיקע קוילן הרגענען דעם פאָדפּראָפּאָרשטשיק, קרילאָוון און טוביה, זיין טרייער דינער, וויל אים ראַטעווען.

די אומגעלומפּערטע, אויפן רוקן, נאָכהענגנדיקע לאָפּאַטע און קופּערנער עס־קעסל, צווישן זיינע קורצע פיס, וואַרפן אים אום. און טוביה פאַלט אַ טויטער דורך עטלעכע ביקסן־קוילן.

פאַרשטאַרקטע מיליטער־פּאַטרולן לויפן אַלץ גיכער אַריין אין די אַנטקעגנדיקע צוויי געסלעך, צום פרייען פעלד ארויס, יאָגנ־דיק די פיינטלעכע זעלנער אונטערן רויך פון ביקסן־קוילן.

אויך מיר לויפן נאָך זיי נאָך מיט אונדזער גאַנצן באַשטאַנד איבערלאָזנדיק אונדזערע עטלעכע, ערשט פריש געפאַלענע זעל־נער אונטער זיך.

* *
*

געווען איז עס סוף זומער, אין די גרעסטע פּוילישע אַווגו־סטאָווע וועלדער, וווביידע פיינטלעכע לאַגערן האָבן זיך געהאַט דורכגעמישט. שוין אַ צייט לאַנג האָט מען געהאַלטן אין איין גיין, דאָ — פאָרויס, דאָ — צוריק. געשפּייזט מיט רויע קאַר־טאָפל און פאַרטרונקן מיט רעגן־וואַסער אָדער מיט איבערבלייבע־נישן פון די נאָך נישט אויסגעטריקנטע, בלאָטיקע וואַסערלעך. די פעלד־קיכן האָבן צו אונדז נישט דערגרייכט און די שוואַרצע סוכאַרעס האָבן זיך אויסגעלאָזט.

מיר האָבן זיך לאַנג געשלאָגן מיטן פיינט און נישט געקאָנט זיך אַרויסבאַקומען פונם אומענדלעכן גרויסן וויאַרסטן־לאַנגן, טיפן וואַלד. מיר, די רוסן, ווי אויך דער שונא האָבן כסדר געבלאָנ־ושעט צווישן אַלטע און נייע אויסגעהאַקטע וועגן, זיך צונויפגע־מישט, זיך פאַרלוירן און נישט געוווּסט אויף קלאָר, ווו זיינע אייגענע געפונען זיך און ווו דער שונא. ברידער זענען געפאַלן פון ברידערישע הענט. דערקאָנט האָט מען עס אַן די וווּנדן, וואָס זענען געקומען דורך די אייגענע קוילן. אַן אומאויפהערלעכער

שטורם פון פרימאָרגן ביז שפּעט אין אָוונט האָט אַלעמען פאַר־
כאַפּט... די „ראַזוויעטקעס", וואָס זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן
פון די „נאַיווע פּרייוויליקע" צו פון נאַטשאַלסטווע, באַצייכנטע
און אויסגעקליבענע „העלדן", האָבן זיך נישט אומגעקערט מער...
עס האָט נישט גענוצט זייערע קינציקע, נישט אָנזעעוודיקע פאַרן
מענטשלעכן אויג פאַרהוילענע, פּלומרשט, ווי אָפּגעהאַקטע שטאַמען
פון ביימער, אָדער ריזיקע פעלד־שטייגער, ווי זיי האָבן אויסגעזען
פונדערווייטנס קריכנדיק איינגעבויגן אָדער ליגנדיק אויף דער
ערד אויפן בויך. מ'האָט געמוזט אַ הייב טון שנעל מיטן קאָפּ, ווי
אַ פּינטל מיטן אויג, ווי אַ מאָמענטאַל אויפכאַפּן פון אַ פאָטאָגראַ־
פישן אַפּאַראַט, אַ ווענד צו טון די אויגן נאָענט צום שונא און
ווי פאַרמשפּטע צום אומפאַרמיידלעכן טויט באַוועגן זיך דרייסט
און פלינק און אָן שרעק פאָרויס...

פלוצלינג הויבט אָן אומאויפהערלעך צו דונערן און צו בליצן,
ווי גאָטס־צאָרן וואָלט זיך אויסגעגאָסן אויף אַ מהלך פון עטלעכע
קיאָרסטן — עס האָט געשטורעמט און געהילכט פון די פּודיקע
פאַלנדיקע שטיקער גראַנאַטן, וואָס מען האָט געשיט איבער לעבע־
דיקע מענטשלעכע קעפּ און רוקנס... און ווען עס איז גוט טונקל
געוואָרן, אַז מען האָט שוין נישט אָנגעזען מער פאַרן בליק די
שטראָמען מענטשלעך־בלוט, אַז מען האָט שוין נישט פאַרנומען
מיטן אויער די קרעכצערייען און געשרייען פון אַלע זייטן, —
אין דעם מאָמענט גראָד, האָב איך מיך געוואַלגערט אויסגעצויגן
אויף דער ערד, ווי גרויס און לאַנג איך בין און געהאַלטן אין
איין קרעכצן און אויקען. עפּעס האָב איך דערשפּירט אַ פּלוצלינג־
דיקער וואַרעמקייט, ווי אַ לייכטן פּרי אין רעכטן פוס און דער־
זען אַ פליסיקייט גיסן אַרום מיר — פון מיר...

געלעגן און אַרומגעקוקט זיך ווייט, וואָס עס קומט פאָר און
געכאַפּט אַ בליק העכער צום הימל: רויט! פונקט, ווי דאָס בלוט,
וואָס מיינע אויגן האָבן געזען אַ גאַנצן טאָג אַרום מיר פלייצן פון
מענטשלעכע קערפּערס, וואָלטן זיך אָפּגעשפּיגלט אין אים. אַן
אמתער גיהנום, נישט קיין הימל. אַ העלטונקעלער פון בלוט און
פייער צונויפגעמישטער שטראָם האָט אויסגעזען דער פאַרנעם אינ־

דערהייך, אויפן גאַנצן שטח, ווי מיר האָבן זיך געפונען. און אין צווייטן עק־הימל, ווייטער אַנטקעגן, ביים פיינט צו איז ווידער אַמאָל געווען רויט פון בלוט און פייער. ווי צוויי גיהנומס וואָלטן זיך פאַרמאָסטן איינס אַ קעגן צווייטן און געוואָלט זיך איבער־שטייגן מיט זייער גרויל און אכזריות. ווי ביידע וואָלטן זיי אַרויס פון גלייכגעוויכט און מבולבל פון צעמישונג, געריצט זיך מיט אַן אַנדערן, וואָס מער בלוט און פייער צו פאַרשפרייטן — שלאָגט! הרגעט! ברענט און בראָט!...

וואָס שפּעטער, אַלץ שטילער זענען געוואָרן די קרעכצערייען און די הילף־רופן, וואָס האָבן אָפּגעהילכט אין די ווייטקייט, ווי אין אַ פּוסטע מדבר און די האָפענונגען אויף באַלדיקער הילף זע־נען געוואָרן אַלץ שוואַכער און שוואַכער. אומזיסט דאָס וואַרטעניש, קיינער וועט נישט קומען מציל זיין, קיינער וועט נישט אָפּראַטעווען.

און די רגעס האָבן זיך געצויגן און געצויגן... דאָס נישט נאָכגעביקע מענטשלעכע האַרץ האָט געקלאַפּט און זיך געריסן... מיט אַ געפיל פון עפּעס אומבאַגרייפלעכס, פון עפּעס אַ שוידער־לעכן טויט־שרעק איז אַלץ אַרום באַהערשט געווען און אויב ביי מיר איז דאָס האַרץ נאָך טעטיק, נאָך אין באַוועגונג, נאָך נישט צעבערעקלט אויף פּיצלעך — פאַרוואָס פּלאַצט עס נישט!?... איך פיל, אַז איך לעב, האַרכנדיק אָפטמאָל די לעצטע קרעכצן פון די אויסגעלאָשענע כאַרכלענדיקע מענטשלעכע נשמות...

איך לעב... איך לעב...

אַזוי איז אָנגעקומען דער פרימאָרגן. די ליכטיקייט האָט העלער און קלאָרער פאַנאַנדערגעשיידט די צוויי פיינטלעכע מחנות וואָס זענען איינס אַקעגן אַנדערן געשטאַנען, ווי צערייצטע הונ־געריקע וועלף.

פּלוצלינג האָט זיך דערפילט אַ געוואַלטיקער געלויף פון מענטשלעכע מחנות, וואָס האָבן גענומען לויפן האַסטיק, מיט אימ־פּעט נעבן אונדז און איבער אונדז, נישט צו וואַרפן קיין בליק הינטער זיך אויף די וואַלגערדיקע האַלב־לעבעדיקע קרבנות אונטער זייער פיס... האַלטנדיק אין איין אויסרופן מיט התלהבות:

— וו'פעריאָד! פאָרויס!

יונגע פריילעכע סאָלדאַטן מיט פרישע פנימער, אויסגערוטע
האַט געגעסענע, מיט נייע גרויע פעלד־בגדים און גלאַנציקע שטי־
וועל, זענען געלאָפן ווי צום טאַנץ מיט די ביקסן אין די הענט
קווער אויס, גרייט צום שטעכן און די ליפּט געשפּאָלטן מיט וויל־
דע קולות: נאַ שטיקי! הוראַ! נאַ שטיקי!... וו׳פּעריאָד! פּאָרויס!

און אין עטלעכע שעה שפּעטער האָבן מיר, לעבן געבליבענע,
לייכט און שווער פאַרווונדעטע זיך געפונען אין די „פּערעוויאַזעטש־
נע פונקטן“, פון וואַנען מיר זענען אין משך פון אייניקע טעג
פאַנאַנדערגעטיילט געוואָרן אין די סאַניטאַרנע ערטער, אין די
שפּיטעלער און לאַזאַרעטן.

# אין שפיטאָל

מיר זענען געלעגן פאַרווונדעטע אויף אַ וואָגן אין די אויסגעהונגערטע פערד האָבן זיך באַוויגן פויל און פאַמעלעך. דער בעל עגלה, אַן אָנגעבלאָזענער, האָט כסדר געהאַלטן אין איין שעלטן זיך, פאַרוואָס ער מוז פאָרן בחנם און באַקומט ציִמאָל נישט קיין דאַנק פאַר דעם, נאָר עפּעס אַ פאַפּירל צום וואָיט אָדער צום סאָלטיס, וועלכע שיקן אים מיט דעם קיין פּעטערבורג ערגעץ, ווי מען צאָלט כלומרשט אויס די געלטער...

איך קוק זיך טיפער איין אין די שווער פאַרווונדעטע, וועל־כע געפינען זיך מיט מיר צוזאַמען. צווישן זיי זע איך עטלעכע באַקאַנטע פון מיין ראָטע, די יעניקע. וועלכע האָבן מיט מיר אייניקע יאָרן צוזאַמען געלעבט, געזופּט מיט מיר אָפט פון איין שיסל.

אָווסע סאָקאָלאָוו, ליגט אומבאַוועגלעך מיט אַן אָפּגעריסענעם פוס און געבונדענעם קאנטוזנעם בויך; נאָך ווייניק האָט ער זיך דאָס אָנגעליטן אין דער ראָטע זייענדיק.

אַ קורץ ווּקסיקער אָנגעגאָסענער פון דיק פלייש מענטשל, קוים וואָס ער האָט זיך אַליין געקאָנט דערטראָגן, האָט ער נאָך דערצו אַליין מיטן אייגענעם פאַרשטאַנד נישט געקאָנט אָריענטירן זיך בין ימין לשמאל, אין וואָס עס זאָל נישט זיין, אַ מענטש בבחינת בהמה. וואָס ער זאָל נישט האָבן געטון, איז עס ממילא אַרויסגע־קומען נישט ווי מ׳דאַרף, תמיד קאַפּויער. ווען דער באַפעל איז געווען צו ברענגען וואַסער, האָט ער געברענגט גאָר דעם בעזים.

און דערפֿאַר, פֿאַר זיין נישט תּופֿס זיין, האָט ער שלעכט אָפּגעשניטן, קיינער האָט זיך דאָ אין מיליטער מיט אַזאַ אומבאַהאָלפֿענעם מענטשן נישט גערעכנט. ער איז תּמיד דער שער-לעזעזל געווען. ווער ס'זאָל נישט האָבן געזינדיקט האָט ער מיט די באַקומענע קלעפּ אים שוין אויסגעקויפֿט און טאַקע דעריבער זענען צו זיינע צרות קיינמאָל קיין ענדע נישט געקומען.

געשטאַמט האָט ער פֿון אַ בכבודיקן רוסישן הויז. מ'האָט עס געקאָנט מערקן פֿון די אָפּטע בריוו, וואָס ער האָט פֿון דער היים באַקומען און פֿון די פּינפּריבלדיקע, וואָס ער האָט אויך פֿון צייט צו צייט באַקומען אַריינגעשיקט. אַז רוסן זאָלן האָבן דעם פֿאַרשטאַנד צו שיקן אַ מאָל אַ קינד, ביים מיליטער אַ פּאָר רובל איז געווען אַזאַ זעלטנהייט, ווי אַן אַראָפּפֿאַלענדקיער שניי אין אַ מיטן תּמוז-טאָג. מ'האָט פֿון דעם זעלטן געהערט. געוווינג האָט מען געהאַלטן פֿאַר אַ קרבן פֿון זיך, אַוועקשענקנדיק דעם זון אַ מתּנה דעם קייזער און פֿאָטערלאַנד. דערצו נאָך צוצאָלן געלט? דאָס האָט מען גאָרנישט געקאָנט באַגרייפֿן.

און אָווסע סאָקאָלאָוון האָט יעדער געהאַלטן פֿאַר זיין חוב צו האַקן איבערן קאָפּ, באַליידיקן אים מיטן „יאַ טעביע דאַם דוראַקו!" אָנשטעלנדיק די פֿויסט האַרט צום שלייף פֿון זיין קאָפּ. און ער האָט מיט אַ גרימאַס-שמייכל פֿאַר ליב גענומען. קיין שטיקל גאַל און אויפֿרעקונג האָט ער דערביי נישט אַרויסגעוויזן.

און ווען דער זוואָדני, סמירנאָוו, האָט געהאַלטן ביים פֿאַרלאָזן אונדזער ראָטע, האָבנדיק שוין געענדיקט דאָס מיליטער-דינען און ווענדיק ווערן אַוואַנסירט און דערגרייכן באַשטימטע העלדישע מיליטער אויסצייכנונגען, האָט ער אויסגענוצט די געלעגנהייט, וואָס ער, סאָקאָלאָוו, האָט זיך געפֿונען אין זיין ראָטע, אַרויסווייזנדיק צו אים איבערגעטריבענע גרויזאַמע אוממענטשלעכע אכזריותקייטן.

אין-מיטן בעסטן שלאָף, נאָך אַ טאָג אַרבעט, אַריינגיסנדיק אים אין בעט אַ עמער קאַלט צי קאָכעדיק וואַסער. אָדער ער האָט אים געהייסן אַנאַליזירן דעם קאָליר אין ריח פֿון זיינע אומרייניקייטן... אָדער געשטעלט אים צו האַלבע און צו שעהן

אנטקעגן אַ שפּיגל און דעם אַנטקעגן ווייזנדיקן אייגענעם שאָטן. אָפּשפּיגלונג געהייסן קושן אין מויל אַריין, אָדער געהייסן אים אויסשפּייען, אָנכראַקן און דערנאָך עס אַליין אויסלעקן, און דאָס אַלץ האָט ער אויסגעפירט בשלימות, נישט אַנטקעגנשטעלנדיק זיך זיינע באַפעלן, נאָר גאַנץ זעלטן, אַ מאָל האָט ער אויסגעבראָכן אין אַ ספּאַזמיש, גרויס געוויין, אַרויסגערופן דורך דער נערוועזן צעטרייסלונג פון אַזאַ געזונטן פּרימיטיוון מענטשן. און דאָך האָט עס קיינעם נישט אינערלעך באַרירט.

און יעצט, אַ שווער פאַרוואונדעטער האָט ער זיך געפונען דאָ. און וואָס האָט אַזוינער געטראַכט?...

אויף אַ צווייט פּורל איז געלעגן, זאַכאַרעוו פּיאַטקאָוו, דער יעניקער, וועלכער פלעגט אונדזער ראָטע בפרט און דעם גאַנצן פּולק בכלל מאַכן פריילעך מיט זיינע געלונגענע פאָלקסטימלעכע וויצן.

אַ יינג, אַ צוואַניאַק, געלעבט ביזן אָנקומען צום מיליטער אין אַ מאָסקווער נאַכט-באַר, האָט ער באַזעסן אַ ספּעציעלן כּוח צו קאָנען מאַכן יעטוועדערן לאַכן, מ'זאָל צעשיט ווערן פון פריילעכקייט, גערופן האָט מען אים טשעכאָוו ווטאָרוי, הגם דער צווייטער טשעכאָוו האָט בלויז געקאָנט אונטערשרייבן זיין פאַמיליענאָמען.

אָבער קאָמיזם האָט ער דער מאָלאָדיעץ פּיאַטקאָוו פאַרמאָגט מער ווי אַלע אין פּולק, צווישן אַ מחנה פון העכער טויזנט מענטשן איז ער געווען אַן אייגציקער, אָן אַ וויץ האָט ער זיך נישט געקאָנט באַגיין, און תמיד זייער געלונגענע. דערפאַר האָבן אים טאַקע אַלע ליב געהאַט, נישט ווייניקער ווי דעם פּאָדפּראַפּאָרשטשיקס שיינע יונגע ווייבל, וועלכע איז אויך געווען אַ איינציקע, וואָס אַלע סאָלדאַטן אין פּאָלק אָן אויסנאַם האָבן געליבט, און וועגן וועלכע זיי האָבן געהאַלטן אין רעדן. זיי ביידע זענען געווען די ליבלינגען פון אַלע סאָלדאַטן.

נאָר צייטנווייז פלעגט זיך אַריינכאַפּן בנוגע אים אַ געפיל פון קנאה. דאָס איז געשען דענסמאָל, ווען דער פּאָלקאָוואָי טעאַטער וואָלט אַ פאָרשטעלונג געגעבן, איין מאָל צי צוויי מאָל אין

אָר — פאַר די סאָלדאַטן, און פּיאַטקאָוו האָט אַלס קאָמיקער־אַרטיסט געשפּילט און ער האָט זיך אויף דער בינע גענומען צו קושן מיטן ווייבל פון פּאָדפּראַפּאָרשטשיק, וואָס האָט אויך געשפּילט אַלס אַרטיסטקע. נו, אויף גאַנצע וואָכן איז דאָס געווען אַ געשע־עניש, די טעמע פאַר אַלע סאָלדאַטן אין די פרייע צייטן, הונדערט מאָל אַ טאָג וועגן דעם צו רעדן: „אַ גליקלעכער מענטש" — האָט יעדער געטראַכט וועגן טשעכאָוון.

און אָט איז ביי אונדז אין פּולק געווען אַ זיבעטע ראָטע גערופן האָט מען זי די דיסציפּלינאַרני ראָטע, דערפאַר ווייל דאָרט איז געווען אַ שרעקלעך, שטרענגער פעלדפעבל.

אַ הויכער, נישט איבעריק ברייט ביי'ניקער, אַ אָנגעכמורע־טער, תמיד אַ בייזער, איז געווען דער פעלדפעבל. די נאָז איז ביי אים אויסגעקומען „נאַשפּיץ", ווי זי וואָלט אויך אַנטייל גע־נומען אין די באַפעלן, וואָס ער האָט אָפּט אַרויסגעגעבן. עס האָט אים גאָרנישט נעקאָנט צופרידנשטעלן, מיט דער רעכטער האַנט תמיד באַוויגן, האַלטנדיק אין איין שעלטן אין דעם צווייטנס מאַמע אַריין. אויגן האָט ער געהאַט טונקל ברוינע, אַרום שיטערע גרויסע ברעמען. אויס מורא אין זיי צו קוקן, האָט זיך יעדן גע־דאַכט, אַז זיי זענען פון אַ מכשפה צוגעגנבעט געוואָרן. תמיד האָט ער געהאַט פּרעטענסיעס צום ראָטנעם קאָמאַנדיר, וואָס ער איז נישט גענוג סטראָגע און ענערגיש צו די סאָלדאַטן. און גע־חלומט האָט ער נור פון אַ מלחמה־צייט, ווען ער וועט קאָנען אויספירן דורך העלדישע אויסצייכנונגען, אַז ער זאָל קאָנען ווערן אַליין אַ קאָמאַנדיר. דאַן וועט ער ווייזן, וואָס ער קאָן!

דערווייל איצט, האָט ער געהאַלטן אין איין פּאַטשן יעדן, שלאָגן פאַר דער מינדסטער קלייניקייט, יאָגן שעהן לאַנג הונדער־טער מענטשן „ביעגאָם", ביז ביי יעדערן איז שיעור די נשמה נישט אַרויסגעפלויגן, נישט קאָנענדיק דעם אָטעם כאַפּן.

— ניין! — האָט ער אָפּט זיך צעשריגן — ווייניק! האַקן, רייסן דאָס פלייש פון אייך באַדאַרף מען, כדי איר זאָלט וויסן, וואָס דאָס באַדייט צו זיין אַ סאָלדאַט.

און אָט האָט ער מקנא געווען די העכערע פירער פון מי־

ליטער, וואָס באַזיצן טשינען, טיטולן. אויך ער האָט פאַרפּאַסט אַ „סלאָוועסטנאָסט“ פאַר זיך, פאַר זיין ראַנג, וואָס יעדער האָט אים געמוזט קאָנען אויסנווייניק, אַפּט אינמיטן דערנאַכט, ווען מ'איז געוועקט געוואָרן דורך אים פון האַסטיקן שלאָף. זיין טיטול איז געווען: „הער פעלדפעבל פון דער זיבעטער ראָטע, הער גריגאָרי אַלעקסאַנדראָוויטש דיטקאָוו, געבוירן אין ניזני־נאָוואָגראָד־דזקי גובערניע, וואַסילעווסקי אויעזד, ספּאַסקי וואָלאָסטי, סעלאָ מאָנאַסטירסקי־וואַטראַס“.

צום דרייהונדערט יעריקן יובילעום פון דער ראָמאַנאָוו־דינאַסטיע, וועלכע איז געוואָרן געפייערט אין מיליטער מיט גרויס פּאַראַד, האָט זיך יעדער פּולק צום אָנדענקונג געלאָזט זיך אָפּפאָ־טאָגראַפירן, באַזונדער האָבן זיך די אָפיצירן פאָטאָגראַפירט און באַזונדער די פעלדפעבלס. און אָט, ווען די הערן פעלדפעבלס זענען געווען אין אַ לאַנגע רייע אויסגעשטעלט פאַרן אַפּאַראַט, אָט־אָט צו ווערן אויפגעכאַפּט, האָט זיך פלוצלינג געמאָלדן „טשע־כאָוו וטאָראָי“ מיט אַ הויכן אויסגעשריי: אַ אומגליק! אין דער קיך האָט די קאַשע אָנגעברענט!“

יעדן טאָג איז געווען אין דער קיך אַ אַנדערער פעלדפעבל. דעם טאָג, אין וועלכן עס האָט גראָד דיזשורירט דיטקאָוו, האָט אַ גיהנום געהערשט אין דער קיך צווישן די קוכער. זיי האָבן געציטערט, געפלאַטערט פאַר זיין אָנוועזנהייט. ער איז אָבער קיין סעקונדע נישט אָפּגעטרעטן פון זיי. געליאַרמט, געשריגן, ביז די קאַשע איז אַרויסגעקומען אַזוי גוט, געשמאַק, ווי ביי קיין שום אַנדערנס דיזשורירן.

און איצט, ווען „טשעכאָוו“ האָט געגעבן דעם אויסגעשריי, האָבן זיך אַלע האַרציק צעלאַכט, און דאָס איז געווען דאָס איינ־אונאיינציקע מאָל אין סלוזשבע ווען דוטקאָוו האָט נישט ווילנדיק, דאָך לייכט אַ שמייכל געטון און דאַדורך איז זיין געלעכטער פאַראייביקט געוואָרן. און כאָטש דעם טאָג האָט מען געהאַט פאַרברענטע קאַשע אין פּולק, האָט דאָך יעדן הנאה געטון די אויסערגעוויינטלעכע פּאַסירונג. דוטקאָוו האָט אַ לאַך געטון? ער איז געשטאַנען אין פאַרלעגנהייט און געטראַכט: אָט וואָס אַ נסיון

קאַן? און פון דאַן אָן איז אויך די באַציונג זיינע געוואָרן אַ מיל־דערע, און דאָס אַלעס צו פאַרדאַנקן טשעכאָוו וטאַראַיען, וועלכער ליגט איצט מיט אַ דורכגעשאָסענעם האַלדז און אין חלל שטעקט אַדורכגענומען אַ גומען רערל, באַקומענדיק אויף אַזאַ אופן קינסט־לעך לופט. ער האַלט אין איין סאָפּן שווער. אַ ווייס־גרינער גאַ־ווער גייט פוןביידע זייטן ליפּן. ווי לאַנג וועט ער דאָס איבער־האַלטן? —פרעגט איינער. און ס'דערהערט זיך אָן ענטפער: „וואָט עטאָ אוזש ניע שוטקאַ!" דאָס איז שוין גראַדע נישט קיין שפּאַס!".

* *
*

און אָט פאָרט פאַרביי אונדז, שנעל, אַ פורל געשפּאַנט אין צוויי פערדלעך, ביי די זייטן רייטן עטלעכע דונסקע קאָזאַקן אין דער פולער באַוואָפנונג און עס זיצן עטלעכע אַרעסטירטע מיליטער־לייט. אין איינעם פון זיי דערקענט מען אונדזער ראָטנעם קאַפּי־טאַן באָנאָמאַלאָוו, וועלכער, ווי מ'דערציילט זיך אָן, האָט זיך שטאַרק פאַרזינדיקט לעצטנס אויפן פראָנט.

אינדערצייט, ווען מיר האָבן זיך געפונען אין דער גרעסטער געפאַר, ווען דער שונא האָט געהאַלטן אין איין אַטאַקירן אונדז, האָט ער זיך פון זיין ראָטע באַהאַלטן ווייטער־צו, אין אַ פויערישע כאַטקע. מיר האָבן דורך זיין אָפּוועזנהייט פיל פאַרלוסט געהאַט, ווייל ס'איז דורכגעריסן געוואָרן דער צוזאַמענבונד פון אונדז מיט אונדזערע ראָטעס. ווען אַלע אַנדערע ראָטעס האָבן זיך שוין לאַנג געהאַט צוריקגעצויגן, האָבן מיר זיך געפונען נאָך אויפן אָרט אונטער אַ שיסעריי פון שונא. נאָר אַ דאַנק פון אַ פעיקן זוואָדני וועלכער האָט זיך ענדלעך אָריענטירט אין דער געשאַפענער לאַ־גע, האָט מען זיך צוריקגעצויגן. און אַזויווי מען האָט אים שוין פון פריער אויך חושד געווען אין וועלן אויסמיידן דאָס געפאַר פון דער ערשטער ליניע, האָט מען אים דערפאַר נאָך רוסלאַנד צוריקגעשיקט, צו שטעלן אים פאַר אַ קריגס־געריכט.

דערדאָזיקער גוטמוטיקער מענטש, האָט אין דער ראָטע מיט אַ געמאַכט פּנים זיך אָנגעבייזערט אויפן דייטש פון אונדזער שטעטל, אַז ער זאָל בעסער שיסן. איצט, ווען פון געדאַנק, ווי אַזוי צו

שיסן איז געוואָרן אַ רעאַל געשעעניש, האָט ער זיך אַנדערש מישב געווען. ער האָט געטראַכט ווי אַזוי צו פאַרטיידיקן זיין הויז פון רויזן. די ליבע צו דער פרוי מיט די זיבן טעכטער האָבן איבער־געוויגן די שאָל פון צו וועלן פאַלן אַ קרבן פאַרן פאטערלאַנד און דערפאַר זיצט ער דאָ אויפן פורל אונטער אַ וואך

* *

*

עס ציען דורך פאַר אונדזערע אויגן, רייענווייז, לייכט פאַרוווּנדעטע סאָלדאַטן. ווער דעם קאָפּ באַנדאַזשירט, ווער עפּעס אַנדערש. אין די הונדערטער האָבן זיי זיך געשלעפּט צו פוס אויף ביידע זייטן, לענג אויס דעם וועג. אַ סך האָבן אַליין נישט געוווּסט, וואָס מיט זיי האָט פּאַסירט, ווייל דער קערפּער איז געווען קאָנטוזירט און אויסערלעך האָט מען נישט אָנגעזען קיין שום ווונד אינגאַנצן. פריער איז מען געוווינט געווען צו זען ענלעכע אָפּגעשוואַכטע סאָלדאַטן, וואָס שלעפּן זיך נאָך פון הינטן נאָך דער פּיעכאָטע און אַרטילעריע. נאָכן אָבאָז מיטן פּראָוויאַנט קליידונג און אַמוניציע. און איצט, דאַכט זיך, דאָס אייגענע, אָבער דאָך פאַרקערט, עפּעס אַנדערש געשלייערט... דער גאַנצער וועג איז פול מיט אויסגעהונגערטע, אויסגעקרומטע ברואים. די פּנימער פאַרוויקלט, פאַרבונדן, טיילמאָל די העלפט, טיילמאָל אַן אַנדערע העלפט... און מען שלעפּט זיך שטיל און שווייגנדיק, אַליין נישט וויסנדיק, וווהין... דאָך פילט יעדער עפּעס אַ באַהאַלטענע פרייד; ווי נישט איז, איז מען פּטור געוואָרן פון דער סכנה!... דאָס גע־שיסערייי הערט מען אַלץ זעלטענער און די געמיטער ווערן אַלץ לייכטער, רויקער. — — —

אָנגעקומען איז מען קיין גראָדנע אין אַ מיליטער שפּיטאָל אַריין, ווו מען האָט עטלעכע טעג כּסדר געהאַלטן אין איין „עסן" הייסע זופּן פון די פולע קעסלען און נישט געקאָנט זיך אָנזעטיקן און איינשטילן דעם הונגער, פון דאַנען איז מען מיטן „קייזער־לעכן פּאָיאַזד פאַר פאַרוווּנדעטע" איבערגעפירט געוואָרן ווייטער. די פיינע איינגעאָרדנטע וואַגאָנען, וואָס קיינעם איז אין חלום אפילו נישט איינגעפאַלן צו זען אַמאָל מיט די אויגן, זענען צוגע־

גרייט מיט אַלדאָס גוטס. די באַנעמונג איז געווען אַ אויסערגעוויינטלעך גוטע און דאָס עסן פונם בעסטן און שענסטן, פון ווייסע ביסקוויטן ביז געבראָטן פלייש, פון וואָס דער מאָגן האָט זיך צערייצט און זיך נישט געקאָנט אָנזעטיקן. אויף יעדער סטאַציע זענען מיר אויפגענומען געוואָרן מיט שטורמישע אָוואַציעס, דורכן טויזנט קעפּיקן המון, אַלס די פאַרטיידיקער פון „גערעכטן קריג״... אַז מיר זענען אָנגעקומען אויף דער סטאַציע גאַטשינע, האָבן זיך פאַר אונדז באַוויזן צווישן אַנדערע חשובע געסט, דער דעמאָלדיקער קריגס־מיניסטער סוכאָמלינאָוו, געאַרעמט מיט זיין באַצויבערנדיקע, שיינע, עלעגאַנטע פרוי, וואָס האָט זיך מיט אַ סך פאַרווונדעטע געקושט. דאָס איז געווען אַזוי אימפּאָזאַנט און אָריגינעל, אַז ביי אַ סך שוואַכע נאַטורן האָבן זיך טרערן באַוויזן אין די אויגן.

— איך גיב מיין האַרץ און פאַרמעגן פאַר יעטוועדן פון אייך באַזונדער, טרייע קעמפער! — האָט זי אַלעמען צוגעשווירן.

הגם, ווען אַ פייגעלע האָט שוואַך אַ קלאַפּ געטון מיטן שנעבעלע אין פענסטער, האָט זיך יעדן אויסגעדאַכט, נישט איינמאָל, אַז אַ גראַנאַט פאַלט, אַזוי מוראדיק איבערגעשראָקן זענען דאַמאָלסט געווען אונדזערע אָנגעשטרענקטע נערוון, דאָך האָט זיך געפילט עפּעס אַ פאַרלייכטערונג אויפן האַרצן. מען האָט אונדז אין זינען...

אַריינגעפאַלן קיין פּעטערבורג, האָט אונדז אויף די סטאַציע און אויף די גאַסן אָפּגעוואַרט אַ טויזנט־קעפּיקער המון, מענטשן פון כלערליי קלאַסן, אָנהייבנדיק פון סטודענטן און ענדיקנדיק מיט פּשוטע טאָג־אַרבעטער, וועלכע זענען געווען פּשוט פאַרכאַפּט פונם מלחמה פּסיכאָז.

יעדן פאַרווונדעטן האָט מען באַגעגנט פריינטלעך און גערן. די טישן אין אַלע דריי קלאַסן אויפן וואָקזאַל זענען געווען ספּעציעל סערווירט מיטן בעסטן און שענסטן און מען צערטלט זיך מיט יעדן ווי מיט אַ בן־יחיד... אַז עפּעס האָט מען דערפילט אַזש ווי עס איבלט פון צופיל זיסקייט, אַזוי איבערפליסיק און צופיל האָט זיך געגעבן צו באַמערקן די גאַסטפריינטשאַפט פון

אַלעמען. דערבײַ האָט זיך אויך געלאָזט באַמערקן די פֿאַרשטאַרקטע קריגס-שטימונג פֿון כמעט אַלע אײַנוווינער, פֿאַרבלענדט און פֿאַר-שיכּורט איז מען געווען פֿונם מלחמה-שגעון...

די פֿאַרוווּנדעטע האָט מען איבערגעפֿירט אויף אויטאָמאָבילן דורכן ניעווסקי-פּראָספּעקט און אַנדערע הויפּט גאַסן, וואָס האָבן געבלאַנקט און געשומערט אין דער זון, צווישן יום-טוב גע-קליידעטע מענטשן, וואָס האָבן מאַניפֿעסטירט זייער באַגײַסטערונג פֿאַר די דורכפֿאָרנדיקע געסט אין די לאַזאַרעטן אַרײַן, פֿאַר די פֿאַרטיידיקער פֿונם פֿאָטערלאַנד.

אויך איך בין אַרײַנגעפֿירט געוואָרן מיט אַ קאָמפּאַניע פֿאַר-וווּנדעטע אין אַ לאַזאַרעט, ווו עס איז פֿריער געווען אַ הויכשול פֿאַר דער אַריסטאָקראַטיע. דאָ האָט מען אונדז ריין געוואַשן די וווּנדן, איבערבאַנדאַזשירט און אַרײַנגעפֿירט אין אַ צימער, צום גאָט-דינסט, ווו דער רוסישער גײַסטלעכער האָט מיט אַן ערנסטער געמיטלעכער שטים, לייכט און בנעימותדיק, ווי יעדן האָט זיך אויסגעוויזן, דורכגעפֿירט דאָס אייגענע געבעט, וואָס בײַ די ברו-דער-קבֿרים, הינטער דער „פּאָזיציע". אַ ציטער און אַ טויט-אימה האָט אַלעמען אַדורכגענומען און אויפֿגעטרייסלט. —

ערנסט, מיט אמת שטאַרקע ליבע, האָט יעדער פֿאַרנומען די רייד פֿונם גײַסטלעכן, און הגם מען האָט געפֿילט נאָך שרעקלעכע קערפּערלעכע ווייטאָקן און יסורים, איז מען דאָך לייכט און זאָרג-לאָז, ווי אַ פֿרײַער פֿויגל צוריק אַריבער אינם געוויינטלעכן רויקן צושטאַנד, אָפּזיפֿצנדיק הייס און נעמענדיק פֿאַרליב אַלץ, וואָס עס וועט ווייטער אונטערקומען...

די באַהאַנדלונג איז געווען אַן אויסערגעוויינטלעך גוטע.— אַלץ, וואָס איך האָב דורכגעלעבט אויפֿן פֿראָנט איז דאָ פֿאַרשוווּנדן ווי אַ רויך צוליב דער גוטסקייט און באַרמהאַרציקייט, וואָס האָט געהערשט אין קראַנקנהויז... אין מיר האָט זיך דערוועקט עפּעס קינדערישס, עפּעס אַ מין באַגײַסטערונג פֿון די אַן אַ צאָל קאָמ-פּלימענטן אויפֿן אַדרעס פֿון קעמפֿער. הגם מען האָט געהאַט צופֿיל טענות צו די פּוילישע יידן, וועלכע האָבן געוווינט האַרט נעבן פֿראָנט, אַז זיי זענען שונאים און פֿאַררעטער... דאָך האָב איך

עפּעס באַקומען אַ אויסערגעווייטלעכע ליבשאַפֿט צום רוסישן פֿאָלק. באַמערקט ביי זיי בלויז גוטע אייגנשאַפֿטן, ווייכע הערצער און אויב שוין יאָ זיין אַ סאָלדאַט. טאָ לאָז מען זיין טריי.

צווישן די פּשוטע סאָלדאַטן האָט זיך ערשט אַנטוויקלט דאָס באַוווסטזיין, צו ערשט נור וואָס באַקומענער נאַציאָנאַלער-שטאָלץ, האָט זיי געגעבן מוט צו ראָמאַנסירן אפֿילו מיט די העכסט-געבילדעטע אינטעליגענטע פֿרויען-קרייזן. און דער „ניזני טשין“, די בריאה, וועלכע איז תּמיד געווינט געווען, אַז מען זאָל זיך באַציִען צו אים, ווי צום נידריקסטן מענטשן אין דער וועלט, איז איצט געוואָרן אַזוי טרויִמעריש געשטימט, אַז ער האָט זיך איינגעשטעלט צו ראָמאַנסירן מיט די באַהגטע, זויבערע „שוועסטערקעס“, די סטודענטקעס פֿון פֿלערליי הויכשולן, וואָס האָבן געהאַלטן אין איין אויפֿקלערן און איין טיילן זיך מיט די פֿאַרוווּנדעטע העלדן זייער בילדונג און שׂכל און האָבן ביי דעם, ווי פֿאַרליבטע פֿאַרברענגט האַלבע נעכט אין סודן זיך און אין לייכטע פֿלירטן...

צום ליגנדיקן פֿאַרוווּנדעטן יידן האָבן זיי זיך באַצויגן מיט אַ געוויסער נקמה. אפֿילו די העלדישקייט אונדזערע, וואָס מיר האָבן באַוויזן, טייטשן זיי אויס מיט אַ פֿאַריבל צו אונדז, ווייל מיר כאַפּן עס אויס פֿלומרשט מיט אונדזער געשיקטקייט און כיטרעקייט, ווי זיי האָבן זיך אויסגעדריקט. דאָך האָט מען אויך צוגעוואָרפֿן אַ העפֿלעכן שמייכל, דעם יודישן פֿאַרוווּנדעטן, זאָל ער נישט בלייבן פֿאַראייגנזאַמט און אַרויסרופֿן אין זיך אַ געוויסע פֿאַרביטערונג צוליב דעם...

געקומען זענען צו אונדז די באַזוכער עטלעכע מאָל אין דער וואָך, אָן איבעררייס, פֿאַרשידענע געסט מיט מתּנות. פֿון רייכןשטאַנד ביזן אָרעמען אַרבעטער, אַלע האָבן געפֿילט עפּעס פֿאַר אַ חוב צו טיילן זיך מיט זייער אָפּגעשפּאָרטן גראָשן און עס אַוועקצושענקען דעם פֿאַרוווּנדעטן. און עפּעס ווי אין אַ מאָדנעם צושטאַנד, געמישט פֿון צופֿרידנקייט און צער האָט זיך יעדער געפֿילט לעבן אַזאַ ליגנדיקן קראַנקן. און דער קראַנקער סאָלדאַט האָט זיך געשפּירט אויסערגעווייטלעך גוט און היימיש, באַקומענדיק דורכדעם אַ געפֿיל פֿון אחריות פֿאַרן כּלל און אַ שטאַרקן

חשק גיכער געזונט צו ווערן, כדי ווידער זיך צו שטעלן אין די קעמפנדיקע, סאָדערשטע רייען...

וואָס ווייטער, בין איך אַלץ מער געוואָרן אַן איבערגעגעבענער פּאַטריאָט, אַן אמתער „פּאָניע". מיר איז געפעלן דער רוסישער ייִד מיט זיין איבערנעמען דאָס גוטע, ווייכהאַרציקע און אָפּערווילִיקע געפיל פון גרויס־רוס, וואָס אין זיין באַנעמונג און אומגאַנג, אין זיין טראַכטן האָט זיך געמערקט עפּעס א ברייטהאַרציקע פּשטות. אַלץ ארום האט מיך אַנטציקט און געבּרענגט צום געדאַנק פון אָפּפערווילִיקייט, ווי נאָר איך בין אַרויס פון שפּיטאָל, אויסגעקורירט דורך די פלייסיקע דאָקטוירים, פאַרברענגנדיק א קורצע צייט אין פעטערבורג, אויסערן לאַזאַרעט, און אין דער שטאט יוריעוו אין דער „קראַנקען קאמאַנדע", האב איך אויסגענוצט די געלעגנהייט פונם פריוועליגירטן „העלד" און געמאַכט אַ רייזע פון נאָוואָגראָד ביז איבערן סאַמע „מיט הארץ" פון רוסלאַנד אַרום דער וואָלגאַ... איך בין געווארן ווי היפּנאָטיזירט פון דער גוטער באַציונג, וואס איך האָב אומעטום באַגעגנט. אַלס ייִד האט מיך די גאסטפריינטלעכקייט נאך מער געחידושט און מיך האָט באַהערשט אַ שטאַרקער ווילן אפּצודינען דעם גוטן פאלק פאר אַלץ און נאכאמאָל אַריינצוטרעטן צווישן די לאַנד־פאַרטיידיקער אויפן פראָנט. דאס האט מיר אויך דיקטירט מיין באַוווּסטזיין, וואָס איז ווי פארשיכּורט געווען דורך אַלעמענס מלחמה־התפּעלות און קנאה, וואס זיי האָבן ארויסגעוויזן צו מיר, ווייל זיי קאנען מיר נישט נאָכטון און זיך אויך שטעלן פרייוויליק אין די מיליטער רייען. אַלע אָן אויסנאם זענען געווען איינשטימיק, אז מען מוז דעם שונא גובר זיין, האָפנדיק דערביי, אז די מלחמה מוז ברענגען אַ נייע פרייע ארדנונג, וואס וועט מאכן א סוף מיט די באַגרענעצונגען און מיטן תחום־המושב. ענדלעך וועט מען מעגן וווינען אומעטום אין גאנצן גרויסן, רייכן רוסלאַנד!...

דאס אַלץ האט מיך באַוויגן, נאכאמאָל צו נעמען אויף מיין פּלייצע דעם שווערן מלחמה־ראַניעץ מיט אַמוניציע — א פּוד די וואג, פארגעסן אלץ, וואס מיט מיר האט פּאסירט, נישט דערמאנען מער דאס דורכגעלעבטע אויף די פאדערשטע פאזיציעס, און ווי־

דער אריין פרייליך און מונטער אין די משא וואגאנען. ווייטער האָט מען זיך געשלעפּט אין זיי, צונויפגעפּרעסטע ווי פערד און אין אומאָרדנונג... בּיי יעדער פאַרבּייפאָרנדיקער סטאַציע האָט מען אונדז באַוואָרפן מיט פּאַפּיראָסן און מיר האָבן געהאַלטן אין איין רייכערן און זינגען, אויפגערוימט און מוטיק, זיכער און האָפנדיק, אַז אָט־אָט צערייבּן מיר דעם שונא, ווי דאָס אַש פון פּאַפּיראָס...

ליגנדיק אין וואַגאָן האָט זיך מיר געמישט אין קאָפּ פון די אומצאָליקע באַן־צוגן, וואָס זענען פאַרבּייגעפלויגן, היין און צוריק, פול געפּאַקט מיט זעלנער און אַמוניציע. אַ צעמישונג האָט דאַכט זיך אויך געהערשט דעמאָלסט בּיי דער אַלגעמיינער אָנפירונג. קיינער האָט קלאָר נישט געוווסט וווהין ער פאָרט... אויך די העכערע נאַטשאַלסטווע האָט נישט געוווסט אויף זיכער, באַשיידן געגנוי דעם פאָר־פּלאַן און צו וועלכן אָרט מען דאַרף קומען... אַ מאָל צען האָט מען אויסגעדרייט דעם „דישעל", געפאָרן אַהין געפאָרן אַהער און צוריק... מען האָט עפּעס געפילט, אַז עס פעלט אַ גוטע טעכניק, אַ געניטע פעסטע האַנט פון אַ פירער...

ענדלעך, נאָך אַ וואָך־צייט זיך אַרומשלעפּן אָן אַ ציל, איז אונדזער צוג שטיין געבּליבּן און מאַרשירנדיק עטלעכע טעג צו פּיס האָט מען זיך ווידער אַמאָל דערזען נאָענט בּיי די פאָדערשטע ליניעס.

## צוריק אין די שוץ־גראָבנס (אָקאָפּעס)

וואָס נענטער מיר זענען געקומען צו דעם טייך פּיליצע אויף דעם לינקן ברעג ווייסל, אַלץ אָפּטער און העכער האָט מען געהערט די שיסערײַ. אָוונט־צײַט זענען מיר צוגעקומען אין אַ דאָרף, ווו מ׳האָט אונדז פריש אָנגעקומענע מיליטער־טיילן צוטיילט צו פאַרשידענע פּולקן און פאָרמאַציעס, וואָס זענען נאָך זייערע פאַרלוסטן אין טויטע, פאַרוווּנדעטע, געוואָרן איצט אויסגעפילט מיט נייע, פרישע כּוחות.

איך בין אַרייַנגעפאַלן אין אַ מאָלאָרוסישן פּולק, ווו ס׳האָבן זיך געפונען מיטגלידער פון פאַרשידענע פעלקער־טיפּן, ווי: גרוזינער, טאַטאַרן, אַרמענער, כאַכאָלן, מאָלדאָוואַנעס, רוסן, פּאָליאַקן און יידן, און ווער ווייסט זיי דאָרט נאָך וואָס פאַר אַ אויסמישעכץ פון שפּראַכן און זיטן. איך האָב באַלד באַמערקט, ווי פאַרגרעבט און פינסטער זיי זענען אַלע אין זייערע השגות. קיינער פון זיי האָט נישט געהאַט די מינדסטע פאָרשטעלונג צוליב וואָס זיי גייען זיך שלאָגן און אויך מקריב זיין... מען האָט שוין נישט געהאַט מער אַרום זיך די פריערדיקע אַקטיווע מיליטערישע יינגע מענטשן, און שוין אפילו נישט דעם ערשטן רעזערוו, וואָס האָט זיך ווירקלעך געשלאָגן גוט און דרייסט, און לכל־הפּחות, פאַרשטאַנען די קאָמאַנדע און בלינד, אָבער פּינקטלעך אויסגעפירט זי, ווען אפילו דער טויט איז געשטאַנען פאַר די אויגן. די איצטיקע פרישע כּוחות זענען באַשטאַנען פון רויע עלעמענטן, וואָס האָבן לגמרי קיין אַנונג נישט געהאַט פון מיליטער־דינסט, אפילו צו שיסן מיטן

ביקס האָבן זיי געמוזט האָבן אַ לאַנגן ישוב-הדעת .. ווער שמו-
עסט שוין ביי אַ וויכטיקן אָפּפּערווילּיקן צופֿאַל, ווי עס מאַכט זיך
אָפּט אין די פֿאָדערשטע פּאָזיציעס. דאָס האָט מען בכלל ביי
קיינעם פֿון זיי נישט באַמערקט מער.. מוראדיקע פּחדנים, איז
מען ביים מינדסטן גערויש, ביים קלענסטן שאָס — אַנטלאָפֿן,
ווו דער פֿעפֿער וואַקסט... זיך באַהאַלטן פֿון שרעק און חרפּה
פֿאַר די אייגענע מיטמענטשן, און געהאַלטן זיך כּסדר אין איין
אַרומרייסן, אין איין שעלטן זיך, און אין איין „שמעקן", ווו
ערגעץ צו כאַפּן אַ פּרעס, אַ זויף... צווישן אַזאַ מין מענטשן-סטאַ-
דע בין איך אַריינגעפֿאַלן און נישט ווילנדיק געמוזט זיך צופּאַסן
צו אַלץ. גרעאַיסקי אַרמיאַ — דעם רוסישן העלד, וואָס די ציי-
טונגען האָבן וועגן אים אַזויפֿיל געפּילדערט, האָב איך שוין מער
נישט געפֿונען, אַחוץ אין איינצלנע פֿאַלן, ווו דער פֿרייוויליקער
נאָך זייער יינגער בחור, כּמעט נאָך אַ קינד, אָדער אַמאָל אַ ציי-
ער יונגער אָפֿיצירל פֿון די העכערע ראַדיקאַל-געשטימטע
אינטעליגענץ, וואָס האָט אַקאָרשט באַקומען דעם טיטול און האָט
געוואָלט באַווייזן, אַז ער איז אים ווערט, אַז ער פֿאַרשטייט, וואָס
עס הייסט צו קעמפֿן פֿאַרן פֿאָטערלאַנד מיטן עכט רוסיש-נאַציאָנאַלן
באַוווסטזיין; אַזעלכע אָבער האָבן זיך געפֿונען זייער ווייניק, איי-
נער צווישן טויזנטער.

אַלע איבריקע, אָן אויסנאַם זענען געווען נאָר העלדן פֿאַר
זיך און ערשט איצט האָב איך פֿאַרשטאַנען אויף ריכטיק, אַז די
אַלע „העלדן" וועגן וועלכע די רוסישע צייטונגען פּויקן אַזוי, אַז
דאָס אַלץ איז בלויז צייטונגס מאַכערײַ. יעדער געקומענער פֿון
טיף רוסלאַנד, וואָס איז געווען אונטער דעם איינפֿלוס פֿון די רו-
סישע צייטונגען, האָט זיך דאָ אויפֿן פֿעלד, פּנים אל פּנים מיט
דער נאַקעטערווירקלעכקייט, זיך אויסגעניכטערט אינגאַנצן און סיי
דער באַוווסטזיניקער, סיי דער אומבאַוווסטזיניקער, האָט מיטן
נאַטירלעכן מענטשלעכן לעבנס-אינסטינקט קודם-כּל געזאָרגט צו
דערהאַלטן זיך און מציל זיין זיין אייגן נפש.

איצט איז אונדז אויסגעקומען איבערצולעבן די גרעסטע גע-
פֿאַרן, די גרעסטע סכּנות. און זעלטן ווען מיר האָבן דורכגעהאַלטן

דעם פֿײַנטס אַטאַקעס, וואָס זענען געווען אויסערגעוויינטלעך שווערע, פֿאַרעקשנטע, תמיד אײַנהאַלטנדיק זיי אין זייַן פֿעסטער מאַכט, זיך רוקנדיק דאָ אַהער, דאָ אַהין, ווייטער צו און צוריק, ווי אים איז ווויל געפֿעלן און ווי אים האָט זיך געלוינט... יעדער איינער האָט געפֿילט און געזען, אַז בײַם פֿײַנט איז פֿאַראַן אַ זעלטענע בקיאות. אַלץ איז בײַ אים אויפֿן פּונקט, אויף דער האָר.

כמעט תמיד האָבן מיר זיך געפֿונען נישט ווילנדיקערהייט „אונטן“, דאָס הייסט אויף אַ נידעריק שטיק פֿעלד און דער פֿײַנט איבער אונדז אינדערהייך. און צוליב דעם האָט ער גיכער און שאַרפֿער באַמערקט דעם זאַמלפּונקט און באַלד אים באַשאָטן מיט אַ האָגל פֿון האַרמאַטן-פּולמיאָטן-און ביקסן-קוילן. דאָ, האָבן מיר זיך געפֿונען ווי אומבאַהאָלפֿענע שאָף, נישט פֿאַרשטייענדיק בשום אופֿן, פֿאַרוואָס דווקא קומט כמעט תמיד אַזוינס... עפּעס האָט מען באַמערקט און געפֿילט אַ נישט אויסגעהאַלטענע אָריענטירטקייט אין די באַפֿעלן פֿון שטאַב, ווו און ווי אַזוי זיך צו האַלטן.

טווישנדיק זיך אָפּט אין די ערשטע חדשים פֿון 1915-טן יאָר בײַם פֿראָנט, ווערנדיק איבערגעוואָרפֿן פֿון איין פֿייער ליניע אין דער צווייטער, פֿון די בזורא בײַם שטעטל סאָכאַטשאָוו אָן, — ביז בײַ פּראַסניש-באָדזאַנאָוו און העכער, צו מלאַווע צו און שלעפּנדיק זיך אַזוי צווישן די גרויסע „פּאָכאָדן“, איז פֿאַר אונדז ספּעציעל שווער געווען אין די כמורנע וועטערן, ווען אַ טייל טעג האָט אונדז דער נעפּל אַזוי ענג אַרומגעהילט, אַז עס האָט זיך אויסגעוויזן — אָט-אָט, עטלעכע טריט ווייטער איז עק וועלט... וואָס אַ טאָג ווייטער איז געוואָרן אַלץ נעפּלדיקער, אַז מען האָט געקאָנט אָנטאַפּן דעם פֿייכטן קאַלטן נעפּל מיט די הענט. און דאָך האָט מען זיך באַוויגן האַסטיק, אין אײַלעניש און געגאַנגען אַלץ ווייטער און ווייטער.

אָדער דעם רוב חדשים פֿון ווינטער זענען מיר גאָר געלעגן אין די פֿאַרטריקנטע, פֿאַרפֿרוירענע, געמאַכטע אָקאָפּעס. דער שונא האָט קלאָר געוווּסט, וווּ מיר געפֿונען זיך, און זיך גאָר דערפֿון נישט געמאַכט. מען האָט געוואָלט איבערוואַרטן דעם ווינטער

און געגרייט זיך צו דער פּרילינגס־אָפּענסיווע, וואָס האָט באַדאַרפט געבן ענטגילטיקע רעזולטאַטן פאַר זיי, ווי פאַר אונדז.

און ווען דער שניי איז געווען אַ טרוקענער, האָט מען גאָר צונויפגעקליבן אַ קופּקע שטיינער צו קאָפּנס, אָנשטאָט אַ קישן, איבערגעדעקט זיך מיט שטרוי, און פון אויבן האָט מען זיך געלאָזט איבערשיטן פון די חברים מיט אַ הויכע קופּע שניי, זיך פילנדיק דערוואַרעמט דורך די שניי־איבערבעטן.

ביז ס'האָט אונטערגעריקט דער ענדע ווינטער. דער שניי האָט געגומען זיך צעלאָזן און פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איילן־טיפע בלאָטעס איבער ווייטע פעלדער און לאָנקעס און מיר האָבן זיך געשלעפּט קוים קוים באַוועגנדיק די פיס... דער לייכטער און געשיקטער סאָלדאַט איז נאָך טיילמאָל איבערגעשפּרונגען איבער די ראָוון און וואַסער־קאַנאַלן און קליינע בלאָטקעס... דער אָפּגעשוואַכטער מענטש אָבער, דער אויסגעמאַטערטער און איבער די כּוחות אָנגעשטרענגטער האָט זיך געמוזט אונטערטונקען מיט די שווערע שטיוול אין די ברודיקע וואַסערן און טריט איין טריט־אויס אָפּטובלען כּמעט דעם האַלבן קערפּער אין דער פייכטער שיטערער בלאָטע.

געגאַנגען איז מען אָפּגעלאָזן, אָן כּוחות, קוים די נשמה האָט זיך געהאַלטן... און איז מען צוגעקומען צו אַ דאָרף ערגעץ אויף אָפּרו, האָט מען זיך אַנידערגעוואָרפן אין די חרובע סטאָדאָלעס מיט אויסגעבראָכענע ווענט און אָפּענע טירן, ווי טויטע פּגרים... אָנגעטועכערהייט, אין די מלבושים מיטן פּודיקן ראַניעץ אַמוניציע אויפן פּלייצע און גלייך איינגעשלאָפן געוואָרן האַרט און שווער — ווער האָט עס עפּעס געקימערט... ווער געאַרט... און ווי גליקלעך האָט יעדער איינער זיך דעמאָלסט געפילט?... קאָן דען עמיץ פילן דעם טעם פון אַזאַ מין שלאָף אַ חוץ יענע, וואָס האָבן דעמאָלסט מיטגעמאַכט די פּאָכאָדן. גליקלעך אָבער אינגאַנצן איז דער שלאָף ס'רוב נישט אַריבער, קוים האָט מען באַוויזן צו כאַפּן דעם ערשטן געשמאַקן דרימל, האָט מען גלייך איבערגעוועקט, פון געלעגער אויפגעריסן און אַוועקגעשלעפּט אויף

„כראַניעניעס" אַרומצוגיין די ערשטע פּאָדערשטע אָקאָפּעס און באַכשפּירן, דערשמעקן דעם שונא.

ביי דעם האָט זיך געלאָזט באַמערקן אַזאַ מין דערשיינונג: ביים אַקטיוון דינסט פאַר דער מלחמה, האָט מען געוווּסט, אַז אויב אַ זעלנער איז געווען אַ געהאָרכזאַמער, אונטערטעניקער און האָט גליַיך דערפילט די באַפעלן פון „עלטסטן", אַזאַ איינעם איז תמיד געווען צום ערגסטן. אַזעלכער האָט כסדר געמוזט אויספירן אַלע שווערע אַרבעטן און וואָס מער ער האָט געאַרבעט, אַלץ מער לאַסט האָט מען אַרויפגעלייגט אויף אים... יעדער האָט זיך געטראַכט: אַז דו טראָגסט — טראָג-זשע שוין אויך פאַר מיר! און זיי נישט קיין פרייער, וועסטו עסן לאָקשן!

איצט האָט מען אויך געפילט עפּעס, אַז עס געפינען זיך נישט בלויז איינצלנע פּריווילעגירטע לייט, נור גאַנצע פּולקן, פּראָטעקציאָנירטע, וואָס זענען ס'רוב געווען אויסער דער סכנה, ווײַלנדיק תמיד אינם „טיל" הינטערן פראָנט, אָדער אַלס אַ „פּאָדפּאָרע" אויף צו געבן אונטערשטיצונג ערשט אין לעצטן מאָמענט, אין אַ עת-צרה און ביי דעם האָבן זיי זעלטן געהאַט פאַרלוסטן... ס'זענען אָבער געווען אַזעלכע פּולקן, וואָס זייערע אָנפירער זענען תמיד געווען איבערגעגעבענע מיט לייב און לעבן און האָבן ערלעך און פּינקטלעך אויסגעפירט די העכערע באַפעלן און טריי און מוטיק געשטאַנען מיט די בלאַנקע שווערדן אינם קאַמף. אַריינטרעטנדיק אין אַזאַ פּולק האָט מען באַלד געמוזט אָפּזאָגן ווידוי...

אויך דער 67 טאַרוטינסקן פּולק, ווו איך האָב זיך איצט געפונען, איז ס'רוב באַשטאַנען פון דער אוקראַינישער באַפעלקערונג און איז געווען פון די אַזוי גערופענע „גליקלעכע" פּולקן, האַלטנדיק זיך כסדר אין איין שלאָגן. קומענדיק אין רעזערוו, כדי צו פאָרמירן זיך, איז מען באַלד ווידער אַריינגעטרעטן אין קאַמף מיט פרישע, נייע כוחות.

ביי פּראַסניץ האָבן זיך דעמאָלסט אָנגעהויבן די אמתע שלאַכטן. פון „אויבן", פון די גרויסע מלוכה-מענער, וואָס האָבן אָנגעפירט מיט לאַנד און מיט דער מלחמה, איז אָנגעקומען אַ

באַפעל, נישט אָפּצושטעלן זיך פאַר קיין שום קרבנות. קעמפן ביזן לעצטן מענטשן און נישט צוריקטרעטן!... און מיר האָבן זיך געהאַלטן אין איין וויגן, איבעראיבעריבערבנדיק דעם שוגאַס פאַרפעסטיקטע דראָט-פאַרצוימונגען (וואָס האָט געקאָסט גענוג מענטשלעכע קרבנות) די קונציקע, צעגפּאַכיק-צונויפגעדרייטע, שטעכעדיקע דראָט-שטאַכעטן, וואָס האָבן אונדז אָפּגעטיילט פון דער שטאָט פּראַסניץ און דער אַרומיקער געגנט, וועלכע האָבן פון די פאַרוויסטונג אויסגעזען, ווי אַ ערד-ציטערניש וואָלט דאָ געווען און וועלכע זענען דעמאָלסט געווען דער בעסטער סטראַטעגישער הויפּט-פּונקט. איין טאָג איז מען געווען די גליקלעכע צו באַזעצן די געגנט. אויפן צווייטן טאָג האָט מען ווידער געמוזט אָפּטרעטן צוריק און אַוועק. די אוממענטשלעכע לײדן, וואָס מען האָט נאָר געקאָנט דורכלעבן ביי דער איצטיקער וועלט-מלחמה, האָט יעדער איינער פון אונדז דורכגעמאַכט.

אין די מאָמענטן פון ווילדער אויפרעגונג האָב איך תּמיד קיין חשק נישט געהאַט מיר צו מאַכן אַ ריכטיקע לייטישע אָקאָפּע, מיטן איינציקן אויסרייד, אַז סיי ווי וועל איך דאָ פאַלן און אומקומען... און צו וואָס נאָך זיך פאַרלייכטערן דאָס טרויעריקע, ביטערע לעבן און פאַרלענגערן עס מיט בעסערע פאַרהיטונגס-מיטלען...

די שיסערייען און דאָס קנאַקן פון די גראַנאַטן, פּולעמיאָטן און ביקסן זענען געווען מוראדיק. דער אייזערנער האָגל און די הודזשעריי האָט זיך געטראָגן איבערן קאָפּ, עקספּלאָדירט אייניקע שריט פון אונדז און פאַרוואָרפן מיט אַ רעגן פון זאַמד און בלאָטע, אָבער אַלץ נישט דערהרגעט... אַלץ נישט געבראַכט דעם געווונטשענעם טויט... און די פּיין און ליידן האָבן נישט אויפגעהערט... עפּעס האָט זיך געוואָלט איינמאָל פאַר אַלע מאָל שוין בלייבן אַ גל-של-עצמות. נור צו דעם אפילו, האָט מען אויך געמוזט האָבן אַ ביסל מער גליק... איינער, האַרט נעבן מיר, ליגט שוין אַ געהרגעטער, אַ צווייטער אַ צעריסענער אויף שטיקער,— אַ האַלב-גוססדיקער און דו קוק און לייד, נעם אַלץ אָן פאַרליב... און אָט לויפט מען, איינער אויף דעם אַנדערן אויף „שטי-

קעס". אַט האָבן זיך צונויפגעטראָפן האסטיקע בליקן פון דענער־ווירטע, דערשראָקענע פנימער און פאַרהילכט האָבן די געשרייען:

— הוראַ! הוראַ! נאַ שטיקי!

מענטשן האָבן זיך פאַרײַנטפערט מיטן תירוץ: הבא להרגך השכם להרגו — ווער עס וויל דיך טייטן, טייט אים דו פריער... און געוואָרפן זיך אויפן שונא מיטן שאַרפן שטיק פּאַרויס און דורכגעשטאָכן לייבער, הענט און אַקסל און ווו מען האָט נור גע־טראָפן. און אינם משוגעדיקן צעמישטן צושטאַנד, ווען מען האָט זיך געזען אַרומוואָגלען, ווי אין אַן אַלגעמיינעם שעכטהויז פאַר בהמות, האָבן זיך די הימל־שרייענדיקע געוואַלטן און קרעכצע־רייען צונויפגעמישט מיט די רצחנישע קולות פון די צעווילדעטע חיילות, וואָס האָבן מיט זייערע פאַרשיכורטע קולות און אויסגע־שרייען גרויזאַמער געמאַכט די פחדים.

און אַט אין אַזעלכע גרויזאַמע, טראַגישע מינוטן האָט מען באַוווּנדערט דאָס באַהאַלטן זיך אָן אַ זייט. מענטשן איידעלע, ווייכהאַרציקע זענען געלעגן אונטער ביימער, אייגער דעם צווייטן האָט אויסגעמיטן צו געבן זיך דערקאָנען.

האַ!... דו?...

געלייטערטע נשמות האָבן נישט געקאָנט מיטמאַכן דאָס גע־שפּאַן פון ראַנגלען זיך מיט יענעמס נפש.

* *

*

געהאַט האָב איך אַ פריינד סלוצקי, געדינט מיט אים אין איין ראָטע. געפונען אין אים מיינעם אַ נשמה־פריינט, אַן איידע־לער ייִנגערמאַן, אַן אַקטיווער זעלנער, וואָס האָט זיך שוין אַנ־דערטהאַלבן יאָר צייט אָן אָפּרו, כסדר געפונען אויף די ערשטע פאָדערשטע ליניעס און די גאַנצע צייט נישט געווען פאַרווונדעט אָדער קראַנק. אויסערלעך האָט ער אויסגעזען שוואַרץ און באַ־וואַקסן, ווי אַ ווילדע בריאה, נור די צוויי לעבנס־דורשטיקע טיפע אויגן האָבן זיך, ווי געבעטן: ראַטעוועט! זייט מיך מציל פון טויט.

ער איז געווען אַ גוטהאַרציקער און אַ ליבער. מיט אים צוזאַמען בין איך געלעגן אין דער אָקאָפּע. דאָרט באַנאַנד גע־

שלאָפן און ווי שמאָל און ענג זי איז נישט געווען, טיילמאָל אפילו פאַר איינעם קוים זיך צונויפצולייגן, האָט מען זיך ביידע צונויפגעדריקט איינער צום צווייטן, אַבי אינאיינעם צו לעבן. ער האָט זיך צוגעטוליעט צו מיר, ווי אַ זויג־קינד צו דער מוטער און מיר האָבן קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט צווישן זיך, תמיד געשוויגן.

מיט וואָס פאַר אַ בענקשאַפט און האָפענונג האָט ער אָפגעוואַרט די רגע, ווען ער וועט קאָנען אַוועק פון פראָנט און אומקערן זיך אַ היים אין פון סלאָבאָדקע, פריי איבערן בריק קאָנען אַריינגיין קיין קיעוו, אָן שטערונג, נישט ווי ביז איצט צוליבן תחום־המושב...

אין דעם איז ער געווען זיכער איבערצייגט, אַז די צייט מוז און וועט קומען.

צו אים האָבן זיך געווענדט אַלע זעלנער און פולק, וואָס האָבן באַקומען זייערע זעלטענע בריוו פון עלטערן און פרויען, ער זאָל זיי דורכליינען מיט זיין האַרציקער שטים; אין יעדן בריוו האָט ער אַריינגעלייגט אַ שטיק פון זיין פאַרבענקטער פאַראומערטער נשמה. און נישט איינמאָל איז מען אים פון פרייד געפאַלן אויפן האַלדז קושן.

און מיט איין פזמון, כמעט, האָט ער פאַר אַלע זעלנער געענטפערט די בריוו אַהיים צו זייערע הויזגעזונטן.

„מילויע מאָי דראָגיע ראָדיטעלי! סלאַווא באָגו זשיוו אי זדאָראָוו, נאַכאָדזשיס וו׳ פרעדנוי פאָזיציע, באָי איזשאָסניאַ, פראָשו וואַס פישיטע פאָסקאָריע אָטוויעט, מאָזשע יאַ בודו יעשטשאָ זשיוו, פאָקלאָן דליאַ ווסיעך, וואַש סין גריגאָריע״.

„צו מיינע ליבע עלטערן! גאָט זיי דאַנק, מ׳לעבט, מ׳איז געזונט! איך געפין זיך איצט אין די פאָדערשטע ליניע. די קאַמפן זענען שרעקלעכע. איך בעט אייך שרייבט וואָס גיכער ענטפער, וועל איך אפשר נאָך לעבן. אַ גרוס פאַר אַלעמען אייער זון גריגאָריע״.

די ווייניקע אַקטיווע זעלנער, אויף די פינגער צו רעכנען וואָס זענען ניצל געוואָרן פון טויט, האָבן אים געדענקט נאָך פון פולק, ווי גוט און שיין ער האָט אַמאָל אויסגעזען און איצט ווי

פאַרפינסטערט ער איז... וואָס פאַר אַ ליבשאַפט האָט זיך צס געפילט פון זיי צו אים! אפילו פון די, וואָס זענען שוין שפּעטער צו אַרייַנגעטרעטן אין פולק, אָדער אין באַטאַלאָן, ווען זיי האָבן אים דערקענט, דעם „איסטינערוסקי יעוורעי”. באַקומענדיק בריוו פון זיין מוטער און כלה, פון קיעוו, האָט ער זיי וואָרט ביי וואָרט געלייענט, באַגיסנדיק זיך גלייכצייטיק מיט הייסע טרערן, און קוקנדיק אויף זיין פּנים, האָט מען באַמערקט, אַז די העלע פלעקן אויף דעם זענען ריין געוואַשן נישט פון סתם וואַסער, נאָר פון אינערלעכן לויטערן קוואַל פון בענקשאַפט. און געענטפערט האָט ער זיי אַלעמען מיט טרייסט, אַז זיי זאָלן גלייבן און האָפן צו גאָט — ער וועט געוויס נאָך קומען צוריק אַהיים צו זיי! און דערמאָלסט — ווי גליקלעך קען מען עס לעבן! און בעת-מעשה אונטערגעזונגען זיך מאָנאָטאָן און פּאַמעלעך:

„מה בצע בדמי ברדתי אל שחת, היודך עפר היגיד אמיתך”.

און פאַרענדיקט פרייַלעך און לעבעדיק — „לא המתים, הללו יה ולא כל יורדי דומה” — האָט ער אַ קלאַפּ געגעבן מיט די הענט רייַבנדיק איינע פעסט אָן דער צווייטער, אַלץ, אַלץ וועט מען אַ דורכקומען!

איינמאָל, אין אַ רויִקן טאָג, ווען אַרום איז געווען שטיל, ס'האָט זיך בלויז געהערט די געוויינטלעכע נאָרמאַלע טאָג-טעגלעכע געוויסע אָפּגעגעבענע שאָסן, ווי סיגנאַלן, וואָס האָט געהייסן, אַז די באַוואַכונג פון ביידע פייַנטלעכע לאַגערן זענען וואַך און אַז די פּאָלעוואָי-ראַזוויעדקעס, שלאָפן נישט, דאַן האָט ער מיר געגנומען דערציילן אַ שטיק פון זיין לעבן, ציִלענדיק דאַדורך אַראָפּצוּרעדן זיך און זיך לייכטער צו פילן.

— אַלס שלאָסער פון באַרוף, האָט מען מיך איינמאָל גערופן צו פאַרעכטן אַ ניי-מאַשין אין אַ ענגער ווינונג פון אַ נייטאָרין.

אַרייַנקומענדיק אַהין, האָב איך געטראָפן אַרומגיין אַ בלאַס שלאַנק מיידל, אַ פאַרזאָרגטע. זי האָט מיך באַלד באַצויבערט מיט איר שיינקייט און האַלטן זיך. זי האָט זיך געבעטן ביי מיר ווי געשווינטער די מאַשין זאָל זיין פאַריכט, ווייל זי מוז די

אַרבעט, וואָס דורך איר ערנערט זי זיך און אַ מוטער מיט צוויי שוועסטערלעך, אויספּירן וואָס שנעלער.

אַוועקגייענדיק פון איר, בין איך געווען פאָלקאָם פאַרשיכּורט. איך האָב שוין מער קיין מנוחה, קיין רו נישט געקאָנט האָבן. די צווייטע נאַכט, ווען אומעטום, זענען שוין די מענטשן געשלאָפן אין זייער שווערן האַרטן שלאָף, בין איך פון מיין אָרט אויפגעשפרונגען און זיך געלאָזט צו איר ווירונג.

ס׳איז געווען שפּעט, דורכן פענסטער האָב איך געזען, אַז ביי דער ליכט פון אַ וואַנט לעמפּל, וואָס האָט טאַנצנדיק געקאָפּטשעט, איז זי געזעסן אונטערן גערויש פון דער ניי-מאַשין און געזונגען — געזונגען ווונדערבאַר שיין, די מעלאָדיעס פון איר טרויעריקן געזאַנג האָבן זיך שטיל און רויק צעגאָסן, אויסדריקנדיק מיט זיך אַ צאַרטן טרויער און אַ מעכטיקע בענקשאַפט, וואָס האָט שוין לענגער אין איר האַרץ-תּפיסה זיך נישט געקאָנט האַלטן זי האָט דערציילט די הימלען, דער וועלט, גאָט, אירע פאַרבענקטע חלומות, געפילן פון אַ איינזאַם אַרבייטנדיק מיידל!

ווען ס׳איז שטיל געוואָרן, בין איך אַ טרויעריקער אַוועק פון איר ווירונג. אַהיימקומענדיק האָב איך געפילט, אַז מיין האַרץ איז דורך איר געפאַנגען געוואָרן און אינדערפרי מיט אַ אויסרייד צו די מאַשין פונקציאָנירט גוט, בין איך אַוועק צו איר.

אויף דעם קלאַפּ אָן טיר, האָב איך דערהערט איר שטימע, אַז איך קאָן אַריינגיין.

איך קום אַריין אין אַ נידריק קליין שטובעלע, וואַרפנדיק מיינע בליקן אַרום זיך, דערזע איך זי שטיין נעבן מיר. דאָס בלוט אין מיר האָט אַ קאָך אויף געגעבן, אַוואַרעמקייט האָט מיך באַהערשט. איך זע דרייסט איר פּנים, איר הויך-שלאַנקן קערפּער אירע גרויסע ביר-קאָליר-אויגן און די טונקל שוואַרצע צעוואָרפענע האָר אויף אירע אַקסלען.

איך גיי צו צו דער מאַשין, באַקוק זי, פאַריכט אַ שרייפעלע אויטאָמאַטיש, נישט פילנדיק, וואָס איך טו, זייענדיק פאַרשיכּורט דורך דעם געהיימען אנציִענדיקן מיידלשן גערוך, וואָס האָט צו מיר געשמעקט פונקט ווי די שטאַרקסטע שמעקנדסטע

רויזן אין אַ גאָרטן. מיר איז אַנגסטלעך געוואָרן, איר פּנים האָט זיך מיט אַ ראָזלעכע קאָליר געטון באַדעקן און מיר ביידע האָבן זיך ליידנשאַפטלעך אַ טרייסל געטון ווי אַ עלעקטרישער שטראָם וואָלט איצטער אונדזערע קערפּערס דורכגעלאָפן און אויסמיידנדיק אַ קוק צו טון איינער אויפן צווייטן איז מען פאַרשעמט געבליבן.

פון דער צייט אָן, האָב איך געהאַלטן אין איין טראַכטן וועגן איר, אַ חלום האָט זיך ביי מיר אָנגעהויבן צו וועבן וועגן דער צוקונפט און מיך נישט אָפּגעלאָזט. איך בין אומרויִק געוואָרן.

אין אַ צייט שפּעטער זענען מיר ביידע געזעסן אויף אַ באַנק הינטערן שטאָט, געזעסן און געשוויגן, ווייל מער האָבן די געפילן צווישן זיך גערעדט. פונקט איז אַ שטאַרקער רעגן גע־פאַלן, ברומענדיק אויפן דעכעלע איבער אונדז, אַ ווינט האָט שטאַרק געוויעיעט און אַ פאַרלאָזענער הונט האָט מיט אַ צוציענדן קול געשריגן, געוויינט און מיר האָבן זיך אינדערשטיל מיט איינגע־האַלטענע אָטעמס איינגעהערט.

וואָס שפּעטער אַלץ פינסטערער איז געוואָרן און אומהיימ־לעכער און אין דערדאָזיקער שטימונג האָט מען זיך געזעגנט.

ס'איז אַדורך קוים עטלעכע חדשים, ווי איך בין אַלס רע־קרוט, ווייט פון אונדזער וווין־אָרט צום מיליטער־דינסט אַוועקגע־שיקט געוואָרן. אין וואַגאָן, אין וועלכן איך בין איינגעשטיגן האָב איך זי דאָס לעצטע מאָל געזען. נישט גערעדט מיט איר, כאָטש מיר זענען איינער צום אַנדערן אינערלעך שטאַרק פעסט צוגע־בונדן געווען און דאָך אַנדערש האָט זיך געפירט ביי אונדז די באַקאַנטשאַפט ווי ביי אַנדערע יינגלעך און מיידלעך, וואָס פאַר־ברענגען צווישן זיך אין געשמוסערייען און גייען אויף פאַרוויילונגען א. א. וו. מיר האָבן דאָס אויסגעמיטן, ווייל סטיכיש האָבן מיר געשפּירט, אַז דאָס גליק פון אונדזער צוקונפט ליגט אין אונדזער ביידנס בשותּפותדיקן שיקזאַל. מיין לעבן איז געוואָרן איר לעבן און איר לעבן — מיין לעבן.

ביים רירן פון צוג האָט זי מיר דערלאַנגט צוויי הייסע קושן און שווייגנדיק פון וואַגאָן־שטיגל אַראָפּגעשפּרונגען. דאָס

זענען געווען די ערשטע צוויי און אויך די לעצטע קושן, וואָס איך האָב פון איר באַקומען.

אָנקומענדיק אין פולק האָב איך פונקט ווי פון מיינע עלטערן אויך פון איר נישט פאַרגעסן. מיר האָבן זיך אָפט דורכגעשריבן, יעדער בריוו אירער, וואָס איך האָב באַקומען, האָב איך געדרייט פון רעכטס אויף לינקס און פאַרקערט, געוואָלט נאָך און נאָך לייענען, נישט קאָנענדיק זיך זאַט אָנלייענען. און געשריבן האָט זי ווייניק און שפּאָרזאַם. יעדע פּאָר ציילן זענען געווען אַזוי פאַרנונפטיק אַרויסגעזאָגט, אַזוי פיל בענקשאַפט, אָבער נאָך מער טרייסט צו מיר האָט זיך אין זיי געלייענט, אַז איך האָב זיך אַליין מקנא געווען. ווער קאָן זיך צו מיר גלייכן אין מיין גליק? איך האָב פאָרט נאָך וועמען צו טרוימען און צו האָפן!

יאָרן זענען דורך און מיר שרייבן זיך איינער צום אַנדערן, און באַדויערן תמיד, וואָס מיר האָבן נישט אויסגענוצט די געלעגנ־הייט זיך אָפטער צוזאַמענצוטרעפן און צו פאַרברענגען. אַ בענק־שאַפט האָט גענאָגט אין אונדז ביידן. וואָס האָט אומגעהויער גע־דרוקט אונדזערע געמיטער.

און אין 1914 יאָר, ווען ס'האָט זיך באַדאַרפט ענדיקן די מאַנעוורעס האָב איך געזאָלט קריגן אורלאָפּ אויף אַ חודש צייט. מיר האָבן דאַרויף געוואַרט מיט גרויס אומגעדולד. סוף־כּל־סוף וועט מען זיך קאָנען זען נאָך אַזאַ לאַנגן בענקן.

אָבער דער יום־טוב איז אונדז געשטערט געוואָרן. אין חודש יוני עטלעכע וואָכן פאַרן אַפּלאָזן אַהיים, איז אויסגעבראָכן די מלחמה און פון דאַן געפון איך זיך דאָ אויף דער פּאָזיציע. און נאָך היינט האַלטן מיר זיך אין איין דורכשרייבן און זי האַלט מיך אין איין טרייסטן.

מיט אַ העפטיקן קלאַפּ פון זיין רעכטער האַנט, אין מיין פּלייצע, האָט ער אַ געשריי געטון:

— זיי נישט פאַרזאָרגט! מיר וועלן נאָך האָבן אַ גוט און פריילעך לעבן! נור געלעבט מיט האָפענונג!...

* *

*

די פֿאַרביטערטע קאַמפּן פֿון 1915 יאָר זענען דערווייל געוואָרן וואָס אַ טאָג העפּטיקער. דער וואָס האָט עס נישט צוגעזען מיט זיינע אייגענע אויגן, וועט בשום־אופֿן נישט קאָנען גלייבן, אַז אַזעלכעס האָט געקאָנט פּאַסירן, ווייל פֿאַרן פּשוטן עולם, וואָס האָט נישט מיטגעמאַכט די וועלט־מלחמה קאָן אויפֿן רעיון נישט קומען דאָס, וואָס מענטשלעכע אויגן און חושים האָבן צוגעזען און איבערגעלעבט... אָט שטייט אַ דייטשער סאָלדאַט, די רעכטע האַנט אויסגעשטרעקט, ווי האַלטנדיק די לייצןביים פֿערד און זיין גאַנצער קערפּער האַלט זיך גלייך, מיט דער קאַוואַלערסקע קאַסקע אויפֿן קאָפּ. דאָס פֿערד אונטער אים שטייט גלייך מיט די פֿיס אויף דער ערד — דאָס פֿערד און דער מענטש אינגאַנצן נישט גערירט און דאָך — ביידע פֿאַרברענט, בלויז איין שטיק שוואַרץ קויל. און אַ שוידער גייט אַלעמען דורך אין גאַנצן קערפּער און מען בלייבט שטיין מיט אַ יראת־הכבוד פֿאַר אַזאַ איינעם, מיט זיין העלדישן טויט, הגם ער איז אַ פֿיינט, איז ער דאָך געוועזן דער סימבאָל פֿון טרייהייט, ער איז געבליבן שטיין פֿעסט אויף זיין אָרט, בעת די פֿלאַמען האָבן געברענט, טריי בלייבנדיק זיין שבועה — נישט איבערצולאָזן די „מיליטעריש־הייליקע זאַך" אויף הפקר!...

און אָט באַגעגנט מען סאָלדאַטן פֿון „טיל", וועלכע פֿירן צוויי גרויסע וועגן ווי פּלאַטפֿאָרמען, פֿון אויבן זענען זיי באַדעקט. אָפּשטעלנדיק זיך אויף אַ פֿרייען פּלאַץ, האָט מען די אָנגעלייגטע רייען הרוגים גענומען אַראָפּשלעפּן, ווי זעק מעל, קאַשע, צונויפֿגעלייגט זיי אין לאַנגע רייען און דער באַטושקע (רוסישער גייסטלעכער) האָט מיט אַ גראָבע באַס שטימע אָפּגעריכט איבער זייערע נשמות די געהעריקע תּפֿילות און אַזוי האָט מען זיי אין אַ ברודער־קבר אַריינגעלייגט.

די פֿאָדערשטע פּאָזיציעס אין דער לענג איוואַנגראַד, פּלאָנסק ביז צו פּראַסניץ זענען געווען איינגעאָרדנט אין ערדישע היילן טיפֿע אָפּענע קאַנאַלן, וואָס האָבן זיך געצויגן וויאָרסטנווייז, גרויס, גענוג, אַז אַ מענטש זאָל פֿריי קאָנען דורכגיין. זיי האָבן זיך געשלענגלט פֿון די גרויסע טיפֿע וועלדער אַרויס ביז צו די ערשטע

פאָדערשטע אָקאָפּעס, וואָס זענען געווען אַזוי טיף איינגעשניטן אין דער ערד, אַז מען האָט זיי נישט געקאָנט באַמערקן פון אַ ווייטן מהלך... גאַנצע ראָטעס, טויזנטער זעלנער האָבן געשלעפּט אָפּגעזעגטע ביימער אינאיינעם מיט אַ סך אַנדערע ערדישע מכשירים, וואָס זענען צונויפגעקליבן געוואָרן אַהין אין די ראָוועס, ווו מען האָט אויסגעבויט פאַרפעסטיקונגען, שטאַרקער געשמידט ווי פון שטאָל און אייזן.

אַז נישט איינער האָט ביי זיך אין האַרץ געטראַכט:

— אַ נו, פון דאַנען וועט מען אונדז שוין נישט אַוועקיאָגן. אַ סוף. צוריק וועט מען שוין נישט גיין.

דער שונא איז געוואָרן אָפּגעשטופּט און מען האָט זיך געפילט אַ ביסל באַרויִקט, נישט געשפּירט מער קיין פיינטלעכן אָנגריף. און לאַנגזאַם, אינטענסיוו, האָט מען געהאַלטן אין איין אַרבעטן. מען האָט כּסדר געטוישט די סאַפּיאָרן. הויכע ברייטפּלייציקע, געזונטע און פעסט־געבויטע האַנטווערקער, וואָס זענען ספּעציעל געווען באַשטימט צו דער אַרבעט אויפן פראָנט, יעדער האָט מיט זיך געטראָגן פודן וועקצייג: האַמערס, העק און זעגן און דאָס ערשטע באַוויזן צורעכט צו מאַכן די איבערפלאַכלעכע באַפעסטיקונגען, גאַנץ צו שטעלן די איבערגעריסענע בריקן, כּדי צו קאָנען פּראָוויזאָריש אַריבערגיין אויף זיי, נאָכיאָגנדיק דעם אַנטלויפנדיקן שונא און אַז דער פיינט האָט גערוט, נישט געמאַכט קיין פרישע אָנגריפן, האָבן זיי זיך גיך אָפּגעטראָגן צו אַ צווייט אָרט, וואָס איז צוריק אָפּגענומען געוואָרן פון פיינט און ווייטער געטון זייערס... די פראָנט־סאָלדאַטן, וואָס זענען תּמיד געווען די ערשטע אין סכּנה, האָבן אויך אין דער פרייער צייט געמוזט אונטערהעלפן ביי דער אַרבעט, פאַרפעסטיקן די שוין אויסגעגראָבענע ערד־שפּאַלטן, פאַרוואַנדלען זיי אין גוטע אומבאַמערקלעכע אָקאָפּעס, אַז דער שונא און בכלל קיין מענטשלעך אויג זאָל עס פון ווייטן נישט קאָנען באַמערקן, אַז דאָ געפינען זיך באַהאַלטענע מיליטערישע שוץ־גראָבנס...

און בעת דער שונא האָט געהאַלטן אַ גאַנצן מעת־לעת אין איין שיסן פון דער לייכטער אַרטילעריע, אַבי אָפּצוזוכן אויף אַזאַ

אופן, ווי עס געפינט זיך אונדזער באַהעלטעניש, האָט ער בשום אופן נישט געקאָנט אָנטרעפן אויף זיין ציל. אַזוי נישט צו באַ־מערקן איז עס געווען איינגעאָרדנט... אונדזער אַרטילעריע, ווען זי איז געווען פאַרשטעקט אויף אַ באַזעסן ארט, האָט זי נישט ארויסגעוויזן קיין אַקטיוויטעט און שעהן לאַנג געשוויגן, כדי אַרויסצוטרעטן אין דער צייט מיט אַ טאָפּלטן נוצן און אַ טאָפּלטן קראַפט און נאָכדעם ווייטער שווייגן. די פראַגע פון יעדן איינציקן זעלנער: פאַרוואָס איז עס עפּעס אַזוי? פאַרוואָס זענען מיר נישט די אָנגרייפער? האָט קיין תירוץ נישט באַקומען... אַ חוץ אין עטלעכע פאַלן, ווען מיר, ווי אויסגעהונגערטע, האָבן זיך אַ כאַפּ געטון מיט אַ שרעקלעכער היץ אַליין צום געווער, נישט וויסנדיק פון וואַנען עס נעמט זיך צו אונדז אַזאַ התלהבות און אַ וואָרף געטון זיך פלוצלינג אויפן שונא, פאַרשאַפנדיק אים טיילמאָל שטאַרקע פאַרלוסטן, אין געהרגעטע און אין אַמוניציע, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אין אונדזערע הענט, אָפּטרעטנדיק אין אומ־אָרדנונג, אָדער ענטפערנדיק אונדז מיט נאָך אַ שטאַרקערן אָנגריף. אויפצומאָרגנס האָט ער אונדז צוריק געיאָגט צו אונדזערע פּאַזיצ־יעס און מיר האָבן געדאַנקט גאָט, אַז מען לאָזט אונדז שוין צורו. און אַ טאָג דערנאָך, ווייטער די אויסערגעוויינטלעכע, ראַשיקע אָנגריפן פון אונדזער זייט. צוליב דער גרויסער איבערמענטשלעכער פאַרשטאַרקונג און די כּסדר אומאויפהערלעכע אַרטילערישע באָמ־באַרדירונג, וואָס האָט ווי געבליצט און געשטורעמט ביז צום פאַרטויבן, האָט פאַרט דעם שונא ווי איבערגעשראָקן און מבולבל געמאַכט. און שטיל איז פלוצלינג אויף ביידע זייטן געוואָרן. ווי אַ צעיושעטער און אַ צעווילדעוועטער מענטש כאַפּט אָפּ אַ ווייל דעם אָטעם, אויסצורוען אַ ווייל די כּוחות, כּדי שפּעטער מיט אויסגערעכנקייט, אָנצונעמען פרישן מוט, פעסטער און שטאַרקער דעם געגנער צו באַפאַלן און מיט היץ און אייפער זיך אַ וואָרף צו טון אויף אים, אַזוי האָט דער שונא אויסגעוואַרט אויף דער גינסטיקע רגע פאַר אים, ווי אים האָט זיך אויסגעוויזן, און אונדז אַלעמען צוריק ווי מיט זודיק וואַסער אָפּגעגאָסן — עס גייט נישט...

מיט פאַרדאַכט האָט מען געקוקט אויף דער ציווילער באַפעלקערונג. אין יעדן איינעם האָט מען געזען אַ שפּיאָן. מען פאַראַט אונדז... און פון אויפרעקונג, פאַרצווייפלונג און אַנטוישונג האָט מען געפילט עפּעס, הגם אומבאַוווּסטזיניק, אַז מיר זענען צופיל הפקר. עפּעס האָט מען נישט פאַרשטאַנען, נישט באַרעכנט זיך גוט, צופיל איבערפלאַכלעך און זיך באַטראַכט צוליב צופיל פּחדנות, נישט באַזעסן געניג איינגעהאַלטנקייט, גענוג אויפריכטיקע געהאָרכזאַמקייט און איינשטימיקייט מיטן „עלטסטן״, צי מיט נאָך אַ העכערן נאַטשאַלניק, ווי מען האָט גראָד דאָס געקאָנט באַמערקן ביים שונא. דער זעלנער איז געווען הפקר און געיאָגט האָט מען זיך כּסדר אויסצוזוכן דעם שולדיקן. און אָפּגעזוכט האָט מען תּמיד דעם אָרטיקן יידן, וואָס איז גאָט די נשמה שולדיק געווען... און אים האָט מען פון שטעטל פאַרטריבן, פאַרשיקט קיין טיף-רוסלאַנד, אַלס פאַרעטער, גאַנצע מענטשן געמיינדעס. ס׳רוב יידן זענען געזעסן אין די אַרעסט-הייזער, נאָענט פון פראָנט. און דער עלנטער פוס-גייער — זעלנער האָט געקוקט אויף זיי מיט פאַרדאַכט און געזען אין זיי די גרעסטע בלוט-שונאים זיינע. יעדן האָט געעגבערט אינם מוח: פאַרוואָס ליידט מען פאַרלוסטן אין פאַרפאַלענע וואָס מען ווייסט נישט וווּ זייער געביין קומט אהין, מער ווי דער שונא אין דער סוד האָט אַלעמען צעשרויפט און געערגערט. דער פרימיטיווער, נישט איבערגעשפּיצטער זעלנער האָט זיך אין די סבות נישט אַריינגעטראַכט און האָט בלויז געזען אַ געווויסן צוזאַמענהאַנג מיט יידן.

די ערשטע רייען אָקאָפּעס, בפרט די סאַמע פאָדערשטע זענען געווען אָפּגעריקט פון די צווייטע צו האַלבע וויאָרסטן אָדער ס׳רוב נאָך ווייניקער. און די ערגסטע, די געפערלעכסטע איז פאַרשטענדלעך געווען די ערשטע, וווּ מען האָט כּמעט אַ גאַנצן טאָג נישט געטאָרט זיך אַרויסווייזן פון דער פייכטער אָקאָפּע און געלעגן דאָרט אין דער נעץ, אָדער בעת אַ פראָסט, האַלב דורכגעפרוירענע, אַז פון שטענדיקן ליגן, זענען ביי אַ סך די פינגער, גאַנצע פיס אין הענט אָפּגעפרוירן געוואָרן...

און מען איז שוין געווען צו דעם אַזוי צוגעוווינט, אַז עס

האָט שוין אויף קיינעם נישט געמאַכט מער קיין איינדרוק צומאָל; ערשט נאָך די דאָקטוירימס'שטרענגער אונטערזוכונג, האָט מען אים אַריבערגעשיקט, ערגעץ ווייט הינטערן פראָנט און זיין אָרט האָט פאַרביטן אַ צווייטער, אַ פריש אויסגערוטער.

די הערן אָפיצירן פלעגן זיך געפונען ווייט אָפּגערוקט פון פראָנט, אין די פויערישע כאַטעס, ווו ביי אַ וואַרעם איינגעהייצטן קוימען, נעבן אַ פיין-געדעקטן טיש מיט כל-טוב, האָט מען מיט אַ געמאַכטן שטאָלץ זיך באַרימט פאַר די זעלנער, אַז אָט-אָט באַקומט דער שונא די אמתע מפלה און באַלד, באַלד וועט מען אים פאַר-יאָגן, גראָד ווי די סיבירער „סטשעלצעס” האָט אים, ביים ערשטן מאָל זיין, באַלד אין אָנהויב פון מלחמה אָפּגעטריבן פון הינטער וואַרשע, אַז זיי זענען אַנטלאָפן דעמאָלסט ביז טיף אין זייער אייגן לאַנד צוריק. און פאַרשיכורט פון די אייגענע באַרימערייען האָט מען טיף אין האַרצן געחלומט, דורך וואָס פאַר אַ פאָרטל צוריקצוקומען קיין רוסלאַנד, צו די פרויען, קינדער און באַקאַנטע און דאָרטן ערשט דערציילן זייער גלאַנץ און זייערע מעשים, כלומרשט אַלס „העלדן”... די מיליטערישע באַשעפטיקונג, זייער ערציונג ביז צו דער מלחמה, האָט אין זיי אַנטוויקלט אינסטינק-טיוו דאָס אחריות-געפיל, אַז זיי מוזן ליידן אפילו ביזן טויט צו דערגרייכן, אַזוי אַז דאָס באַרימען זיך זייערס איז ביי זיי געוואָרן אַ צווייטע נאַטור. און אַנדערש האָט עס נישט געקאָנט זיין. אומבאַוווסטזיניקע מענטשן, געגליכן צום פלעשל קוואַס ווען דער שוים גיט אַ האַסטיק-ראַשיקן לויף-אויס און עס בלייבט איבער נישט מער ווי בלויז אַ ביסל זיס-וואַסער, אַזוי האָט דער קאָפּ ווייערער נישט באַנומען די סתירה צווישן דער פאַנטאַזיע און ממשות.

און אָט זענען מיר אַרומגעגאַנגען ווי אָן שכל אינגאַנצן, אוועקגעשטעלט פנים אל פנים מיט די שווערע טויט-מינוטן. אָט האָט אַ מענטש געוואָלט איין ווײַלע אַ קוק טון אויף גאָטס פריי-ער וועלט אין דער ערשטער פאָדערשטער ליניע און שלינגענדיס רעם לעפל זופ פון „קאָטעלאָק’’ וואָס ער האָט בגניבה אָפּגעקאָכט

האָט מיט אַ געעפנט מויל אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם. און מאָמענטאַל האָט אים געטראָפן צום טויט אַ פיינטלעכע קויל.

איבער אונדז ווייט קייקלען זיך דורך די שטיקער סנאַראַדן פון דער פיינטלעכער אַרטילעריע. טעג נאָכאַנאַנד און חדשים אָן אָפּרו אָן אָפּהאַלט. ביי אונדז דאָ אין די טיפע גרובער ליגט מען אומבאַוועגלעך און מען „רייכערט" די געשמאַקע מאַכאָרקע, געשענקט פון רוסישן פאָלק... עסן פעלט אויס. אַ חוץ, ווער עס האָט נאָך אין טאַש, קייט צווישן די ציין הארטע, טרוקענע, שוואַרצע זעלנער סוכאַרעס... די פעלד-קיכן דערקלייבן זיך אַהער קוים איינמאָל אין מעת-לעת, געפירט פון פורמאַנעס „העלדן". פאַרטאָגס נאָך, אין דער טונקעלער מאָרגן דעמערונג וועקט מען אונדז איבער פון שלאָף און מען דערלאַנגט דעם מיטאָג: קאַרטאָפל-זופּ מיט גריץ און האַלב-רויע נישט דערקאָכטע פּאָרציעס פלייש, וואָס מען באַקומט צו עטלעכע מיט אַ מאָל. דער גוטמוטיקער קוכער, מיט אַ פּנים פול פרייד און צופרידנקייט, טיילט פאַנאַנדער די סאָלדאַטן אַלץ, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט, ווייל ווער ווייסט, ווען ער קאָן נאָך מאָרגן ווידער באַגעגנען?

אַלץ ווערט צעכאַפּט און פאַרצוקערט, ווען אפילו האַלב-פאַרשלאָפענע... דער מאָגן האָט זיך פאַרהאַרטעוועט, ער פאַרדייעט. אַ קלייניקייט פון קוכער צוצופאָרן ביזן פראָנט! וויפיל מאָל האָבן זיי פאַרבלאָנדזשעט צום שונא. אינם פינסטערניש פון דער נאַכט. וויפיל מאָל ווידער פאַרקערט, האָט דעם שונאס פעלד-קיך פאַרבלאָנדזשעט צו אונדז אַ הער... און די קיך-אָנפירער האָבן אָפּגעקרעכצט און פאַרבליבן אין דער גרעסטער פאַרלעגנהייט.

און מיר — מיר האָבן געשמאַק און אַפּעטיטלעך געלאָזט זיך ווויל גיין ביי די געשמאַקע דייטשע מיטאָגן, בוליאָן און ווייסע זעמל. קוים האָבן זיך באַוויזן די ערשטע פרימאָרגן-שטראַלן, באַלד זענען מיר, ווי די שוואַרצע ווערעם אין אַ ווינוונג, זיך פאַרקראָכן אין אונדזערע באַהעלטנישן, געלעגן און געוואַרט אויף עפּעס אומבאַשטימטס... דער אינסטינקט האָט אינערלעך געציפּט, געהאַלטן דעם מענטש אין שפּאַן, היט דיר די ביינער! די ערד רופט!

האַלבע-נאַכט, סוף חודש, אינם פינסטערן חשכות, האָט מען זיך צונויפגענומען עטלעכע מוטיקע אינאײנעם, געמאַכט אײנעם פון זיך פאַרן „עלטסטן“ און אַרומגעגאַנגען דעם פראָנט אויף „ראַזוויעטקעס“ און „סטראַזאָוואָי כראַניעניעס“. שטיל מיט אַ אײנגעהאַלטענעם אָטעם האָט מען זיך גערירט און צוגעהאָרכט: צי באַוועגט זיך ניט עפּעס ארום אונדז פון דערווײטנס. און פּאַמעלעך אויף אַ האַלבן קול אין ציטערניש אַ פרעג געטון: ווער גײט?! אָפטמאָל האָט מען באַקומען דעם געהעריקן מיליטערישן ענטפער, דעם פּאַראָל פון „אײגענע“ און באַרו:קט אַוועק ווײטער די שטילקײט ארום איז געווען אַן אויסערגעווײנטלעכע. די שאָסן פון צײט צו צײט, האָבן די טויט-שווײגעניש נאָכמער פאַרטאָפּלט.

אַזוי איז אײנמאָל, ווען מיר זענען אַזוי געגאַנגען אַ מאַן פיר, אײנגעבויגן האַרט צו דער ערד. געקראָכן אין דער שטילקײט אויף אַלע פיר און געשוויגן, האָט געטראָפן, אַז אַ יונגער זעלנער האָט אנגעצונדן אַ „שוועבעלע“, כדי צו פאַרײכערן אַ מאַכאָרקע פּאַפּיראָס און אַ האָגל קוילן האָבן זיך גענומען קײקלען צו אונדזער זײט. אַ גליק, וואָס די פינסטערקײט האָט אונדז געגעבן די מעגלעכקײט אומצוקערן זיך אין אַ אַנדערע ריכטונג. מיר זענען דורכגעלאָפן אַ נאָענט דערפל, ווו די פויערישע באַפעלקערונג מיט פרויען און קינדער האָבן נאַקעט זיך געלאָזט לויפן, ווי צעמישטע פון זײערע אײגענע באַהעלטענישן און מיט פאַרצווײפלטע געשרײען, ניט חילנדיק, אויפמערקזאַם געמאַכט דעם פײנט אויף אונדז, וועלכער האָט די שיסערײ פאַרטאָפּלט. מיר האָבן באַוויזן אויפצוווּעקן אַנדערע האַלב-פאַרשלאָפענע זעלנער פון עטלעכע באַטאַליאָנען זענען אין אײלעניש ארויס מיטן גאַנצן כוח פאָרויס און געמאַכט אזאַ שטאַרקן קעגן אָנגריף, אַז דער שונא האָט זיך איבערגעשראָקן און איבערלאָזנדיק זײן אַמוניציע, האָט ער קוים באַוויזן מיטצונעמען מיט זיך דאָס נויטיקסטע און אַנטרינען אין גרעסטן אײלעניש, נאָכגעיאָגט פון אונדזערע, טריט בײ טריט.

אָנגעקומען אין אַ דאָרף, זאָגן אונדז די פויערים, אָט נאַר-חאָס, עטלעכע מינוט ווי זײ זענען דאָ אַוועק פאַרבײ, און פעסט

מיט אימפעט, אָן אָפּרו, זענען מיר אַ גאַנצן טאָג געלאָפן אין דעם שונא נישט געקאָנט דערגרייכן. ווונדערלעך איז געווען דאָס אַנטלויפן פון פיינט. אָט, אָט, דאַכט זיך, עטלעכע מינוט און מען וועט אים דעריאָגן — ווי עס האָט אונדז איבערגעגעבן די באַפעל־קערונג אין אַ פאַרפּוילישטן רוסיש. — אָבער בחנם איז געווען אונדזער אָנשטרענגונג און אונדזער יאָגן זיך נאָך אים. ביז מען איז אַוועקגעפאַלן מיד, ווי געהרגעטע, אינם אָנטאָן, אָן די געהעריקע פאַרהיטונגס־מיטלען און אָן באַוואַכונג.

אינדערפרי, באַלד באַגינען, איידער מיר האָבן זיך רעכט אַרומגעקוקט ווו מיר געפונען זיך, האָבן מיר שוין באַוויזן זיך אויסצופאָרמירן אין די נייטיקע פאָרמאַציעס. אָפּגערוקט און דער־ווייטערט פון דער אייגענער אַרטילעריע, וואָס אירע מידע פערד האָבן נישט געקאָנט אַזוי געשווינט נאָכשלעפּן איבער די זאַמדיקע שלעכטע וועגן, הגם מען האָט צוגעשפּאַנט צו יעדן אַרטילעריע־וואָגן עטלעכע צענדליק מענטשן און לאַנגזאַם מיט כּוח זיי צוגע־פירט נענטער צום פייער. מיט ווייניק פּולעמיאָטן, בלויז אונטער דער באַשיצונג פון די אייגענע ביקסן, וואָס האָבן יעדער ווייל גע־מוזט ווערן אויפסניי אָנגעלאָדן. מיר האָבן געפּרווּט מיטן גאַנצן כּוח, אונטערן דרוק פון באַפעל, גיין פאָרויס, צווישן פייער און בלוט, איבערלאָזנדיק ווייט און ברייט קרבנות אָן אַ צאָל און סוף־כּל־סוף געמוזט אָפּטרעטן, לויפן צוריק און שטרויכלען, פאַלן איבער אייגענע און פרעמדע הרוגים.

ביים פיינט זענען די אומגעקומענע, מייניסטנס, יונגע סאָל־דאַטן, וואָס דער טויט זייערער האָט אַ מאָדנע ריק געטון אין אונדזערע נשמות, כּמעט קינדער, וואָס דער פרייוויליקער דראַנג צו קעמפן האָט פון זיי, נאָך קוים עטלעכע טעג דאָ זייענדיק, אַוועקגעריבט זייערער געזונטע רויט־בלוטיקע קערפּערס און אין אַ שוואַרץ שטיק פאַרוואַנדלט. זיי זענען געלעגן אין שיינע, פרישע מיליטערישע כאַקי־אַנצוגן און פול געפּאַקטע מיט עסנוואַרג און וועש, ראַנצעס, אויסגעצויגענע, פאַרנאַנדערגעוואָרפענע איבערן גרויסן פעלד.

און מיר, די לעבן געבליבענע זענען צוריקגעגאַנגען מידע,

אויסגעמאַטערטע, מיט געמאַכטע פעסטע טריט, אַלץ פאָרויס און פאָרויס. גלייכגילטיק אַלץ פאַרליב גענומען און פאַרדייעט, אפילו זעענדיק די פאַרנאַנדערגעשליידערטע מענטשן־גופים, וועלכע האָבן אונדז אויסגעוויזן ווי אונטערגעשאָסענע פייגל אויף די אַקסלען פון ערנסטע־קאַלטע וואַלד־יעגערס.

ביי אַזאַ פּאַנאָראַמע האָבן מיר געשפּאַנט צוריק. טיילמאָל אַריינגעכאַפּט זיך בגנבה צו אַ פּויער אין כאַטע, וואָס איז פאַרבליבן דאָ, נישט וועלנדיק איבערלאָזן זיין היים און פאַרלירן זיין אייגנטום. ס׳רוב זענען עס געווען אָרעמע פּויערים, וואָס אויסער דער כאַטע האָבן זיי שוין בכלל גאָרנישט פאַרמאָגט מער און ביי אַ חלב־ליכטל באַנאַכט, נעבן אַן אויסגעוואַרעמטן אויוון, פלעגט ער האַלטן אין איין רעדן מיטן זעלנער, און אין דערציילן זיינע פּרימיטיוו־נאַרישע מעשיות. פאַדויערט די פאַרגאַנגענע צייטן און גלייכצייטיק געציטערט פאַר די זעלנער, מען זאָל אים חלילה נישט צונעמען די לעצטע פאָר פונט מעל, דאָס לעצטע שטיקל ברויט, צי גאָר אפילו דאָס איינציקע טעפּל צום קאָכן.

קוים איינציקע „גליקלעכע טעג״ זענען אַריבער, וויל גע־טוישט האָט מען אונדז נאָר אויף אַ קורצער צייט און ווידער גע־פונען זיך אונטערן פייער. „דער פיינט האָט זיך דורכגעריסן״ — האָט מען געהערט, ריידן אינדערשטיל צווישן זיך, און געפילט וואָס ווייטער, אַז אונדז איז באַשערט צו זיין די ענטגילטיקע קרבנות.

מיר לויפן איילִיק, געשווינט, ווייטער איינער נאָכן צווייטן. דעם קאָפּ איינגעבויגן, מיט דער ביקס אין דער רעכטער האַנט מ׳פאַלט און מ׳הייבט זיך גלייך ווידער אויף. פון ווייטנס, האָבן זיך דורך די פיינטלעכע האַרמאַטן־קוילן, הייזלעך געטוין שיטן און פאַרשיט אונטער זיך אַלע באַהאַלטענע זעלנער, וואָס האָבן געזוכט דאָרטן שוץ און דאָס פייער און רויך האָט זיי ענטגילטיק דערשטיקט.

די פאַרפייפליענדיקע קוילן, האָבן געלאָזט הערן זייער סוויסטשען, פייפן, ווי אַ שמייס מיט אַ טרוקענע לאַנגע ריט אין חלל פון דער פרייער לופט — פיאָ! פ—י—יאָ. לאַנג ציענדיקע

געקוויטשערייען האָבן זיך וואָס אָפטער געלאָזט הערן און אַריבער אונדז.

דאָ האָבן מיר שוין ענטגילטיק געקלערט—אפשר?... אפשר וועט זיך שוין דאָ, אויף דעם שטח אין די הייסע זומער חדשים פון 1915 יאָר אָפּשפּילן דער לעצטער אַקט פון דער מלחמה, ווייל מיר האָבן שוין מער דעם עיקר: געדולד נישט געהאַט, זעענדיק ווי פון די 42 צענטימעטערדיקע האַרמאַטן, וואָס איז אויף אונדז אָנגעשטעלט, האָט זיך געשיט מיט גליענדיקע שטיקער און האָט ריזן בוימער מיט זייערע וואָרצלען אויסגעריסן פון אָרט. ס'האָט זיך ווירקלעך איצט דאָ אָפּגעשפּילט איינע פון די לעצטע ענטשיידנסטע קאַמפן פון דער מלחמה.

דאָ, ביים שטעטל פּראַסניש און אומגעגנט האָבן זיך קאָנצענטרירט די הויפּט-קרעפטן. די אָנפירער זענען פאַרצווייפלטע אַרומגעלאָפן און קאָמאַנדעוועט,—ווייטער! ווייטער! ביז מיר זענען צוגעקומען צו אַ טאָל, נישט ווייט פון אַ לאַנג ציענדיקן הויכן באַרג, דער שונא האָט זיך געפונען אַנטקעגנאיבער. מיר, ליגנדיק משופּעדיק אין נישט איבריק פעסטע אָקאָפּעס, האָבן מיר באַקומען אַ באַפעל צו פאַרטיידיקן דעם פלאַנג, דאָס הייסט דעם לינקן פליגל, וועלכער איז געווען פון שונא שטאַרק באַדראָט. ווען נישט, זענען מיר אין סכנה גענומען צו ווערן אין פלען. ווערנדיק פון דער זייט ביז איגדערמיט פון באַרג אַרומגערינגלט. מיר האָבן דאַריבער געעפנט צום שונא אַ שטאַרקן פלאַנגן-פייער.

דער שונא ווידער, האָט געהאַט פאַר זיך גאָר גינסטיקע באַדינגונגען: דעם פראָנט און אַ שטיק לינקן פליגל, זעענדיק קלאָר, וואָס ביי אונדז טוט זיך און האַלטנדיק אין איין צונעמען ביי אונדז געפאַנגענע.

די לאַגע איז געוואָרן פאַר אונדז אויסטערליש שווער. די דייטשן האָבן דרייסט מיט פאַרשטאַרקטע כּוחות דורך פריש אָנגעקומענע בייערישע מיליטער-טיילן, געשאָסן העפטיק צו אונדז פון פּולעמיאָטן און ביקסן און אַריבער אונדז, צום רעזערוו מיט זייערע שווערע אַרטילעריע.

צוליבן אַריינטרעטנדיקן כאַאָס אין אונדזערע רייען האָבן

מיר פֿאַרלוירן די געהעריקע באַאָבאַכטונגס־פּונקטן, ווייל דער „סוויאַז“ איז אונדז אין אַ טייל ערטער איבערגעריסן געוואָרן. מיר פּרובירן אַרויסגיין פֿון אונדזערע באַהעלטענישן אונטערן רעגן פֿון פֿײַנטס קוילן. מיר שטורמען די פֿײַנטלעכע אָקאָפּעס אונטערן האָגל פֿון אַ זייער שטאַרקן פֿייער. און פֿאַר אונדז אַנטפּלעקט זיך דער אמתער מלחמה־גיהנום, מיט זײַנע אויסערגעוויינטלעכע שוידערלעכקייטן פֿון ביידע זײַטן; פֿון פֿראָנט, אַנטקעגן אונדז און פֿון אונטער אונדז פֿליען שטיקער שטאָלענע שראַפּנעלן, געמישט מיט אַ געדיכטן ביקסן־שיסערײַ. מ׳שפּרינגט איינער איבערן צווייטן, פֿאַרשטעלנדיק, באַשיצנדיס זיך מיטן צווייטנס קערפּער. וואָס איז דאָס געשען?!...

אונדזער רעזערוו, נישט ווייסנדיק ווו מיר געפֿונען זיך, רעכנענדיק, אַז מיר זענען צום פֿײַנט אין געפֿאַנגענשאַפֿט אַרײַנגעפֿאַלן, האָט די אַרטילעריע גענומען דעם נאָענטסטן „פּריצעל“, צילנדיק צו אונדז, זייענדיק זיכער, אַז דאָס פֿייער פֿאַלט צום פֿײַנט.

ענדלעך, פֿאָרט, האָט דער פֿײַנט געמוזט אָפּטרעטן אונטער אַ פֿיל איבערוועגנדיקער צאָל כּוחות פֿון אונדזער זײַט.

אָבער דאָס איז נאָר געווען אַן עקשנותדיקער אָנגריף פֿון אונדזער זײַט צוליב דעם, אַז מיר זאָלן „צו זיך“ קאָנען קומען. און טאַקע אויף צומאָרגנס האָבן מיר, דאָס גאַנצע מיליטער, זיך גענומען צוריקציען פֿון פּלאָנסק, נענטער צו דער פֿעסטונג פֿאַר וואַרשע־נאָוואָגעאָרגעווסק.

אויפֿן וועג האָבן מיר פֿאַר זיך, גאַנצע דערפֿער ברענען, אויסרייכערנדיק און אויספֿלאַקערנדיק ביז צום גרונט, פֿלאַמענדיק ביזן הימל אַרײַן. גאַנצע פֿאַרשטעט האָבן געברענט און געלויכטן. בּרוקן רייסן זיך אונטער אונדז און מיר האָבן געשפּאַנט דורך דער העלער ליכטיקייט, וואָס עס האָט אַ יידן דערמאָנט אינם הבדלה־ליכט, ווען די קנייטלעך צעברענען זיך. און נישט ווייסנדיק פֿאַרוואָס, אַלץ אָנגענומען פֿאַר גוט. קרייצנדיק איבערן וועג די אָפּטרעטנדיקע סאַפּיאָרן מיט זייערע פּעק מכשירים, פֿאַרוואָרפֿן איבער די פּלייצעס. האַסטיק רוקט זיך אַלץ צוריק. דער פֿײַנט

איז שטאַרקער — מען מוז צוריקטרעטן. מוטלאָז, טרויעריק, שלעפּט זיך דער עולם אַלץ נענטער צו רוסלאַנד. מען גייט לאַנג־זאַם טריט ביי טריט, ווי יתומים נאָך אַן עגלה — מען גייט, נישט אַרומקוקנדיק זיך צומאָל אויף גאַטס ברייטער וועלט. נאָר דאַמאָלסט, ווען די פאָדערשטע רייען האָבן זיך צוליב עפּעס וואָס אַוועקגעשטעלט, האָט מען זיך אויך מיט אָפּגעשטעלט. און האָבן זיי זיך גערירט פון אָרט, האָט מען זיך אויך גלייך מיט זיי גערירט. מאַכנדיק דעם איינדרוק עפּעס פון פאַרקראָכענע, פאַר־הונגערטע שנאָרערס, און זעצנדיק זיך אָפּרוען, דרימלען איין די זעלנער, צעוואָרפן איבער די ראָוון, רינשטאָקן, די קעפּ אַראָפּ־געלאָזט, שלאָפט מען האַסטיק, כאַטש דערשיס אַלעמען! אָבער דער ערשטער באַפעל „וו׳כטאַט!״ (אויפשטיין) שטעלט אַלעמען אויף די פיס און מיר מאַרשירן ווייטער. און מיט אונדזערע גרוי־גע, זויערע פּנימער האָט מען אַ לייכטן דרימעל געטון, אפילו אין „גאַנג״, לייכטער איז ערשט געוואָרן אין אונדזערע הערצער, ווען פונדערווייטנס האָבן זיך געלאָזט באַמערקן די דינע קרייץ־שפּיצן פון די קאַטוילישע קירכן אין אַ נאָענט שטעטל טשעכאַנאָוו.

אַריינקומענדיק אין דער פאַרשטאָט מיט צעפוילטע, געשוואָ־לענע פיס, האָט מען זיך קוים אויסגערוט איבער נאַכט, און אויפצו־מאָרגנס כּעלות־השחר, באַלד אַוועק ווייטער.

דער שונא האָט אונדז באַמערקט און באַגלייט מיט זיין באָמבן־מוזיק פון אַעראָפּלאַנען, וואָס האָבן זיך געשאָטן איבער אונדז אויף שוצלאָזע, ברייטע, פריי ע פעלדער. אונדז פאַרטויבט און באַשפּריצט מיט שטויב און בלאָטע. מיר האָבן זיך אָפּגעטרייסלט, געלאָפן פאָרויס און צוריק, ווי צעמישטע פון איבער־משוגעת... געפּרוּווט מאַכן איינ ער פון צווייטן אַ באַשיצונג פאַרן אייגענעם נפש, ווייל אינם וויאַרסטן־לאַנגן נאַקעטן פעלד, איז קיין אַנדער באַהעלטניש נישט געווען און אַלעמען איז אויסגעקומען אָדער טויט צו פאַלן אָדער פאַרוואונדעט צו ווערן.

דאַמאָלסט גראָד, אין דער צעמישונג, האָב איך פאַרלוירן מיין איינציקן פריינט סלוצקי, מיט וועמען איך האָב מיך תּמיד געהאַלטן אינאיינעם, זייענדיק אויפן „פּאָכאָד״ פון די ערשטע,

חייל געהאַלטן, האָב איך פון דעם כּלל, אַז אויב מען גייט צום לעצט, מוז מען בלייבן אונטערשטעליק און פאַרלירן אָפּט די אייגענע ראָטע אין דעם פולק. מיר ביידע, וועלנדיק דאָס אויסמיידן, זענען תּמיד געגאַנגען פון די ערשטע, און דערפאַר די ערשטע איבערגעקומען דאָס גיין. די ערשטע גליקלעכע געוועזן אוועקצוזעצן זיך ערגעץ אויפן וועג און אָפּצורוען, בעת אַ סך אַנדערע האָבן זיך געשלעפּט נאָך ווייט-ווייט, הינטער אַלעמען. און איך האָב אים פאַרלוירן פון אויג און דערפאַר געבליבן הינטערשטעליק.

און איצט, אַז אַלץ האָט זיך באַרויקט, אַז אַרום אונדז איז שטיל געוואָרן איז מען מיר געקומען אָנזאָגן, אַז איך זאָל לויפן אים אָנקוקן, ווי ער ליגט אין אַ קאַלוזשע בלוט. אָפּמוטשענדיק זיך אַן ערך אַ שעה צייט איז ער אַוועק אין זיין אייביקער רו, געפונענדיק זיינע לעצטע פיר איילן ביי טשעכאַנאָוו, צווישן די „ברידער-קברים״ פון זיינע לאַנדסלייט אוקראַיִנישע-ברידער און מיט אַן אמתן קנאה געפיל, האָב איך מיך דאַמאָלסט פאַרנאַנדערגעשיידט פון אים.

* *
*

מיר זענען ווייטער געגאַנגען. געשפּאַנט גלייכגילטיק, פון אַלע וועגן האָבן מיר אָנגעטראָפן זיך ציען רייען, רייען מיליטער-ווי אַנאויסשעפּנדיקע מחנות. די אַבאָזן, פורן מיט אַמוניציע און פּראָוויאַנט שלעפּן זיך אויסגעמישט אין אומאָרדנונג מיט די פאַרשידנאַרטיקע רייטנדיקע קאַוואַלעריע, אויף זייערע צוויי רעדערפורלעך ליגן שלאָפנדיקע זעלנער איבערגעלייגט איבער זעק און קאַסטנס. די קאַנאָניערן זיצן איינגעבויגענע פאַרזונקן, דרימלען איבער די האַרמאַטן-רערן. עס וועקט זיי נישט אויף דאָס ברומען און סקריפּן פון די רעדער.

און מיר, די 5-טע ראָטע, זענען געגאַנגען אין אַ איבערגעבליבענער קליינער צאָל מענטשן. פון איבער 200 מיטגלידער פון דער ראָטע זענען איצטער געגאַנגען פאַריתומט עטלעכע צענדלי-

קער. דאָס שיטערקייט אונדזערס האָט אויף אונדז אַ באַזונדערן דייטלעכן סטעמפּל אַרויפגעלייגט.

ווו מיר קומען, אומעטום בײַ אַלע גוטבאַזיצער אין די הייף אויף אַלע ליידיקע פּלעצער אַרום די דערפער, האָבן זיך געוואַלגערט די פורן פון די אָבאָזן מיט אַמוניציע, געווער און כּלערליי־פּראָוויאַנטן. עס האָט געראַשט און געפּילדערט, ווי אויף אַ ליאַרמדיקן יאַר־מאַרק. אַ האַרמידער, אַ מהומה, בײַ קופּעס ברענענדיקע שפּענער און צווייגן, אַרום וועלכע די זעלנער שטייען און קאָכן די פולע קאָטעלאָקן קאַרטאָפל־זופּ. מען בראָט חזיר־פּעטס אויף די דעקלעך פון די ראָנדלעס. אומעטום בלאַנקן די רויטע קרייצן אויף די אַרבל פון די זעלנער. אויף די וועגן און פורן, איבער אַלעם פלאַטערט דער ריזיקער פאָן מיטן רויטן קרייץ, אַלס סימן פונם פעלד־לאַזאַרעט.

מיט וואָס פאַר אַ קנאה האָבן מיר זיך צוגעקוקט צו די אויך מלחמה אַנטייל־נעמער, מ׳שטיינסגעזאָגט, וואָס האָבן נישט געפילט ווי מיר דעם „הויך" פון דער סכנה, די שרעק פאַרן טויט. אַ פּאָר שעה צייט זענען מיר געשטאַנען דאָ און באַקומען צוגעטיילט פאַר יעדן איינציקן פּראָנט־זעלנער עטלעכע טרוקענע שוואַרצע סוכאַרעס, אַ קנאַפּ ביסל טרוקענע טיי און עטלעכע שאַכטל קאָנסערוון און טאַבאַק. אַלץ אין אַ גענוג קאַרגער מאָס, נישט באַפרידיקנדיק דערמיט קיינעם פון די אויסגעמאַטערטע פּראָנט־קעמפער, וועמען די אַרומיקע, די אויסגעקליבענע, די אויסדערוויילטע האָבן אויסגעלאַכט מיט שפּאָט און קאַטאָוועס... די זאַטע באַדינער בײַ די פעלד־לאַזאַרעטן פון די ווייטערדיקע פּראָנט־אָבאָזן און דער עיקר די קאַוואַלעריסטן, וואָס האָבן ס׳רוב פאַרבראַכט אין וואַרימקייט און זאַטקייט, זייענדיק הינטערן פּראָנט שעהן־לאַנג בײַ די פויערים אין די כאַטעס, פילנדיק זיך דאָרטן ווי אייגענע און היימישע און עפּעס האָט אונדז געטון עגבערן:

אָך! פאַרוואָס און פאַר ווען קומט אונדז בלויז צו ליידן אַזוי שווער?!...

געווען איז עס אַ היבש ביסל ווייט שוין פון דער ערשטער פּראָנט־געגנט, אין דער שטאָט האָט געהערשט אַ טויט־שטילקייט,

ווי אַ לעבעדיס נפש האָט מען זעלטן ווען אָנגעטראָפן, ווייל אַלץ איז זיך צעלאָפן, ווי די אויגן האָבן געטראָגן... ווי מען האָט אַ זיכער ווינקל אָפּגעזוכט דעם מידן קאָפּ אָוועקצולייגן. צעהאַקטע חרובע הייזלעך, ווי אַ לעבעדיקע פליג אפילו איז געווען אַ נייעס אָנצוטרעפן. אַזוי האָבן אויסגעזען די שטעטלעך נעבן די פּאָזיציעס, וואָס האָבן כסדר געהאַלטן אין איין איבערגיין פון מאַכט צו מאַכט, איבערלאָזנדיק די באַפעלקערונג מיט זייער האָב און גוטס אויף הפקר.

איצט דורכגייענדיק אַ שטעטל, אַביסל ווייטער פון דער פראָנט-ליניע בין איך אין מיין חושכדיקע לאַגע דאָס ערשטע מאָל אַריין אין שול, וואָס איך האָב ביז דאַמאָלסט לאַנג שוין געהאַט אויסגעמיטן. געווען איז עס שבעה-עשר-בתמוז צו קריאת-התורה פון ויחל משה. גאָט מיינער! האָב איך זיך געטראַכט וווּנדערנדיק זיך איבער דער רויִקייט. דאָס שטיפן און דאָס וויווען פון יעדערן. מ׳האָט דאָרט גראָד באַוואָרפן דעם בעל-קורא מיט אַ טלית און אַנדערע חפצים. האָבנדיק טענות, אַז ער לייענט מיט גרייזן און אָן טעם. בעת אַ צווייטער צד האָט אים פאַרטיידיקט און זיך שטאַרק איבערגעווערטלט צוליב אים. און צוואַנציק וויאָרסט ווייטער, וואָס קומט פאָר!?... קיינער האָט פון דעם נישט געהאַט קיין פיצל אַנונג. נישט געמערקט האָט זיך דאָס מינדסטע, ווי טרויעריק האָט זיך עס דאַמאָלסט אויף מיר אָנגערופן, ווי שמערצלעך איז עס דאַמאָלסט מיר געווען. זעענדיק פאַר די אויגן דעם געוואַלטיקן קאָנטראַסט אין לעבן, דאָס רויִקע שפּאַצירן אין די גאַסן, דאָס לייענען די צייטונגען מיט די באַשריבענע „פאָביעדן“, די כלומרשטע נצחונות.

דער באַריכט אין „דיען“ פון יולי 1915-טן יאָר, געגעבן פון גענעראַלנעם שטאַב וועגן אונדזער מצב: „צוליב סטראַטעגישע טעמים זענען מיר געצוווּנגען דעם פראָנט מלאַווע-פראַסניש צוריקלענג אויס אָפּצורוקן. דורך א פיינטלעכן צעפעלין איז באָמבאַדירט געוואָרן אונדזערע מיליטער טיילן, אָבער קיין מענטשלעכע פאַרלוסטן זענען דערביי נישט געווען.

„אונדזער אָנגריף ביים נאַרעוו פאַרשאַפן דעם פיינט גרויסע

פארלוסטן אין טויטע. צאָל־רייכע פארוווּנדעטע און גענומענע פון אונדז אין פּלען א. א. וו.״

ערשט איצט האָבּן מיר די פראָנט־מענטשן אין דער ווירקלעכקייט בולט געטון דערפילן די קראַפט פון דער פרעסע. די פיפיקע קריגס־קאָרעספּאָנדענטן פון די שוין ראַדיקאַלע רוסישע צייטונגען ווי „ריעטש״, „רוסקי וויעדאָמאָסטי״ און „דיען״ זייערע שילדערונגען... זייערע „פראָנט־בילדלעך״—אַ מחיה! מ׳דארף אַלץ אַוועקוואַרפן און לויפן אויפן פראָנט, ווי צום טאַנץ.

און די ווירקלעכקייט?!... קיין איינציק וואָרט דערפון דערמאָנט מען נישט.

פאַר מיר איז נישט געווען מער קיין אויסוועג. פרייוויליק האָב איך אַליין מיר גענומען די ביטערקייט פון לעבן. אין די גרעסטע פרעסט און זאַווערוכעס און בלאָטעס, אָדער אין היצן, זיך וואַלגערן אין פעלד, אָן מנוחה, אָן אָפּרו. איינזאַם אַליין מיט מיינע געדאַנקען און געקלערט האָב איך ביי זיך: זאָל שוין פּאַסירן דאָס ערגסטע... אויב שוין יאָ געליטן ביז איצט מוז מען שוין אויסוואַרטן ביזן סוף!

אין משך פון אַ וואָך צייט האָבּן מיר דאָך געהאַט רו אין דאָרף. מ׳האָט זיך אויסגערוט און געהאַלטן זיך אין איין ריייניקן פון שמוץ און בלאָטע, און פון פּאַרוואָרלאָזנקייט. אַליין דערוויל אויף גיך געוואַשן די וועש. ס׳רוב זעלנער נישט האָבּנדיק אין זייער פאַרמעגן מער ווי איין העמד, זענען בעתן וואַשן געבליבן נאַקעט. די צייט איז געשווינט אַריבער. געקומען אַ ביסל צו זיך. געטון פילן זיך לייכטער, ביז — אין אַ שיינעם פרימאָרגן זענען מיר אויפגעריסן געוואָרן פון אַ טרעוואָגע. מיט אַ פרישער נייער קראַפט, באַזאָרגט פון קאָפּ ביז די פיס מיט געווער, האָט מען אין משך פון אַכט טעג צייט איבער רוסלאַנד זיך דערנענטערט האַרט צו ריגע.

דאָ איז מען אויפגענומען געוואָרן ענטוזיאַסטיש פון די באַפעלקערונג, וואָס באַשטייט ס׳רוב פון דייטשע גוטבאַזיצער און קורלענדישע קאָלאָניסטן. אויפגענומען האָט מען אונדז פריינטלעך, געגעבּן אונדז עסן מיט אַ ברייט האַרץ, נישט ווי די באַפעלקע־

רונג אין פוילן, וואָס איז געווען אָרעם און נאָך געקומען צו אונדז זעלנער אויסבעטן זיך עפּעס ביי די פעלד־קיכן. דאָ איז דווקא געווען פאַרקערט. — צוליב דער נאָענטקייט פונם פיינט, האָבן אונדזערע קיכן נישט געטאָרט רייכערן — ער זאָל אונדזערע זאַמל־פונקטן נישט באַמערקן — איז אונדז זייער צונויץ געקומען די גוט־האַרציקייט פון דער רייכער באַפעלקערונג, וואָס האָט אונדז באַזאָרגט מיט עסנוואַרג, ברויט און אַלץ וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזן.

און דעריבער האָבן מיר לייכט געטון אָפּטעמען אויך נאָר ביז דער צייט, ווען דער שטורם פון פיינט האָט ווידער אונדז דערמאָנט די פליכט פון פאַרטיידיקן זיך.

*   *

*

ווידער האָט זיך אָנגעהויבן דאָס אייגענע. געלעגן אין די שוץ־גראָבנס, אין אוממענטשלעכע באַדינגונגען, ווי מיר האָבן דורכ־געמאַכט כּל־ערליי ענוּיים און פּיין, זייענדיק אין דער ערשטער פאָדערשטער ליניע, האָט מען כּסדר געמוזט זיין וואַך און אויפ־מערקזאַם, גרייט יעדער ווייל צום באַפעל, זיך צו וואַרפן בליץ־שנעל אויפן שונא. דאָס אויער איז געוואָרן שאַרף ווי ביי אַ קאַץ און ביי דעם מינדסטן שאָרך, וואָס האָט געשמעקט מיט אַן איבער־פאַל איז מען גרייט געווען זיך אויפצורייסן פון אָרט ווי אַ צע־יושעטער הונט. בלינדערהייט לויפן מיט איבערמענטשלעכע כּוחות, איבער טויטע, פאַרוואונדעטע, איבער וואַסערן און גריבער, אַראָפּ־וואַרפן פון זיך אַלץ, וואָס עס האָט זיך נור געדאַכטן, אַז עס איז איבערלעסטיק צו טראָגן, אפילו דאָס טייערסטע און באַליבטסטע, מיט וואָס דאָס מענטשלעכע האַרץ האָט זיך פאַרבונדן, ווי מיט אַן אָנשטערבלעכער אָנדענקונג.

און אַז מען איז געקומען צו זיך, אַז דאָס האַרץ האָט גע־נומען קלאַפּן, זעענדיק, אַז די טויט־שרעק איז אַריבער, די סכּנה איז אויסגעמיטן, האָט דאָס חרטה־געפיל פאַר די באַגאַנגענע פע־לער נישט באַרויִקט מער... דאָס אָפּגעטוענע געשעעניש איז גע־ווען פאַרפאַלן און געבליבן ליגן אויפן געוויסן, ווי אַ שווערער

שטיין, געדריקט עס און געדריקט נישט אויסצוהאַלטן... און גלייכגילטיק איז מען אַריבער אין דער צייטווייליקער באַרויִקונג, ווי נאָך אַן אָפּגעטויענער העסלעכער נאַרישקייט אינדערצייט פֿון אויפֿרעקונג. און נאָך עטלעכע שעה אָפּרו, נאָך עטלעכע טעג מנוחה, ווייטער אַוועק אויפֿן פֿראָנט, ווייטער מיטגעמאַכט דאָס אייגענע, ווייטער זיך געפֿונען אינם זעלבן מצב, וווּ דער טויט האָט געשוועבט פֿאַר אַלעמענס אויגן—יעדע מינוט, יעדע רגע.

אַ מענטש האָט זיך אַ קייקל געטון. ווי אַ פֿלינקע קאַץ, קלעטערנדיק אויף אַ פּלויט, אַ מרוק געטון. אַ פֿאַל אַרונטער, אין איין אויגנבליק ליגט ער זיך אויפֿן בויך, דערקאָנענדיק דעם פֿייַנטלעכן אויסשאָס פֿון ווייטן, דערשמעקנדיק זיין דערנענטערן זיך, ווי דער פֿייף פֿונם האַסטיקן ווינד און שטורעם מיט אַ מאָדנעם הילכיקן קוויטש און אין איין אויגנבליק איז דער נאָענטסטער זעלנער שוין געלעגן אַ צונויפֿגעקאָרטשעטער מיט אַ מאַגנעטיש־האַסטיקן פֿאַל אויף דער ערד. שוואַרץ, ווי אַ פֿאַרברענטע קויל, און נישט געהאַט מער קיין ענלעכקייט צו אַ מענטשלעך וועזן... אין באַלד, ווי די אויגן האָבן זיך באַפֿרייט אויף אַ ווייל דאָס צו־צוקוקן, איז דאָס פֿאַרגעקומענע מאָמענטאַל פֿאַרגעסן געוואָרן, ווי אַ זאַך, וואָס קיינער קאָן דאָס נישט אויסמיידן, אָדער פֿאַר־כאַפּט געבליבן פֿון נאָך שרעקלעכס, מוראדיקס.

און קיינער האָט נישט אויפֿגעהערט צו טראַכטן, ווי גוט עס וואָלט געווען זיך צו געפֿונען גראָד ווייט פֿונם פֿראָנט, ער־גען אין רעזערוו, אויף אָפּרו, דאָרטן צו באַגעגענען נייע פֿריינט, חברים, אָנגעקומענע פֿריש און געזונט פֿון די אייגענע היימישע מקומות, וועלכע האָבן מיטגעבראַכט גרוסן פֿון דער היים, פֿון משפּחה און באַקאַנטע און שוין מיטן בלויזן גוטן אָנבליק זייערן, יעדן דערמונטערט. ביי אונדז אַלטע, איינגעפֿונדעוועטע, אין דער מלוכה פֿון טויט, האָבן זיי אויסגעזען, ווי ייִנגע קוים דער־וואַקסענע קעצלעך מיט זייער נאַיִווער באַנעמונג און באַריידעוודי־קייט, ווערנדיק אַהערגעשיקט צום מזבח, אַלס קרבן־עולה פֿאַר דער אַלגעמיינער פֿעלקער־באַפֿרייונג.

ווען דער פֿרימאָרגן קומט אָן, די זון צעשיינט זיך —

טרייבט מען אויף אַרבעט, אין די גרויסע וועלדער אַרום. ווי מען האַקט אויס די ריזיקע אַלטעביימער, צו פֿאַרפּעסטיקן די באַהעלטענישן, אַז קיין מענטשלעך אויג פֿונעם שונא זאָל זיי נישט דערגרייכן און ס'רוב מאָל איז עס נאָך אַ בחנמדיקע אומזיסטע מי. די אַרבעט איז אָבער געווען אַ חוב, שוין בלויז צוליב דעם, אַז אפֿשר וועט זי פֿאַרט אַ מאָל וועמען נוצן, ווען נישט אונדזערע לייט, איז לכל־הפּחות, אַנדערע ברואים, אַנדערע מענטשלעכע באַשעפֿענישן, עפּעס איז עס דאָך פֿאָרט אַ מענטשלעכע אַרבעט, נישט קיין פֿערדישע, בעת גאָר, דאָס פֿערד האָט אַ העכערן ווערט און אַ גרעסערע אָפּשאַצונג. אינדערצייט, ווען עס שטורעמט מיט פֿייער און בלוט איז דער מענטש אַ סך אויסהאַלטעוודיקער איבערצוטראָגן.

ליגנדיק אין דידאַזיקע אונטערערדישע 'שוק־גראָבנס, ווי קאָמיש האָט אונדז אויסגעוויזן דעמאָלסט, ווען דער שונא האָט האָט געפּרוווט אויפֿצוזוכן, צו אַנטדעקן און אָנצוטרעפֿן אויף די לאַגערס פֿונעם רעזערוו. די שיסערײַ פֿון די געוויינטלעכע קליינע האַרמאַטן, וואָס האָבן אַהער געשפּיגן מיט די רייכערדיקע גראַנאַטן, עקספּלאָדירט, צעשאָטן זיך, צעפֿאַלן אין אַ האָגל פֿון שוואַרצע שטיקער קוילן, האָט אונדז דאָך נישט אָפּגעשטעלט פֿון דער ליבער באַשעפֿטיקונג: טויזנטער זעלנער אויסגעטוענע, האַלב־נאַקעטע האָבן גראָד געלויזט די אונטערוועש און די אויבער מלבושים פֿון די הונגעריקע פּרעסערלעך, וואָס האָבן קיין מינוט מנוחה נישט געגעבן. מ'האָט זיי געקליבן מיט אַ פֿילאָזאָפֿיש־רויִקע מינע, גלייך ווי אָן דעם קאָן מען קיין גוטער רוסישער פֿעלד־זעלנער נישט זײַן. און ווי בשלוה האָט זיך יעדער איינציקער געקאָכט זײַן קעסעלע קאַרטאָפֿל־זופּ, פֿאַר זיך און זײַן חבֿר, וועלכער איז גראָד געלעגן אַ צונויפֿגעקאָרטשעטער און געשלאָפֿן.

די אימה, דער פּחד, וואָס האָט אַלעמען באַהערשט אין די ערשטע עטלעכע ליניעס, די סכּנה, וואָס האָט געשוועבט פֿאַר די אויגן פֿון יעדן האָט אַלעמען ווי נישט פֿאַרייניקט. יעדער האָט אַ קלער געטון ביי זיך אין אַזויבע מאָמענטן: אפֿשר... טאָמער... אין דער צייט פֿון לית־ברירה... ווען מען האָט קיין

שום אויסוועג נישט... ס׳האָט זיך געגלוסט... עפּעס האָט מען דאָך אַ ווייב, קינדער, עלטערן און משפּחה. עפּעס בענקט מען נאָך דער היימלעכקייט און וואַרעמקייט... האַלט מען איין דעם אָטעם ווען מען שטעלט זיך פאָר, דאָס אַלץ צו פאַרלירן... הגם צייטנ־וויז האָט מען אויך פאַרנומען פיינטלעכע זעלנער צו אונדז אין געפאַנגענשאַפט, ווו זיי זענען אָנגעקומען צעשראָקענע און אויפ־געךעקטע, דערוואַרטנדיק דאָס ערגסטע, וואָס אַ מענטש קאָן דורכ־לעבן, און לסוף האָט מען זיי אַרומגערינגלט מיט פאַרחידושטע און דערשטוינטע אויגן און גוטמוטיק זיך געטיילט מיט זיי דעם ביסן ברויט, אָנגעזעטיקט זיי, באַרויִקט און אָפּגעשיקט זיי צום רע־זערוו, ווו פון דאָרט האָט מען זיי אָפּגעשיקט ערגעץ קיין טיף־רוסלאַנד און אין די ווייטע גובערניעס.

עפּעס איז עס גאָרט געווען ווי אַ מחשבה־זרה פון יצר־הרע?

וווהין? וואָס? — זיין אַ פּחדן?

אָבער אַ סך פון אונדז האָט דער געדאַנק נישט אָפּגעשלאָגן. אַלץ האָט זיך שוין צוגעגעסן און דער געדולד האַלט אין פּלאַצן.

און ווידער איינמאָל אין אַ שיינער אויגוסט טאָג, ווען די זון האָט זיך צעברענט ווי פון אַ קאַלך־אויוון און געבראָטן אונדז די הויט אויף די לייבער, האָט זיך צעפלאַקערט אַ העפ־טיקער שלאַכט. מ׳האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך אַלץ וואָס איבריק איז, כדי צו קאָנען לייכטער לויפן פאָרויס, אָדער אומקערן זיך צוריקוועגס. מ׳האָט געטראָטן איבער טויטע און פאַרוווּנדעטע, וועמענס קרעכצן און געוויינען זענען פאַרטויבט געוואָרן פון די ווילדע „הוראַ״־געשרייען, יאָגנדיק דעם פיינט ביז צו שאַוולי און ווייטער.

שפּעטער אין עטלעכע טעג אַרום, נישט אויסרוענדיק זיך, נישט אָפּכאַפּנדיק דעם אָטעם האָט מען זיך אויסגעדרייט צוריק צו די צעשעדיקטע סטאַדאָלעס, וואָס זענען געווען פאַרפלייצט מיט גאַנצע קופּעס גילזן פון די אַרויסגעלאָזטע ביקסן און פולעמיאָטן־קוילן. אין טייל ערטער איז די ערד אויף צענדליקער טריט אַרום געווען אויסגעפּלאַסטערט מיט אַ פינף־צען צאָליקן ברוק אויס

מעטאַל. דאָס האָט מען אונדז אין „איילעניש" סתּם אַזוי מכבּד געווען, הגם דער פּיינט איז, דאַכט זיך, אָפּגעטרעטן מיט פאַרלוסטן. און אגב צוליב עפּעס „אומפאַרשטענדלעכע טעמים" טרעט מען אַליין צוריק, מאַרשירנדיק פאַרביי די ברענענדיקע דערפער, ווו עס שווינדלט פון בייזע ליכטיקייט.

דער קאַמף האָט זיך אַלץ מער צעפלאַקערט און עטלעכע טעג געהאַלטן אַלץ און אַלעמען געשפּאַנט, פּודיקע שטיקער סנאַראַדן ווי ריזיקע פלאַשן זענען געפלויגן אויפרייסנדיק מיט אַ קראַך, צעפלאַנדיק אין די אומבאַשיצטע זעלנער-מחנות. מ'איז געווען ווי שיכּור אונטער דעם האָגל פון די פיינטלעכע קוילן, וואָס אויב זיי האָבן געטראָפן איינעם פון אונדז, האָט יענער תּיכּף באַקומען שטאַרקן פיבער און די העכסטע גראַד היץ. מ'האָט געהערט ווי זיי האַלטן אין איין ציטערן פון קעלט: או—הו—ו— האָבן רייען ליגנדיקע זעלנער, ווי אין כאָר, איינער דעם אַנדערן איבערגעקרעכצט.

אָבער נאָך אַ קורצער צייט איז מען פאַרשטומט געוואָרן, אויסהויכנדיק די נשמות, צוליב די פאַרסמטע דום-דום קוילן, וואָס מ'האָט באַקומען פון פיינט. מיר די נישט באַשעדיקטע זענען געלעגן לאַנגע שעהן אומבאַוועגלעך, נישט אַרויסגעגעבן פון זיך קיין שום לעבנס-צייכן, דער שונא זאָל אונדז נישט באַמערקן ווייל זיי זענען געווען באַזעצט אויף העכערע ערטער און אכטונג געגעבן און באַלד באַשאָטן דאָס אָרט מיט אַ האָגל פון קוילן.

די סכּנה און די שרעק איז דעריבער געווען אומנאַטירלעך גרויס. די מינוטן האָבן זיך געצויגן אומגעהייער לאַנג. דער פּולס האָט געקלאַפּט שטאַרק און האַסטיק און די האַרמאַטן-קוילן זענען געפלויגן אַריבער ווייטער, ווייטער, צום רעזערוו. די פּולעמיאָטן און ביקסן-קוילן ריצן פאַרביי מיט אַ טיק-טאַק, טיק-טאַק, ווי דאָס כּסדרדיקע גריזלצן פון אַ גריל און קומען אַלץ נענטער מיט אַ סוויסטשעריי און געפּייף. בלינד דערנענטערן זיי זיך מיט זייער פּייף. האַרט און דרייסט, אומבאַמערקט, פליען זיי אָן...

די האָר שטעלן זיך ביי יעדן קאַפּויר, די גלידער ווערן שטייף. מ'איז געלעגן אין דער נאַסער בלאָטע, דורכגעווייקט

גיזן מאַרך פון די ביינער. די פאַרהיטונגס־מאַסקע פאַרן שטינקנדיקן פיינטלעכן גאַז ליגט אַ צעווייקטע, נישט צו געברויכן מער. דאָס שטיקל ברויט איז נאַס און וואַלגערט זיך צוזאַמען מיטן שטיקל זייף און די מאַכאָרקע אינם דורכגענעצטן ראַניעץ, ווו אַלץ האָט זיך צונויפגעמישט אין א קלעפיקער מאַסע. שפעט אין אָוונט, ווען דערקוויקן דאָס פאַרחלשטע האַרץ מיטן שטיקל פאַרטריקנט שוואַרץ ברויט, בעת די געשפאַנטקייט פונם טויט־שרעק האָט אַ ביסל אָפּגעלאָזט, האָט מיך דער משונהדיקער ריח פונם זייף און טאַבאַק געראָך אָפּגעעקלט, אַז איך האָב עס מיט אַ ביטערע מינע אַוועקגעוואָרפן און די ציין פאַרקריצט פון הונגער. צום נאָענטן חבר דערנעבן, וואָס איז געלעגן 5 טריט ווייטער, איז נישט דערלויבט געווען זיך צוצורירן און מען האָט געמוזט מיט דער סלינע דעם הונגער איינשטילן, ווייל די פראָזשעקטאָרס פון פיינט האָבן געהאַלטן אין איין איבערוואַרפן צו אונדז ליכטיקע ראַקעטן, ווו פאַר די אויגן האָט אַ העלער שיין געטון ווי אַ בליץ פאַר אַ דונער. און טאָמער האָט ער, דער שונא באַמערקט, אַז עס באַוועגט זיך וואָס עס זאָל נישט זיין ביי אונדז, איז גלייך געקומען אַ שאָס, איינער און דערנאָך אַ צווייטער.

אזוי איז מען דורכגעלעגן אַ גאַנצע נאַכט, בלויז מיטן אינסטינקט האָט מען געפרווט אויפהאָרכן און דערשמעקן, וואָס עס הערט זיך ביי די נאָענטע חברים. מ׳הערט עפעס מורמלען פאַרצווייפלט דורכן „צעפ״. מען האָט זיך איבערגעגעבן איינער דעם צווייטן מיט אַ האַלב קול, אויפהייבנדיק דעם קאָפּ אַ טראָפּ העכער, אַז מיר האָבן פאַרלוירן דעם צוזאַמענבונד מיט די איבעריקע טיילן זעלנער, אַז אונדזער ליניע איז צוליב אומבאַוווסטע סיבות איבערגעריסן. און מיר, דאָס הייסט כמעט א פולק זעלנער זענען פאַרבליבן איינזאַם, אָפּגעריסן פון דער קייט... מיר ליגן געהיימניספול און שטילנען... דאָס שיסעריי הערט פאַרשטומט און אַרום הערשט אַ שטילשווייגן ווי אויף אַ בית־החיים נאָך האַלבער נאַכט.

אומבאַוועגט מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם ליגט מען און מען הערט פונם „צעפ״ די באַפעלן—און זיי קומען נישט מער...

עטלעכע אָפיצירן אָבער, וועלכע געפונען זיך צווישן אונדז גיבן איבער: טוט זיך יעדער איינציקער ווי אים ווויל געפעלט! ראַטעוועט אייך, ווי איר קאָנט!

אַ פאַרצווייפלונג האָט אַלעמען דורכגענומען. איינער האָט דעם צווייטן נישט דערקענט. אַזאַ מאָדנע פינסטערקייט האָט אַלע פנימער באַדעקט. וואָס טוט מען?

און דאָ הייבט אָן צו טאָגן. עס ווערט שוין גוט ליכטיק, דער מענטשלעכער מוח, וואָס איז שוין אַזוי אויך אויסגעמאַטערט איבער די כּוחות, קאָן שוין מער נישט אויסהאַלטן און פון ווייטן ווימלען שאָטנס פון קליינע ווערים, וואָס ווערן מיט יעדע רגע געדיכטער, רוקן זיך אויף אונדז אָן און אָט לויפן זיי צו אונדז אַנטקעגן.

די קעפּ ווערן ווי צעמישט פון אויפרעקונג. אַלגעמיינע פאַרצווייפלטע אויסגעשרייען, אַ הימל-שרייענדיקער הילף-רוף פון אָפענע מיילער און ברייט-געעפנטע צעשראָקענע אויגן. מען האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס דאָ טוט זיך און פון פּחד פאַרלוירן די מענטשלעכע האַלטונג.

— — — — — — — — — — — —

מענטשן ריזיקע, מיט הויכע קאַסקעס אויף די קעפּ, די ביקסן אויסגעשטרעקט מיט די שטיקעס גרייט צו שטעכן. די ברייטע פנימער צעטומלטע און בלייכע, איבעראַשט אַליין פון ערשטן אויגנבליק. אָבער גלייך אויפן אָרט געשווינט זיך אָריענטירט, לויטן באַפעל פון צעהיצטע יינגע אָפיצירן, וואָס ווייסן געגוי זייער אַרבעט. מיר זענען אַרומגערינגלט, ווי מיט אַ קייט. איינער פון זיי האָט הויך און זיכער אויסגעשריגן:

— געווער לייגן!

אַלע דייטשע זעלנער גיבן איבער איינער דעם צווייטן דרייסטער די באַפעלן:

— ראַש, געווער וואַרפן! הגם קיינער האָט נישט געפילט דעם מינדסטן באַגער זיך אַנטקעגן צושטעלן. אַלץ האָט געשריגן געליאַרעמט, דרייסט געלאַכט און געכיכעט.

מיר האָבן טרויריקע, אַראָפּגעלאָזט די ביקסן, אנידערגע-

לייגט אויף דער ערד, די פּאַסקעס מיט די „סומקעס" קוילן אַוועקגעוואָרפן. מיר שווייגן און ציטערן.

באַלד ענטפערט דורך די לופט אַ גראָבער באַפעל אויף אַ שלעכטן רוסיש, דורכגעמישט מיט פּויליש: —„זאָל יעדער אַוועקוואַרפן תּיכּף פון זיך די לעצטע קויל". און געהאָרכזאַם פירט יעדער אויס זיין באַפעל. מ'שטעלט זיך אַוועק אין דער ריי. עפּעס געפינט מען זיך נאָך אונטערן איינדרוק פונם איבערגעלעבטן שרעק און יעדן עקבערט אין מוח: וואָס וועט ווייטער זיין?

עס לויפן דורך גאַנצע רייען „צעפּן" דייטשע זעלנער, נישט אומקוקנדיק זיך צומאָל אויף אַ ווייל צו אונדז, נאָר צעשראָקענע מיט אַ ערנסטע מינע שפּאַנען זיי ווייטער. אונדזערע „שומרים" ווערן פרייליכער און מיר דערפילן שוין מיט אַ פּאַרכאַפּט האַרץ, אַז מיר בלייבן לעבן... מיר שטייען נאָך אַלץ די הענט אַראָפּגעלאָזט, אַ טייל פון אונדזערע האַלטן זיך אין איין צלמען און אין איין הייבן די הענט און אויגן צום הימל און די טרערן קייקלען זיך... מען איז איבעראַשט.

— אָפּמאַרש! — הערט זיך פעסט דער באַפעל — און מיר, אַ מאַן טויזנט, אויסגעשטעלט אין לאַנגע רייען, אָן געווער מיט שאַרפע אויסגעשטאַרטע בליקן, אָבער דאָך שוין אַ ביסל באַרויקטע. עס אָטעמט זיך שוין לייכטער, הגם די דייטשע זעלנער לעבן נאָך אין שרעק, אין קעגנזייטיקער געהיימער שרעק.

עס קומען אָן אַלץ מער דייטשע זעלנער. נאָך דער פיעכאָטע רייט קאַוואַלעריע. זיי רינגלען אונדז אַרום און טרייבן אונדז ווייטער. אַרום איז אַ וויסטעניש. אַ שרעקלעך בילד פון צעפּאַלענע חורבות, ס'באַהערשט אונדז אַ באַרויקונגס-געפיל.

מ'הייבט אָן צו שפּרייזן אונטער דער באַגלייטונג פונם שונאס באַגנעטן, וואָס ווייטער אַלץ ניכטערער, אַלץ דרייסטער. בלינדערהייט טראַכט זיך יעדער אינם האַרצן: אַ סוף, אַ סוף צו די ליידן! צום פראָנט!

מען שפּאַנט צום שונא אין לאַנד אַריין, אין דער געפאַנגענשאַפט.

## אין געפאַנגענשאַפט

ווי אומפאַרשטענדלעך האָט זיך יעדן אויסגעוויזן, ווען אַרומקוקנדיק זיך, האָט מען דערזען פאַר זיך גיין אַ מאַסע פון טויזנטער געפאַנגענע, אונטער דער באַוואַכונג פון סך־הכּל עטלעכע צוואַנציק באַגלייטער פון קאַוואַלעריע און פּיעכאָטע. אַלץ עלטערע באַיאָרטע רעזערוויסטן — לאַנדשטורמער. ווי גאַווהדיק און דרייסט זיי זענען בײַ זיך געווען. גאַרנישט דערלאָזנדיק די ציוויל־באַפעלקערונג פון די אַרומיקע דערפער אין די געגנט פון ריגע— שאַוולע, וועלכע האָבן געוואָלט מזכּה זיין די דורכוואָגלענדיקע געפאַנגענע מיט אַ טרונק וואַסער, אָדער מיט עפּעס אויבס, ווי עפּל, באַרן, וואָס זענען גראָד צו דער אייגענער צייט שוין געווען צײַטיק. דאָס איז בשום אופן נישט דערלויבט געוואָרן. צוליב דעם איז אַלעמענס צעפּרידנקייט צום ערשטן מאָל געשטערט געוואָרן.

דער היציקער, נאָך יונגער אָנפירער פון „קאָנוואָי'' האָט די גוטהאַרציקע פרויען פאַרנאַנדערגעיאָגט. און ווען די רייען האָבן זיך טיילווייז צעשפּרייט און אַרויס פון דער געהעריקער אָרדנונג, וועלנדיק עפּעס געניסן, האָט ער געעפנט אויף זיי אַ שיסעריי. נאָר אַ דאַנק די מיטגייענדיקע פּראַוואָסלאַווע גייסטלעכע, וואָס האָבן די הענט געהויבן מיט די ווייסע זילבערנע צלמים אינדערהויך, האָט די שיסעריי באַלד אויפגעהערט. און שטילשווייגנדיק, צוזיפנעמענדיק מיט זיך די עטלעכע פרישפאַרוונדעטע האָט

מען זיך געשלעפּט ווייטער, דערפילנדיק דעם ערשטן שנעל אין גאַז...

פאַרבייגייענדיק פאַרלאָזענע חרובע דערפער און שטעטלעך, האָט מען זיך נאָכדעם געהאַלטן וואָס ווייטער אָפּגעזונדערט פון אונדזער היימישער ציוויל־באַפעלקערונג, וווּ אומעטום האָט געהערשט אַ טויט־שטילקייט, אַן אַלגעמיינע אַפּאַטיע, אַ שרעקלעכע מרה־שחורה.

איבער די פעלדער, וווּ מיר האָבן דורכגעשפּרייזט, האָבן זיך געוואַלגערט פּגרים פון געהרגעטע פערד און טויטע הינט־באַדעקט מיט אומריינקייט און צעוואָרפענע שטוב־זאַכן. די רויע ערד אַרום, אויפגעקאָפּעט און צעגראָבן — וויאָרסטנווייז צעהאַקט און צעביילט, צעשפּאָלטן און צעגישטערט. די מענטשן האָבן איר געמאַכט צו שפּאָט און שאַנד.

צוקומענדיק ביז צו דעם אָרטיקן גרענעץ־שטעטל פון דייטשלאַנד, שוין אינם פיינטלעכן לאַנד, וווּ די באַן האָט שוין רעגולער קורסירט, האָט מען אונדז אַלעמען אַריינגעפּאַקט אין די וואַגאָנען, צו עטלעכע צענדליק אין יעדן איינעם. צוגעמאַכט פון דרויסן אונטערן שלאָס, אַז אפילו דאָס „מענטשלעכע געברויך" איז אויסגעקומען צו מאַכן אינעווייניק. און הונגעריקע אינם שטינקנדיקן געריך איז מען מיד און דערשלאָגן איינגעשלאָפן.

אינמיטן נאַכט, אינמיטן האַרטן שלאָף האָט מען אונדז אויפגעוועקט. דייטשע זעלנער זענען אַריין צו אונדז אינעווייניק, צעטיילנדיק צווישן אונדז טעפּלעך שוואַרצע קאַווע און שטיקלעך ברויט אַזוי גרויס ווי אַ חלק לעקעך, און ווי זיי זענען אַרויס, האָבן זיי ווידעראַמאָל פאַרשלאָסן, איבערלאָזנדיק אונדז אינדער פינסטער וווּ מיר האָבן אָפּגעוואַרט מיט דער גרעסטער שפּאַנונג וווּהין ערגעץ מען וועט אונדז פאַרשלעפּן.

פאָרנדיק אַזוי עטלעכע טעג, איז מען אָנגעקומען אינם זאַמל־לאַגער טוכעל. אַן אָרט, פון וואַנען מען האָט די געפאַנגענע סאָרטירט פּאַרטיענווייז און צעשיקט אין פאַרשידענע לאַגערן אין דער דייטשער איכפּעריע. נאָכדעם ווי מ'האָט אונדז דאָ אויסגעלאַדעוועט פון די וואַגאָנעס זענען מיר געגאַנגען פון באַן; יע־

דער מיט אַן אָפן מויל פון נייגעריקייט און מיט זיכערע טריט, באַוועגנדיק זיך פריילעך, ווי באַוווסטזיניקע „העלדן“, וואָס האָבן זיך צוליבן דרוק פון שונא געמוזט אונטערגעבן... מיר האָבן ווי פאַרגעסן דעם אַקאָרשט אָפּגעקומענעם וועג מיטן תירוץ, אויפן וועג איז אַלץ שטרענג און פאַרבאָטן, אָבער איצט גייט געוויס צום בעסערן... פּלוצלינג האָט אונדז אָפּגעשטעלט אַ שטרענגע, גראָבע שטימע מיטן באַפעל: — שטיין בלייבן! און מיר האָבן ווידער אויפגעציטערט. שטאַרק אַנטוישט פון דעם ברוך-הבא... איינציקווייז זענען מיר אַריינגעלאָזט געוואָרן ווי עופות אין אַ שטייג. אויף אַ ריזיקן פּלאַץ, וואָס איז ארומגעצוימט מיט כפול־שמונהדיקע גראָבע דראָטן. פאַרן אויג האָבן זיך אָנגעזען בלויז שוואַרץ־באַדעקטע פּאַפּע־דעכער, וואָס האָבן זיך קוים עפּעס אַריבערגעהויבן פון דער פלאַכער גלייכער ערד. דאָס זענען געווען די עקסטרע באַשטימטע באַראַקן, ווו אונטער עטלעכע שטאַפּלען טיפער אין דער ערד, איז מען אַריינגעקומען אין אַ הייל, צוויי די ברייט און דרייסיק ביז פערציק טריט די לענג, און די הויך — אַן ערך מיטן קאָפּ קוים גלייך צו שטיין אַזוי, אַז מ'האָט געמוזט האַלטן אָנגעבויגן אַביסל דעם רוקן. פון דרויסן האָט עס אויסגעזען, ווי זעמליאַנקעס, ווו די פויערים באַהאַלטן קאַרטאָפל אויפן ווינטער.

ביי די זייטן פון די באַראַקן זענען געווען צוגעגרייטע, גרויסע פיר־קאַנטיקע גריבער, ווי די קאַלך־גריבער, וואָס מען גרייט צו ביים מויערן אַ בנין, פינף איילן טיף. דאָס זענען געווען אונדזערע ערטער צום מענטשלעכן געברויך, ווו די קריגס געפאַנגענע פלעגן כסדר, קאָמפּאַניעסווייז אָפּגעבן, אָפּגיסן די ערזאַץ־מאכלים, וואָס מען האָט דורכן טאָג באַקומען. דאָ האָבן זיך אויך געפונען: די לאַנגע, פון צוויי רייען געמאַכטע, ווי בענק, אַבאָרטן וואָס אויף זייערע ערטער זענען געזעסן שעהנווייז פול געפּאַקטע לאַנגע רייען געפאַנגענע.

דורך דעם, וואָס מ'האָט זעלטן אין משך פון אַ גאַנצע וואָך געגעסן געדיכטע עסן, האָט זיך דער נאָרמאַלער גאַנג ביי יעדן איינציקן פאַרהאַלטן. דערפאַר איז מען געזעסן און געהאַלטן

אין איין דריקן פון זיך ווי מ׳וואָלט אָנגעבלאָזן אַ וישט. ביז שפּעט אינדערנאַכט האָט מען געהאַלטן אין איין טוישן זיך אויף די ערטער, וועלכע זענען קיינמאָל פריי נישט געווען. די אָנגעפילטע גראָבנס זענען געווען ווי אַן אָבקימעניש פאַר די געפאַנגענע, וואָס זענען באַשטראָפט געוואָרן מיטן אויספּלומפּן זיי אין די גרויסע פעסער און נאַפט־קעסלען, וואָס זענען אַוועקגעפירט געוואָרן אויף צו באַמיסטיקן די פעלדער.

אינדערפרי, אַז עס האָט אָנגעהויבן טאָגן, האָט מען אַלעמען געגעבן שוואַרצע קאַווע. צוועלף אַ זייגער באַטאָג האָט מען באַקומען מיטאָג: געקאָכטע קאַרטאָפל מיט־שאָלעכץ צונויפגעמישט מיט פאַרשטונקענע הערינג אַלס צושפּייז. ווי הונגעריק מען איז נישט געווען, האָט מען די ערשטע פאָר טעג, ערשט וואָס אָנגעקומענע פון פּאָזיציע, אויסגעמיטן דעם מין מאכל. אָפּזייענדיק אָבער דאָ עטלעכע טעג, געפּלאָגט פון דער „הונגער־עפּידעמיע“ האָט מען זיך צוגעכאַפּט צו דידאָזיקע זופּן מיט טאָפּלטן אַפּעטיט און דערביי זיך דאָך נישט געקאָנט זעטיקן, מ׳איז פאַרבליבן הונגעריקע.

אין אָוונט האָט מען דערלאַנגט אַ שיטערע וואַסערדיקע זופּ, ווו אין אַ גרויסן טיפן בלעכערנעם בעקן, זענען געשווומען איינציקע גרויפּן. צו דעם האָט יעדער געקריגן צוגעטיילט אַ פּאָרציע ברויט פון פירהונדערט גראַם. מיר זענען געוואָרן אַזוי אויסגעהונגערט, אַז אַ סך פון אונדז זענען אַרומגעגאַנגען און געהאַלטן כּסדר אין איין וואַרפן מאָדנע מיט זייערע זוכנדיקע בליקן אויפן שטח־ערד פון לאַגער, אַבי צו געפינען אַ רויע קאַרטאָפל, אָדער אַנדערע פאַרפוילטע רויע עסנוואַרג, ווי בוראַקעס, ריבן און נאָך אַזעלכעס דעם מאָגן אָנצופילן. קיינער האָט מער נישט געהאַט קיין מענטשלעך רויט־פּנים, קיין בלוט־טראָפּן, נאָר תּמיד איז מען געווען בלאַס. איבערגעשראָקן פון דער שטרענגקייט, וואָס די דייטשע זעלנער האָבן אַרויסגעוויזן ביים אָפּהיטן אונדז, און פונם יאוש, וואָס האָט אַלעמען אַרומגענומען. יעדער האָט פאַר זיך אין געהיים גוט אויסגעשפּירט אַלע קרומגעדרייטע גענג צווישן די פיל־פאַכיקע דראָט־פאַרצוימונגען, וואָס מאַכן אוממעגלעך דאָס

אנטלויפן און מיט רעזיגנירטקייט אָנגעבויגן דעם רוקן און אונ־טערגעבן זיך דעם גורל.

די ערנסטע דייטשע פּנימער האָבן מיט זייער רו און זאַטקייט געהאַט דעם אָנבליק פון רוצחים בעתן מאָרדן, דערהערנדיק זיי־ערע באַפעלן, זייער אכזריותדיקן: „לאָז! פאָרט!״ איז דאָס האַרץ איינגעפאַלן פון אוממענטשלעכן פּחד. און דאָס ביסל בלוט, וואָס עמיצער פון די רוסישע געפאַנגענע האָט נאָך געהאַט, איז פאַר־גליווערט געוואָרן. עפּעס איז מען אַזוי נישטיק געוואָרן ביי זיך און צונויפגעשרומפּן, ווי לעבעדיקע מתים.

אין אַזאַ מצב האָבן זיך געפונען די רוסישע העלדן, וועל־כע האָבן ביז דעמאָלט קיין וועלט נישט געזען און קיין אַנדער מין מענטשן אויסער זייערע היימישע נישט געקענט. זיי האָט זיך געדאַכט, אַז אַריינפאַלנדיק צום שונא, וועלן זיי רו באַקומען און אויסמיידן דעם הונגער, אָבער ווי אַנטוישט האָט זיך יעדער, בעת ער האָט דערזען מיט זיינע אייגענע אויגן די אמתדיקע ווירקלעכע לאַגע!...

דאָס האַרטע לעבן האָט באַוויזן דעם רוסישן ווייך־האַרציקן מענטשן, צו וואָס מ׳קאָן דערגרייכן אינדערצייט פון אַ מלחמה. אומעכטיק און הילפלאָז האָט ער דעם מבולבלען קאָפּ געבויגן פאַרן פעסטגעבויטן רויטן שטאָלצן שונא, וועלכער האָט מיט אים קאָמאַנדעוועט, ווי אַ קינד מיט אַ לאַלקע.

דער באַוווסטזיניקער רוס, וועלכער האָט שוין פאַרברענגט אין די שטעט צווישן די פאַרטייען האָט זיך אוממויליק צונויפגע־קנוילט, ווי אַ נישטיקער וואָרעם און נישט איינמאָל אַ קלער גע־טון אַ פאַרצווייפלטער: „מיר זענען פאַרפאַלן!״ ווי באַהאַנדלט מען דאָס אונדז!? צי זענען מיר דען נישט אַ פאָלק מיט אַ רע־גירונג? אַזוי רעכנט מען זיך עס מיט אַ הונדערט און פופציק מיליאָניק פאָלק!? דאָס אָבער אויסריידן האָט מען נישט געטאָרט, נישט דערוועגט. באַטראַכטנדיק פון איין זייט די אומבאַהאָלפענע באַשעפענישן,—זיינע ברידער, די רוסישע געפאַנגענע, לגבי אים, דעם פיינט מיט זיין „מיר מוזן זיגן!״, „מיר מוזן דער קריג גע־ווונען!״ האָט ער מער ווי אַ קרעכץ נישט געקאָנט טון.

פון באַגינען אָן, ביים אויפהייבן זיך ביז צום אַנטשלאָפן ווערן באַנאַכט אויפן האַרטן געלעגער, האָט יעדער געפאַנגענער געהאַלטן אין איין ריידן און חלומען וועגן עסן. מען האָט זיך דערמאָנט אָן די צייטן, בעת מען האָט געהאַט צו עסן צו דער זעט. און דער שוים, דער זאַפט איז יעדן געקומען איבער די ליפּן, ווען מען האָט זיך דערמאָנט עפּעס אַ טעם פון וואָסער נישט איז עסנוואַרג, גראָד ווי ביי אַ געלט-גייציקן, בעת עס חלומט זיך, אַז ער ציילט און ציילט אָן אויפהער, אָן אָפּרו גאָלדענע מטבעות, אַז דער קאָפּ נעמט זיך אים מישן פון איבערמענטשלעכן נחת... צי האָט מען עפּעס אַנדערש געקאָנט פאַרלאַנגען פון אַזעלכע מענטשן ?...

די הונגער-עפּידעמיע האָט דאָ קיינעם נישט געמיטן און עסן פלעגט מען אפילו פייכט האָלץ. קאָרע און פאַרשידענע רויע בלעטער פון די אַרומיקע ביימער, פון וואָס די קישקעס האָבן זיך צונויפגעשרומפּן און לייכט געוואָרן נוטה צו כל-ערליי קרענק, בפרט אַ מענטש מיט שוואַכע לונגען האָט נישט לאַנג געקאָנט אויסהאַלטן. די רויע ערד האָט די אַלע שטומע, שווייגנדיקע ברואים צוגענומען צו זיך גלייכגילטיק און אפילו אָן אַ רעכטער טרער פון אַ מענטשלעך אויג. זיי זענען דערטרונקען געוואָרן פון דער ביטערער, רויערווירקלעכקייט.

אָפּזייענדיק אַ קורצע צייט אינם סאָרטירונגס-לאַגער, אַן ערך דריי חדשים, איז מען מיט אַ מאַט אויסגעלאָשן פּנים, אָבער דאָך מיט אַ געוויסער טליענדיקער האָפענונג אין האַרצן אויף בעסערס, איבערגעשיקט געוואָרן אין אַן אַנדערן לאַגער. אין אַ צאָל פון אייניקע טויזנט מאַן איז מען אָנגעקומען צו אַ באַן מיט מיט אַ מאָדערנעם וואָקזאַל. דאָס איז געווען ביי אַ גרויסער דייטשער אינדוסטרי-שטאָט סאַרגאַרד, וואָס ליגט צווישן בערלין— שטעטין. באַגלייט פון שרייענדיקע דייטשע זעלנער, וואָס האָבן כסדר געהאַלטן אין איין הייבן און וואַרפן מיט די הענט, מסתמא צו וואָרענען די ציוויל-באַפעלקערונג אָפּצוהיטן די אָרדנונג אַזוי האָט מען דורכגעשפּאַנט איבער די שטאָט. אין גאַס האָבן מיר באַגעגנט ס׳רוב פרויען, אַלטע לייט און בכלל ווייניק ציווילע

יונגע מענטשן, כמעט אַלע זענען געווען אָנגעטון אין מיליטערישע מונדירן. אַלץ האָט זיך פריילעך איבערגעקוקט און געשושקעט איבער די דורכוואָגלענדיקע גרופּעס קריגס-געפאַנגענע, וועלכע מען האָט באַגלייט מיט פולע פּנימער פון פרייד און נצחון.

דורכגייענדיק די גאַנצע שטאָט אינדערלענג, איז מען אָנגעקומען הינטערן שטאָט, ערגעץ צו אַ גרויסן לאַגער, וואָס איז געווען פעסט און געדיכט אַרומגעצוימט מיט אַ הויכן ברעטער-צוים. אַריבערקריכן איז געווען כמעט אוממעגלעך, און אויבן אינ-דערהייך באַשלאָגן געדיכט מיט שפּיציקע שטעכיקע נעגל. ביי יע-דע פּאָר טריט איז געשטאַנען אַ דייטשער „וואַכמאַן" און געהיטן מיט דער פולער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון אַ דייטש.

דורך אַ געעפנטן טויער האָט מען אונדז אַריינגעלאָזט אויפן פּלאַץ, ווו מיר האָבן זיך אויסגעשטעלט צו עטלעכע אין אַ ריי, פאַר דער הויפּט-וואַך פונם לאַגער. דער ציווילער רוסי-שער דאָלמאַטשער, וועלכער איז געווען פון רוסלאַנד און איצט נאָכן מלחמה-אויסברוך אַהערגעקומען האָט מיט אַ פעסטע הויכער שטים פאַרגעלייענט אויף אַ פיינעם רוסיש די פאָרשריפטן פאַרן געפאַנגענעם ביים שונא אין לאַנד.

די שטראָף פאַרן מינדסטן פאַרברעך איז געווען: „גלייך צום שיסן". די פיס האָבן געציטערט און אַ שווערער ערנסטער געדאַנק האָט אַלעמען באַהערשט. אויסהערנדיק אַלץ מיט אַ שטיל-שוויי-געניש און ענטפערנדיק נידערגעשלאָגן מיטן האַלבן לשון: „פאַרשטאַנען!"

מ'האָט אונדז אַרומגעזוכט און דורכגענישטערט, און ביי יעדן איינציקן צוגענומען אַלץ, וואָס מען האָט געפונען: חפצים, געלט, גוטע לעדערנע פּאַסקעס און אַרויסגעגעבן אַ „קוויטל" אַלס צייכן, אַז מען וועט אַלץ צוריק אומקערן ביים אַהיים פאָרן, מחמת נעבן נאָמען און פּראָפעסיע איז אין דער רשימה אויך געווען פאַרשריבן אַלע צוגענומענע זאַכן.

נאָכן רעווידירן אונדז עטלעכע שעה באַנאַנד, האָט מען אונדז ווי פריש-אָנגעקומענע דורכגעפירט איבער איין טייל לאַגער פון אויפגעשטעלטע, איינשטאָקיקע לאַנגע באַראַקן פון ברעטער-

גלייך האָט מען פאַר זיך דערזען אייגענע רוסישע זעלנער טרויעריק געשטימטע, וועלכע האָבן אונדז, ווייזט אויס באַדויערט מיט זייערע פייכטע שטומע בליקן, וואָס זיי טאָרן נישט, לויט די פאָרשריפטן, זיך דורכריידן מיט אונדז ערשט-אָנגעקומענע פון יענע מקומות, וואָס זענען אַזוי הייליק און טייער.

אַריינפירנדיק אונדז דורך אַ דראָט-פאַרצוימונג אין אַ צווייטן טייל לאַגער, איז מען אַלע ווי דערשראָקן געבליבן, דערזעענדיק פון דער נאָענט אונדזערע היימישע קאַזאַרמע-לייט, אָדער זייערע שאָטנס... עפּעס האָט מען נישט געגלייבט די אייגענע אויגן... זענען עס מענטשן, צי לעבעדיקע שקעלעטן?! דאָס זענען די איבערגעבליבענע ביים לעבן, דער שארית פון די קריגס-פּיאָנערן פון די גענעראַלן סאַמסאָנאָוו און רענענקאַמפּס אַרמעען, וואָס האָבן די ערשטע אויסגעבויט מיט די אייגענע הענט דעמדאָזיקן לאַגער.

זיי האָבן אונדז גענומען דערציילן, ווי תיכף אינם ערשטן חודש פונם וועלט-קריג זענען זיי אַלס ערשטע קריגס-געפאַנגענע פאַרנומען געוואָרן פונם שונא אין מזרח-פּרייסן פון וואַנען מען האָט זיי דאָ אַהערגעבראַכט אינם איצטיקן לאַגער. קומענדיק אַהער האָבן זיי דאָ געטראָפן אַ ריזיקן פּלאַץ פון טיפע גריבער און בערג, ווו עס האָבן זיך געוואַלגערט אַרויסגעוואָרפענע פאַבריק-שמאַטעס און צעבראָכענע אַלטע כּלים פון דער אַרומיקער באַפעלקערונג, אומנוצלעכע צום געברויך, וואָס זענען דאָ אַהערגעפירט געוואָרן אינאיינעם מיט גאַנצע פורן מיסט און זיי האָבן געמוזט אָפּרייניקן און אויסגלייכן דעם פּלאַץ. געאַרבעט האָט מען איבער די כּוחות, אָן אָפּרו, טאָג ווי נאַכט און ביי דעם האָט מען צומאָל קיין רעכט עסן נישט געגעבן. פון הונגער און קלעפּ זענען די מענטשן געפאַלן ווי די פליגן און די חברים אַליין האָבן דעם געפאַלענעם געמוזט אויסגראָבן אַ גרוב, אים אַריינלייגן און באַשיטן מיט ערד, אַז שפּעטער האָט מען אַליין נישט געוווסט, ווו די מתים געפינען זיך... די צייט האָט געיאָגט און פיבערנדיק האָט מען מיטגעאַרבעט מיט אַלעמען, אונטערגעטריבן פונם שטאָלצן בייזן פיינט, וואָס האָט זיך געפילט רויִק, זיכער און דערצו ווייט פון פראָנט... און געפּייניקט האָט ער אַלעמען מיט אַ נקמה-געפיל,

מיט רציחה. מען האָט אויסגעגלייכט די ערד וויאָרסטנהייז אַרום אָוועקגערוימט די בערגער מיסט פון דאַנען און אויפגעשטעלט דעם לאַגער, די אין אָרדנונג לאַנגע באַראַקן, באַדעקט מיט פּאַפּע־דעכער, וואָס מיר זעען איצט און באַוווּנדערן.

מען האָט געקאָכט מיטאָג פאַר צענטויזנט מאַן און געגעסן האָבן דרייסיק טויזנט. און די, פאַר וועלכע עס האָט אויסגעפעלט זופּן, מחמת זיי האָבן זיך מיט כּוח נישט געקאָנט דערקריגן און אַרויסרייסן פון צווייטנס מויל, זענען געבליבן הונגעריקע און ווער עס האָט געפּאָדערט עסן, איז באַשטראָפט געוואָרן ווי אַ שולדיקער מיט שטעקנס און ביקסן־קאָלבעס, וואָס מען האָט נישט געשפּאָרט.

צוליב דעם קנאַפּן עסן האָט זיך גיך פאַרשפּרייט דער „הונגער־טיפוס" און דער מלאך־המות האָט זיך צעהוליעט מיט זיין נקמה־טאַנץ איבער די געפאַנגענע. נישט קוקנדיק אויף דער ווייס־געקאַלעכטער ערד, אויף די שטרענגע דיזענפעקציעס, אויף די געשטאָכענע „פּיאָווקעס" און קעגן־טיפוס איינשפּריצונגען צו עטלע־כע מאָל אַ וואָך — אַלץ איז געווען בחנם און אומנוצלעך.

דער טויט האָט געבושעוועט צווישן די רייען און צוגע־רויבט אָן אַ שיעור מענטשן. היינט געלעבט, מאָרגן געשטאָרבן, איז געווען אַ גאַנץ געוויינטלעכער דערשיינונג. צוליב דעם איז געשאַפן געוואָרן דער „קאַראַנטין" ביי די באַראַקן. יעדע פרישׂ אָנגעקומענע פּאַרטיע פון דער פרעמד, האָבן געמוזט אַ חודש, צוויי זיך געפונען דאָ. און אַז אין פאַרלויף פון דער צייט איז קיינער אויפן טיפוס נישט געשטאָרבן, זענען דעמאָלט ערשט אַלע אַריינגעלאָזט געוואָרן אינם צווייטן לאַגער, אָפּטיילונג נומער צוויי פון וואַנען מען האָט אַרויסגעשיקט אין שטאָדט אַריין אויף אַרבעט און שפּעטער אָוועקגעשיקט שוין אויף אַ לענגערע צייט צו די גוטבאַזיצער און פּויערים אויף לאַנד און פעלד אַרבעט.

עטלעכע חדשים זענען אַריבער און אויך מיר האָבן די זכיה געהאַט אַריבערצוקומען אינם צווייטן לאַגער און אונדזער אָרט, דער אַזוי גערופענער „קאַראַנטין־לאַגער" האָבן פאַרנומען

אַנדערע פּריש אָנגעקומענע אין אומגעהויערע גרויסע פּאַרטיעס איינע נאָך דער אַנדערער.

אינם צווייטן לאַגער, האָבן מיר אויך געטראָפן די געפאַנגענע זעלנער פון לאַנג; פון די פאַרשידענע סיבירער סטרעלקעס (שיסעריי פּאָלקן), וועלכע זענען דאָ אַהער, אַלס געפאַנגענע אָנגעקומען אינמיטן ווינטער פון 1915 יאָר, מיטברענגענדיק מיט זיך די הויכע וואַרעמע פּאָפּאַכעס, וואָס מ'האָט געטראָגן אויף די קעפּ, האָט מען פון הונגער די פּאָפּאַכעס גענומען איינטוישן מיט די פריש אָנגעקומענע געפאַנגענע פאַר אַ שטיקל ברויט און טאַבאַק, וואָס זיי האָבן נאָך מער געהאַט פון דערהיים.

דער דייטש האָט זיך כּלומרשט געמאַכט נישט זען און נישט הערן. אָבער אויפצומאָרגנס פלעגט ער אויסשטעלן אַלעמען אין דער ריי און ביי וועמען ער האָט געטראָפן אָנשטאָט אַ פּאָפּאַכע עפּעס אַ געוויינטלעך זעלנעריש היטל, האָט מען יענעם אַוועקגעפירט אויף דער „וואַך“ און אים מכבד געווען מיט 25 ביז 50 שמיץ אויפן נאַקעטן לייב. ווער עס האָט דאס מיטגעמאַכט, וועט עס זיכער געדענקען זיין גאַנץ לעבן! יעדער שמיץ, וואָס איז אויסגעפירט געוואָרן מיט אַן אמתער אכזריות און דערצו נאָך פון אַ שטאָלענער רוט איבערגעצויגן אין אַ בהמהשער וישט, וועלכער האָט זיך איינגעגראָבן אין דער הויט ביז בלוט. און אַ צייט לאַנג דערנאָך שוין, האָט מען אַליין די אויגן נישט געקאָנט אויפהייבן פון בושה און חרפּה, פאַר די אייגענע חברים ביז דער דויערהאַפטיקער „סטעמפּל“ איז פאַרשוווּנדן.

די לעצטע אָנגעקומענע געפאַנגענע פון איוואַנגראָדער פעסטונג. פון אָסאָוצער פעסטונג א. א. וו. און מיר, די „אַלטע שוין“ געפונענדיק זיך שוין דאָ אינם פרייצן לאַגער, האָבן ווידער פאַר זיך געזען דאָס אייגענע בילד: אָפּגעריסענע, באָרוועסע אָדער מיט הילצערנע קלעצלעך אויף די פיס, אַזעלכע טיפע און שפּיציקע שטעקלאַטשן פון אייגענער האָלץ־אויסאַרבעטונג, וואָס יעדער האָט ך צוגעפּאַסט לויט דער מאָס פון שוך.

אינדערפרי, ווען עס האָט זיך געלאָזט הערן דאָס טראָמפּיי־ ערן, וואָס האָט געוועקט פונם געלעגער, האָט מען גלייך אַרויס־

געיאָגט פון די באַראַקן, ווי די סטאַדע בהמות און אָוועקגעטריבן „אויפן שפּאַציר“, ווו מען האָט זיך אַרומגעדרייט אַרום אַ פּירקאַנטיקן גרויסן פּלאַץ, אין גאַנג, צי אין געלויף — לויט דער קאָמענדע; ווערנדיק כּסדר גוט באַאָבאַכט דורך די בייזע שומרים, עלטערע „לאַנדשטורמער“, וועלכע האָבן אונדז געהיטן ווי די טרייע הינט — מען זאָל חלילה נישט אַ שמועס טאָן צווישן זיך.

פון אַרומדרייען זיך, ווי אין אַ „קאַרוזעלע“, האָט זיך אין די קעפּ געמישט און נישט איינער איז געפאַלן אין חלשות פון שוואַכקייט, פון די קלעפּ פון די פאַרשידענע אויפזעער און מיט פאַרביסענע ליפּן האָט מען אַלץ פאַר ליב גענומען און געשוויגן...

פונקט ווי יעדע שטאָט האָט זיך אירע רעדלפירער, וואָס דערגייען יעדן דאָס לעבן, אַזוי אויך דאָ, האָט יעדער לאַגער באַזונדער אויסגעצייכנט זיך מיט זיינע לייטענאַנטן און גענעראַלן, וועלכע צענדליקער טויזנט מענטשן וועלן קיינמאָל נישט פאַרגעסן... אין אונדזער לאַגער איז געווען אַ לייטענאַנט אָסמאַן, איינער פון די, וועלכע די קאָאַליציע האָט ביים פרידנסטיש אין ווערסאַיל אויפגעפאָדערט אַרויסצוגעבן פאַר זיינע ווילדע אכזריותן.

אַ קליין־געוויקסיק דאַר, יונג מענטשל, מיט ענערגישבאַפעלערישע כיטרע אויגן און פלינקע באַוועגונגען. ווען מען האָט געזען אים, וועמען מען האָט גערופן צוליבן תּמידיקן זיך איילן, ווי מען וואָלט אים געהאַלטן די צייט אין איין אָוועקרויבן מיטן צונאָמען „אַעראָפּלאַן“. צוליב זיין קורקן וווקס האָט ער געמאַכט כּסדר קליינע טריט און דערפאַר געהאַלטן, ווי אין איין אונטערשפּרונגען. אַזוי האַסטיק און אייליק האָט ביי אים אויך אַלץ געטווזט אַרויסקומען. פלינק האָט ער ביי יעדן געפאַנגענעם דאָס בלוט אין פּנים אָנגעצונדן, און פלינק האָט ער ביי יעדן די נשמה אויסגעצויגן, ווי ציטערדיקע קינדער האָבן מורא פאַרן טייוול, אַזוי האָט עס יעדן אויפגעטרייסלט ביזן מאַרך און בלוט דערזעענדיק זיין פּנים. ער האָט געטראָטן מיט די פיס און געשפּיגן אויף יעדן מענטשלעכן געפיל, אַרויסווייזנדיק דערביי אַן אינסטינקט פון אַ דורשטיקער חיה, ווי

איז געווען צו דעם, וואָס האָט געהאַט די זכויה „באַמערקט“ צו ווערן פון דעמדאָזיקן מנוול.

אין יעדע שעה פון זיין לעבן האָט ער געהאַט אויפן געוויסן אַ מענטשלעך־אומשולדיקן קרבן, וואָס ער האָט געבערענגט אויפן מזבח פון זיין פאָטערלאַנד, מיטן געשריי: „תיכף אים שמידן!“ איז דער אומשולדיקער אַוועק אויף אַ אונטערערדישער אַרבעט נעבן שטעטין אינם מיטלפונקט פון מזרח און מערב־דייטשלאַנד, וווהין מען האָט צוגעליפערט פון אַלע עקן לאַנד „פאַרמשפטע“. דאָרטן האָבן מענטשן אָפּגעאַרבעט, ווער וואָכן, חדשים, ביז זיי האָבן סוף כל סוף אַוועקגעגעבן זייער עלנט לעבן. דער מאָדערנער נבוזראַדן, האָט זיך גאָרנישט געמאַכט פון די יסורים פון זיינע קרבנות. ער האָט אויסגעפינען זיינע פאַרשידענע קריגס־המצאות, וואָס האָבן געשאַפן אַ ריזיקן בית־הקברות, פון די אויסגעקליבענע „פאַרברעכער“ וועלכע ער האָט פריער פאַרווענדט צו כלערליי עבודת־הפרך און גלייכצייטיק זיי אויסגענוצט צו די געפערלעכסטע עקספּערימענטן ביי דער פּראַקטיצירונג פון גרויזאַמע כלי־משחית.

כמעט פונקט אַזוי, איז אויך באַוווּסט געווען יעדן איינציקן פון די געפאַנגענע דער אינזשיניער וואַלהאַבער, וועלכן מען האָט גערופן „איוואַן איוואַנאָוויטש“. אַ דייטשער ייד, אַ לייטענאַנט מיט זייער אַ שיינעם אָנבליק, גרויסע שוואַרצע קאַרשנאַויגן און אַ פול רויט געזיכט, ווי אַ געמעל פון אַ גלאַנציק־פאַרביקער פּאָסט־קאַרטע, אַ זון פון אַן אָנגעזעענער יודישער רעפאָרמירטער פאַמיליע, וואָס אויפן אָנבליק וואָלט מען ממש געקאָנט מאַכן אַ ברכה איבער אים, אַזוי הערלעך שיין האָט אָפּגעשיינט זיין פּנים. אָבער אין דער ווירקלעכקייט איז דער מענטש געווען אַ צעלאָזענע חיה. ער האָט געפּלאָגט און געמאַטערט די געפאַנגענע, מיט זיין שטאָלצן בליק, מיט זיין ערנסטן און שטרענגן באַפעל, אַז דאָס בלוט איז יעדן פאַרגליווערט געוואָרן בשעת ער האָט זיך מיט דער אַנטבלויזטער שווערד געוואָרפן שלאָגן אַ ווידערשפעניקן געפאַנגענעם און געהאַקט ווו ער האָט נאָר געטראָפן, נישט אָפּשטעלנדיק זיך ביז יענער איז אין בלוט פאַרגאַנגען.

די דייטשע זעלנער, אונדזערע שומרים, האָבן לויט זייַן באַפעל, גלייַך אויסגעשטרעקט די שטיקעס צו אונדזערע ברוסטן, אַז אָט-אָט, האָט זיך געדאַכטן, שטעכט מען דורך די שטיקעס דורכן לייב, אַ שטילשווייגן האָט יעדן באַהערשט און די ליפּן פאַרשלאָסן, נישט האָבנדיק זיך פאַר וועמען צו קלאָגן און צו וועמען זיך צו ווענדן. דערמאָנט האָט עס אָן דעם דור-הפלגה: באַפעלנדיק צו ברענגען ליים, האָט מען געברענגט שטרוי. אויך דאָ, אַז מען האָט באַפוילן עפּעס צו טון און דאַכט זיך גוט פאַרשטאַנען, וואָס מען מיינט, לסוף האָט מען דווקא געטון פאַרקערט, עפּעס אַ שלים-מזלדיקייט האָט זיך געפּילט ביי די שוואַכע אומבאַהאָלפענע „פּיינט" די שרעק פון איין זייט און די געשאַפענע שטימונג פון „לאָאָז", „גאַנץ עגאַל" האָט אַלעמען באַהעלטיקט און ס'רוב האָבן אין האַרץ זיך געקלאַפּט „על חטא". די „ווידוי-שטימונג" האָט אַ טייל רוסן צונויפגעבונדן אין איין משפחה און איינער פאַרן צווייטן האָט זייַן האַרץ געטון אויסגיסן.

טאָג איין, טאָג אויס, האָט מען נאָר אין זינען געהאַט דאָס עסן. די וואַסערדיקע זופּן, ווו עס האָבן אַרומגעשווומען עטלעכע קאַרטאָפל, ס'רוב צעפּוילטע און געפרוירענע. אַרייַנברענגנדיק דעם גרויסן טיפּן בעקן מיט זופּ פון דער קיך דורך צוויי געפאַנגענע אינם באַראַק אריין, ווו עס האָבן זיך געפונען אַן ערך פופציק ביז זעכציק געפאַנגענע, אונטער בייזע הונגעריקע אויגן, האָט דער גליקלעכער „אויסגעקליבענער" וועלכער איז איינשטימיק אויסגעוויילט געוואָרן פון זיינע חברים, גענומען מישן און מישן מיט אַ טשערפּאַק אינם בעקן, פאַנאַנדערטיילנדיק יעדן אין זיין שיסל איין לעפל „געדיכטס" פון אונטן און אַ צווייטן לעפל שיטערס פון אויבן. די גאַנצע צייט האָט מען געהערט אויסגעשרייען פון שטאַרק דענערווירטע מענטשן-קולות, מיט געליאַרעם און געפּילדער: „נאָך מישן! נאָך מישן!". און אויב מען האָט באַמערקט, אַז דער צווייטער האָט אַ ביסל אַ געדיכטערע זופּ באַקומען האָט מען אים פּשוט ווי אויפגעגעסן מיט די קנאה-בליקן פאַר דעם „גליק" וואָס האָט אים געטראָפן. די זופּן זענען ס'רוב באַשטאַנען פון געדיכט גראָז, צונויפגעמישט מיט פאַרפוילטע

קאַרטאָפל אַדער מיט אַלטע פיש און אויך מיט די אַזוי גערופענע ביי אונדז אין רוסלאַנד „זשאַבעס".

טיילמאָל איז די זופ געווען דורכגעמישט מיט שוואַרצע חערעם און שלאַנגען, וואָס וואַלגערן זיך צווישן פריש־געשניטענעם גרינעם גראָז. דאָס מאכל אָבער, איז שוין געווען פון די בעסערע סאָרטן אין מען האָט עס דערפאַר געגעסן מיט אַן אויסערגעוויינטלעכן אַפעטיט און פריילעך פנים.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, צוליב די שלעכטע לאַגע דאָ אין לאַגער, האָט יעדער זיך געריסן ווי ווייט מעגלעך אויף אַרבעט, אַבי אַרויסצוקומען פונם לאַגער. יעדן טאָג האָט מען וועריפירט גרויסע פאַרטיעס צו הונדערט מאַן אַ ערך און נאָך מער, ווו אין דער האַלבער נאַכט, איבערוועקנדיק אַלעמען, האָט מען זיי אַוועקגעשיקט נישט וויסנדיק וווהין. ס׳רוב האָט מען זיי באַשטימט צו די פאַרשידענע פראָנט־אַרבעטן קיין פראַנקרייך און אין אַנדערע אָקופירטע געביטן, אויסצופאַרטיקן אונטערערדישע היילן, פאַרצוימונגען און אַנדערע פאַרפעסטיקונגען. צוליב דעם זענען ארומגעגאַנגען כלערליי ווערסיעס וועגן דידאָזיקע פאַרטיעס, איינע שרעקלעכער פאַר דער צווייטער.

ווי ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפן שטעטל, אין אַ קאַלטער ווינטיקער נאַכט, ווען עס וואָיעט אַ שטאַרקער ווינט אין אַ געדיכטער פינצטערניש, ברעטער רייסן זיך פון די דעכער און פלויטן. עס חלומען זיך רוצחים און גנבים, ווו דער כוח־הדמיון דערפירט צו כלערליי בייזע געדאַנקען. אָט אַזוי האָט דאָ אויסגעוויזן נאַכט נאָך נאַכט, ווען מען האָט אַרויסגעטריבן צו הונדערטער געפאַנגענע, אויסגעשטעלט זיי אין רייען פאַר דער „וואַך" און פון דער „באַקליידונגס־שטוב" זיי געגומען דערלאַנגען די עקסטרע געפאַנגען־גאַרדעראָב: אַ פאָר שוואַרצע טוכענע הויזן מיט ברייטע געלע לאַמפאַסן ביי די עקן און אַ שוואַרצע מאַרינאַרקע מיט אַ געלן ברייטן פאַס אַרום דעם רעכטן אַרבל, אַ פאָר פאַריכטע שטיוול מיט זוילן־קלעצער, געדיכט באַזעצט מיט דיקע נעגל.

געשטאַנען איז מען אומבאַוועגלעך. אָן אַ הויך וואָרט צו לאָזן

פאַלן. שטיל און פאַרצווייפלט איז מען געגאַנגען לויט דעם באַפעל פון דער קאָמאַנדע וווהין מען האָט געטריבן.

געווען זענען אָבער אויך גליקלעכע, וועלכע זענען אָפּגעשיקט געוואָרן אויף וואַלד אַרבעט צו די גוטבאַזיצער, אָדער אפילו אויף פעלד־אַרבעט צו די פּויערים, וווּ מען האָט זיך ממש איבערגליקלעך געטון פילן.

אויף מיר האָט דער הונגער אַ קליינע השפּעה געהאַט. איך האָב אַ באַשטימטע זעטיקונג געהאַט אין מיין ערנסטער אַריינטוען, איבערגעבן זיך בראשי־ורבי איבערצולייענען די לאַגער־ביבליאָטעק, וואָס איז ס׳רוב באַשטאַנען פון אומדערלויבטע ביכער צו יענער צייט אין רוסלאַנד. מ׳האָט זיי דעם רוס׳שן לעזער אונטערגעשטופּט מיט דער פולער האַנט, כדי זיי אַראָפּצופירן אויף אַזאַ אויפן פונם דרך־הישר... אים צו פאַרוואַנדלען אין אַ סאָציאַליסט, אין אַ קעמפער אַנטקעגן די דעמאָלסדיקע עקזיסטירנדיקע אָרדנונג און כלומרשט דעם רוסישן אינטעליגענט מטושטש צו מאַכן מיט דער פרייער דערלויבעניש „לייענט און ווייסט ווער עס וויל אייער טובה״. דאָס זענען די, וואָס פאַרשאַפן אייך האַלב און פערטל אינטעליגענטן בילדונג. זעט! מיר פאַרשפּרייטן קענטעניש צווישן אייערע „אומבאַוווסטזיניקע רייען״.

ווען איך בין שוין זאַט געוואָרן פונם לייענען און שוין געהאַט איבערגעקוקט כמעט די גאַנצע אומלעגאַלע רוסישע ליטעראַטור פון די פרייהייטס־קעמפער, מאַרטירער, האָט מיך ערשט רעכט גענומען פּלאָגן דער הונגער און דאָס נישט האָבן צו רייכערן, וואָס עס האָט דאָ אין לאַגער געשפּילט די גרעסטע ראָל ביי יעדן געפאַנגענעם באַזונדער, אַז ס׳רוב האָבן פון זיך אַראָפּפאַרקויפט אַלץ, וואָס עס האָט זיך געלאָזט: די שטיוול, דעם שינעל, די לעדערנע פּאַסקעס און געבליבן האַלב־נאַקעט און באָרוועס, אַבי צו קאָנען קויפן וואָס צו רייכערן און זעלטן האָט מען געקאָנט טרעפן אַ געפאַנגענעם, וואָס זיינע פינגער און איבערהויפּט דער גראָבער און דערנעבן פינגער זאָל נישט זיין אָפּגעברענט און שוואַרץ ווי קויל פונם רייכערן.

אויך דאָ אינם לאַגער, ווי אומעטום, איז געווען אַ „באַ־

שטימטער פלאַץ״ דער אַזוי גערופענער „טאָלטשאָק״ ביי די רוסן ווי יעדער פון אונדז האָט פאַרקויפט זיין „פייקע״, ברויט, חפצים צו אַנדערע.

אַז מען האָט אין די באַראַקן אַריינבאַקומען טאָג־טעגלעך דאָס ברויט, שמאָל־אויסגעבאַקענע האַלב־טונקעלע ברויט־לאַבנס, וואָס יעדער לאַבן האָט געדאַרפט צעטיילט ווערן אויף זעקס חלקים פאַר זעקס פאַרשוין, האָט אַ „ספּעציעלער פאַכמאַן״, וועלכער איז פריער אויסגעקליבן געוואָרן פון די זעקס פאַרשוין, צונויפגעשטעלט אַזאַ גערופענע וואָג פון עטלעכע ברעטלעך אַרומגעבונדן מיט שפּאַגאַט, צעשניטן דאָס ברויט אויף גלייכע זעקס טיילן און זיי פאַנאַנדערגעוויגן איינס אַנטקעגן צווייטן. פון איינעם אָפּגעשניטן, צום אַנדערן צוגעלייגט, ביז עס איז ווי נישט איז אויסגעקומען אויף גלייך...

בעתן וועגן און שניידן, איז יעדער באַזונדער געווען שרעקלעך אויפגערעגט און דערנערווירט, אַכטונג געבנדיק, אַז די וואָג זאָל ריכטיק שטימען; און כדי נאָך פעסטער צו זיין אין דער ערלעכקייט, אַז מען פראַטעזשירט נישט איינער דעם צווייטן, האָט זיך איינער אַוועקגעשטעלט מיטן פּנים צו דער וואַנט און אַ צווייטער האָט גענומען אַ חלק ברויט אין האַנט און יענעם בלינד געפרעגט:

— קאָמו? (וועמען?)

און יענער, אויסגעצדרייט צום וואַנט האָט געענטפערט הויך:

— איוואַנו!

— גריגאָריעווו!

ווייל יעדער האָט גוט געדענקט די נעמען פון זיינע זעקס שותפים און קיין טעות בשום אופן נישט געקאָנט האָבן...

פון אַלע זייטן האָט מען געקאָנט הערן שרייען דאָס זעלבע. יעדע גרופּע באַזונדער האָט דורכגעמאַכט די אייגענע פּראָצעדור און יעדער איינער באַזונדער האָט מיט קנאה־בליקן באַקוקט דעם צווייטנס שטיקל ברויט און קוים האָט זיך עמיצן אויסגעוויזן, אַז יענעמס חלק ברויט איז מיט אַ ביסן גרעסער ווי זיינס, האָט אָפט

די פראַצעדור געמוזט ווערן איבערגעחזרט איינמאָל און נאָכאַמאָל און אַ דריט מאָל, ביז דער חשד איז אינגאַנצן אַוועק...

אַז יעדער האָט שוין באַקומען ריכטיק, גענוי און פּינקטלעך זיין חלק אין האַנט אַריין, איז ער אַוועק מיט דעם אויפן „טאָל־טשאַק" און געפּרוווט עס פאַרשאַכערן אויף טאַבאַק, צי אויף עפּעס אַנדערש, וואָס איז אים געווען מער נייטיק. אינאיינוועגס אַגב האָט ער מיטגענומען מיט זיך די זאַכן ווידער, וואָס זענען אים געווען איבריק, ווי וועש, קליידונג א. ד. גל. צו פאַרבייטן זיי אויף אַ זעלכע זאַכן, וואָס ער האָט געברויכט האָבן.

אַ סך האָבן סתם אויסגענוצט די ליידיקע צייט, וואָס מ'האָט געהאַט אויף צונויפצוקומען זיך אַביסל און געמאַכט זיך האַנדלען.

אַ סך האָבן עס פּראַקטיצירט, אַבי עס חלילה נישט צו פאַרגעסן.

אָבער ס'רוב האָבן עס געטון צוליב נויט.

קויפערס אָדער אויפקויפערס האָבן זיך געפונען אויסנאַמווייז צווישן די אַזוי גערופענע „גליקלעכע געפאַנגענע", וועלכע זענען געשיקט געוואָרן אויף פעלד־אַרבעט, אָדער ערגעץ אין די שטעט־לעך אַרום, ווו זיי האָבן איינגעקויפט מאַכאָרקע, פּאַפּיראָסן און עס אויסגעביטן אויף די ברויט־חלוקים, אויף שטיוול, מאַנטלען, העמדער א. ד. גל. און ביי דעם טאַקע אויסגענוצט יענעמס אומ־באַהאָלפנקייט און דחקות לטובת דער אייגענער קעשענע.

און אַ סך פון זיי האָבן זיך אויף דעם חשבון ווירקלעך גוט געפּאַשעט, באַקומען געזונטע, רויטע, דיקע קאַרקן.

איך ווייטער, האָב טאַקע צוליב דעם רויכערן, אויך גענוג זיך געפּלאָגט. איך האָב מיך בשום־אופן נישט געקאָנט אָפּגעוויי־נען פון רייכערן.

אַ מאָדנע שוואַכקייט האָב איך געפילט צו דעם, און וואָס ווייטער בין איך אַלץ מער אַריינגעצויגן געוואָרן אין דעמדאָזיקן האַזאַרד...

אין מיר איז פאָרגעקומען אַ פאָרמעלע „מלחמה", אויפעסן די „פּייקע-ברויט", אָדער זי טוישן אויף רייכערן ? און אָפטמאָל בין איך אומעכטיק געבליבן און נישט געקאָנט ביישטיין דעם

נסיון און ענדלעך דאָך פאַרקויפט דאָס שטיקעלע ברויט פאַר דער ביטערער „מאַכאָרקע־שטרוי״.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דער פועל־יוצא פון דעם האָט געבראַכט צו שלעכטע מחשבותן. צוליב דעם בין איך אויך סוף־כל־סוף געצוואונגען געווען זיך אונטערצוגעבן און מיטגעפאָרן מיט אַ גרופּע געפאַנגענע אויף פעלד־אַרבעט.

# אויף פערד ארבעט

אין הערבסט צייט בין איך אָנגעקומען גראָד צום קאַרטאָפל־קאָפּן און געפונען, כמעט ביי יעדן רייכן פּויער און איבערהויפּט ביי די גוטבאַזיצער, צו עטלעכע רוסישע געפאַנגענע און אויף טייל ערטער, אויסנאַמווייז אויך פראַנצויזן.

די רוסן האָבן זיך דאָ געפונען אין אַ בעסערן מצב. כמעט צופרידענע, ווייל קאַרטאָפל איז געווען די והותר—זאַט צו עסן.

קומענדיק אין דאָרף אַריין, זיך אָנשפּיגלענדיק אין אַ שפּיגל, בין איך ווי פאַרשטיינערט געבליבן פון ווונדער — נישט צו דערקענען זיך בעצם... אַזוי דאַר, אָפּגעפאַלן בלאָס ווי קאַ״ך האָב איך אויסגעזען.

אָבער די פרישע לופט, דאָס באַשעפטיקן זיך ביי די בהמות קי, פערד, חזרים, אַפּערצורייניקן זייער מיסט און אונטערבעטן מיט שטרוי. דער וואַרעמער פעטער גערוך און בכלל די באַרירונג מיט די בעלי־חיים, האָט מיך אויפגעפרישט און מיר דאָס געפיל צום לעבן צוריקגעקערט.

און נאָך אַ חודש צייט, אַז איך בין צוריק אין לאַגער, האָב איך מער ווי איין טאָג נישט אויסגעהאַלטן און באַלד אויפ־צומאָרגנס מיטגעכאַפּט זיך מיט אַ מאַן הונדערט געפאַנגענע אויף אַרבעט אין די וועלדער.

פון זעקס באַגינען ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין, איז מען פאַרנומען געווען אינם וואַלד. עסן האָט מען באַקומען קוים צו דערהאַלטן די נשמה און אַרבעטן האָט מען געמוזט ווי אַ פערד,

פאַרשטייט זיך, אַז יעדער האָט געזוכט ווי ווייט מעגלעך נישט צו פאַרבלייבן דאָ. מען האָט עס פאַררעכנט פאַר אַ צייטווייליקע אכסניה... קאָן מען דען פאַרלאַנגען פון מענטשן צו אַרבעטן איבער די כוחות און ביי דעם נאָך צו הונגערן?

אָבער קיין „דערוויילס" איז עס נישט געווען. צו דער אַרבעט האָט מען געיאָגט, געטריבן און גערודפט. די שטרענגע אַלטע לאַנד־שטורמער מיט די גרויע קעפּ, וועלכע האָבן אַליין מורא געהאַט זיך צו באַציִען מילדער צו די געפאַנגענע, כדי נישט צו ווערן איבערגעביטן אויף אַנדערע און דערצו נאָך אַוועקגעשיקט צו ווערן אויפן פראָנט אונטערן פייער. זיי זענען, ווי באַהערשט געווען פון אַ שגעון, ווי עס טרעפט אַ מאָל ביי אַלטע לייט, ווען עס באַפאַלט זיי אַ משוגעת, אַרויסצוווייזן זייער מאַכט.

אַנגעוואָרפן זיך אויף די נידערגעשלאָגענע און אומבאַהאָלפענע געפאַנגענע, מיט זייער כלומרשטער בריהשאַפט. זיי האָבן אונדז געוועקט כמעט אינמיטן דערנאַכט צו דער אַרבעט און געטריבן צו די באַשטימטע ערטער, כמעט וויאָרסטן־ווייט צו פיס, וווּ מיר האָבן זאָלבע־צענט אין אַ פּאַרטיע, אונטערגעהאַקט און אונטערגעזעגט די ביימער, וואָס דער וואַלד־אויפזעער האָט געהאַט אָנגעצייכנט.

די צווייגן האָט מען אַרומגעשניטן, צעהאַקט און צונויפגעלייגט אויף קופּעס. די שטאַמען צונויפגעטראָגן אויף אַ באַזונדער אָרט, וווּ זיי זענען צעזעגט געוואָרן אויף קלאַפטער ברענהאָלץ.

געאַרבעט האָט מען אַזוי ביז צען אַ זייגער אין דערנאַכט, מיט קוים אַ האַלבע שעה אָפּרו, ווען מען האָט צוגעביסן די באַקומענע מיט זיך צוויי שטיקלעך דינע פּליטשן ברויט, באַשמירט מיט „פּאָווידלע" אָדער „מאַרגאַרין" און צוגעטרונקען אָנגעוואַרעמטע שוואַרצע קאַווע.

אונטער די שטרענגע בליקן פונם וואַכמאַן האָט מען געאַרבעט אָן אָפּרו, אָן דעם אָטעם רעכט צו כאַפּן און אַז דער גלאָק האָט געקלונגען, האָט מען זיך צונויפגעזאַמלט און צוריקגעגאַנגען מידע און הונגעריקע אינם באַראַק אַריין צו זיך, דאָ

האָט מען באַקומען דאָס מיטאָג: אַ שיטערע קאַרטאָפל־זופּ אָדער נאָר אַ הייסע קראַכמאַל־זופּ, וואָס איז געווען נודנע־זיס פון אַריינגעלייגטן סאַכאַרין, אַז עס האָט געשלאָגן צום האַרץ און אַ קליין שטיקל פלייש, אַבי יוצא צו זיין, ווי מען האָט זיך אַוועקגעלייגט שלאָפן האַלב־הונגעריקע מיד און צעבראָכן.

דער וואַלד־אויפזעער קומט אַריין צו אונדז פריילעך און טוט לוסטיק אַ פרעג:

— נו זייט איר זאַט?

און גלייך נישט אָפּוואַרטנדיק קיין ענטפער, האָט ער ווייטער גערעדט:

— מען מוז זיך איינגעוווינען וואָס ווייניקער צו עסן, כדי בייהילפיק צו זיין די פראָנט־זעלנער, זיי זאָלן וואָס געשווינטער יגן און דאַן, וועט מען אייך פריער אָפּלאָזן צוריק אין דער אייגענער היים.

אפילו די דייטשע וואַכלייט, די לאַנדשטורמער, האָבן דערביי מיט די אַקסל געצויגן:

— נישט זאַט צו עסן?

מ'האָט זיך אָבער שטאַרק צום האַרצן נישט גענומען. אויפצומאָרגנס האָט מען ווייטער געיאָגט נאָך פעסטער צו דער אַרבעט.

מיט אַ סך מי איז מיר ענדלעך געלונגען זיך צוריק צוקריגן אין לאַגער אַריין. און נישט ווילנדיק לאַנג פאַרבלייבן אויף דאָרט, צוליב דער מורא פאַרן פאַרהונגערן, האָב איך עטלעכע מאָל זיך געטוישט אויף פעלד־אַרבעט ביי פאַרשידענע פויערים, ווו איך האָב זיך בשום־אופן נישט געקאָנט צופּאַסן, בלייבנדיק אומצופרידן פון מיינע „לאַנדווירטשאַפטלעכע עקספּערימענטן" אויף כלערליי „שטעלן".

סוף זומער 1916, בין איך צוזאַמען מיט אַ מאַן פערציק אָפּגעפירט געוואָרן צו אַ גוטבאַזיצערין, אַן אַ אַלמנה נאָך אַ געפאַלענעם מאַיאָר אויפן רוסישן פראָנט ביי סקערניעוויץ, ווו איך בין פאַרבליבן ביז סוף ווינטער 1917.

ערשט דאָ, האָב איך דערפילט דעם אמתן צער פון אַ געפאַנגענעם ביים שונא אין לאַנד. ביז דאַמאָלט, ווו איך בין אַלץ

נישט געווען ביי פעלד-אַרבעט, האָב איך געפילט, אַז איך בין אַ שלעכט מאַטעריאַל אַלס פּראָסטער ערד-אַרבעטער, אי לויט די מוסקולן און לויט דעם כאַראַקטער בכלל... עפּעס האָט מיר אויסגעוויזן קאָמיש דער אַמאָליקער פּלאַן מיינער צו וואָס איך האָב אַזוי פיל געשטרעבט און געהאָפט — צו זיין אַ פעלד-אַרבעטער אין ארץ-ישראל... דער גאַנצער זין פון מיין לעבן, די גאַנצע האָפענונג פון מיין יוגנט, איז צעשוווּמען געוואָרן פאַר דער ביטערערווירקלעכקייט... צו גוט האָב איך דערשפּירט אויף מיין אייגן לייב, וואָס אַזוינס באַדייט זיין אַ פיזישער אַרבעטער, הייַנט נאָך צו ווערן אַן אמתער פּועל-עברי אין אייגענעם לאַנד. מיט טיפן צער און הארצווייטאָק האָב איך געמוזט רעזיגנירן פון אַלעם, זעענדיק ווי מיין פאַנטאַזיע האָט מיך אָפּגענאַרט און פאַרפירט. מיט וואָס פאַר אַן עכט-רעליגיעזן עקסטאַז און דערהויבענער התלהבות האָב איך געהאַלטן אין איין אונטערברומען די ניי העברעיִשע ניגונים... ווי גליקלעך, ווי פריי מיר וועלן עס נאָך זיין דאָרט אין אונדזער אַלט-נייער היים.

און פּלוצלינג — באַץ!...

אומגעריכטערהייט, האָב איך דייטלעך און בולט דערזען, אַז איך מיט מיין גאַנצן קערפּער-געבוי, מיט מיין גאַנצן נערוון-סיסטעם בין פון דעם ווייט, כרחוק מזרח ממערב?... און אַ קאַלטער שוידער איז מיר דורך איבער אַלע מיינע אברים. די רעאַלע ווירקלעכקייט האָט מיך אין די אויגן געשטאָכן און איך האָב געמוזט אַליץ פאַר ליב אָננעמען... זעענדיק אין די דערפער, ביי פויערים, פאַרשידענע יידן אויף אַרבעט, האָב איך מיך אַליין געמוזט מודה זיין, אַז מיט אַזעלכע אַרבעטער וועט מען בשום אופן נישט קאָנען אויפבויען ווידער אונדזער אַמאָליק, שוין כמעט צוויי־טויזנט-יאָריק חרוב-געוואָרן לאַנד... איך האָב געפילט דייטלעך דאָס, ס'איז ווייט די צייט, ווען אַ דאַנק די איצטיקע אַרבעט אויפן לאַנד, צוזעענדיק די גוטע לאַנדווירטשאַפטלעכע פירונג פון דייטש, אַז דאָס וועט מיטהעלפן בכלל צו פּראָדוקטיווירן די יידן. דאָס וועט זיין דער בעדייטנסטער פאַקטאָר אין דער יידישער איבערשיכטונגס-אַרבעט.—ניין! האָב איך געטאָן קלערן ביי זיך

אויסער אפשר גאַר אַ קלייבער פּראָצענט, אַלס אויסנאַם, פון די ליטווישע און אוקראַינישע יידן, וועלכע זענען אַ ביסל פעיקער, און האָבן אַ גרויסע נייגונג אויסצולערנען און צו פּראַקטיצירן זיך ביי דערדאָזיקער באַשעפטיקונג. ווייטער זענען ס׳רוב גאַר קליינע בעלנים דאַרויף געווען.

דער ייד האָט זיך אויך דאָ באַצויגן צו דער אַרבעט ווי אויפדערוויַיל, בשעת־הדחק, בלית־ברירה — בעסער ראָמאַנסירן מיט אַ דייטשיש מיידל... מ׳האָט זיך נישט געמאַכט פון דעם קיין ווענן, וואָס מען שפּייט אונדז דערוואַקסענע מענטשן אין פּנים...

עס זענען געווען אויך אַזעלכע יידן, וועלכע האָבן זיך געהאַלטן גלייך מיטן רוס, מיט אַ געוויסן אייגענעם רוסישן שטאָלץ, אָבער אַזעלכע זענען געווען גאַר ווייניק און נישט לייכט האָט מען זיי געקאָנט באַמערקן, ווייל ס׳רוב האָבן זיי זיך פאַרשטעלט פאַר רוסן, תמיד זיך געפונען מיט זיי אין אינטימער חברותא... זייערע ליידן זענען געווען אויך זייערע ליידן און דאָס יידיש־דייטש האָט אים סיי ווי נישט געבראַכט קיין נוצן... ווייל אַזעלכער האָט בעסער פאַרנומען קלעפּ, איידער מיטן שונא אַ וואָרט צו וועקסלען... נישט עובר זייענדיק אויפן לא־תחמוד, הגם ער האָט פון דעם נאָכמער געליטן, ווי דער רוס מיט זיין גאַנץ־עגאַל שטימונג, ווייל ער האָט צו דעם נאָך גוט פאַרשטאַנען, די אמתע באַדייטונג פון די דייטשע זידלערייען.

דאָ אין דאָרף, האָט זיך די אַרבעט אָנגעהויבן, ווען ס׳איז נאָך גוט טונקל געווען. דער גלאָק האָט זיך צעקלונגען און אונדז אויפגעוועקט. גיך האָט מען אַריינגעכאַפּט דעם פרישטיק: אַ געדיכטע זופּ, געמישט מיט קאַרטאָפל און אַ קליין הערינגל צובייס, און אונטער דער באַגלייטונג פון אַ וואַכמאַן איז מען אַוועקגעגאַנגען צו די פאַרשידענע אַרבעט אויפן פעלד: ווי מיסטיקן די פעלדער, אַקערן און אַנדערע פויערישע פעלד־אַרבעטן.

די אַרבעט איז דורך אונדז טיכטיק אויסגעפירט געוואָרן, ווייל ס׳רוב זענען געווען פון באַרוף פעלד־אַרבעטער נאָך פון דערהיים.

מיטאָג האָט מען אָפּגערוט אַ קנאַפּע שעה צייט, דערנאָך

האָט זיך דערהערט דאָס קלינגען פון אַ האַלב-משוגענעם-דייטש, וואָס האָט צעוויסן געגעבן, אַז די אַרבעט גייט ווייטער.

עטלעכע זענען אַוועק פירן שטרוי פון פעלד, עטלעכע האָבן צוגעהאָלפן בײַ דער דרעש-מאַשין. אַנדערע האָבן אונטערגעשפּרייט שטרוי אין די שטאַלן פאַר די פערד, בהמות און חזירים. אַ סך האָבן געאַרבעט ווי די טרעגער, שלעפּנדיק גאַנצע טעג אויף די פּלייצעס קאַרטאָפל, בוראַקעס, וואַסער און וואָס מען האָט נאָר געדאַרפט. אַלע אַרבעטן זענען געוואָרן געטון בשלימות און אין אָוונט, נאָך דער אַרבעט, נאָכן וואַרעמס האָט מען צווישן זיך פאַרבראַכט מיט זכרונות, וועגן די אַמאָליקע גוטע צייטן אין רוסלאַנד און דערנאָך זיך געלייגט שלאָפן, אַביסל זיך אויסרוען.

איך בין אַלץ אַרומגעגאַנגען אַנטוישט און אומצופרידן...

די שווערע אַרבעטן האָבן מיך אָפּגעלייגט און דערצו נאָך דאָס נישט קאָנען זיך צונויפריידן מיט די אייגענע רוסן, וועלכע האָבן ערגעץ פון טיף רוסלאַנד מיטגעבראַכט זייערע פּרי-מיטיווע מיינונגען, זייער שנאה און חשד צו דעם יידן, וועלכן זיי האָבן געהאַלטן פאַרן שעיר-לעזאזל, אַלס הויפּט-שולדיקן פון זייער שלימזלדיקייט, ווייל ווען נישט די יידן, וואָלטן די דייטשן נישט געהאַט דעם דערפאָלג אין דער מלחמה...

און ווען מען האָט געפּרוווט בײַ אַ העפטיקער דיסקוסיע זיך צו פאַרטיידיקן אַלס ייד, האָט עס ווייניק וואָס געהאָלפן, מען איז תמיד בײַ זיי פאַרבליבן די אומגלויביקע און כיטרע, וועלכע קאָנען זיך אַרויסדרייען פון אַלץ, וואָס זענען נישט אַזוי אָפנהאַרציק ווי זיי, נישט דאָס וואָס עס ליגט אויף דער לונג איז אויף דער צונג. און צוליב דעם האָבן זיי נישט געקאָנט משיג זיין דאָס אומבאַגרייפלעכע פאַר זיי און מיט זעלבסט-נאַרעריי, מיינענדיק און איינרײדנדיק זיך, אַז נאָר זיי האָבן דעם לאָגישן שכל צו פאַר-שטיין אַלץ ריכטיק, ווייל די אמתע לאַגע האָט קיינער פון זיי נישט געלאָזט זיך דערקלערן און נישט געוואָלט וויסן. דאַריבער האָב איך זיך געפילט פאַרהאַסט אי בײַם רוס אין האַרצן אי בײַם דייטש, סתם אַזוי אָן אַ שום סיבה.

די דייטשן האָבן קאַלט און שטרענג זיך באַצויגן צו די

רוסן. פריער איידער זיי האָבן זיך מיט דעם רוס באַקענט אין דער ווירקלעכקייט, האָבן זיי אים פשוט געהאַלטן פאַר אַווילדן מענטשן און אַנדערש האָט גאָרנישט געקאָנט זיין, ווייל יעדעס דאָרף, יעדעס פּראָווינץ־שטעטל איז ממש פאַרוואָרפן, פאַרפלייצט געווען מיט פאַטריאָטישע צייטונגען און זשורנאַלן, וואָס האָבן געהעצט און געגאָסן פעך און שוועבל אויף די שונאימס קעפּ און מ׳האָט אין זיי פשוט געגלייבט ווי אין גאָט.

אַ קליינינקייט די דייטשן מיט זייער מערב קולטור!...

און מיר אַזיאַטן, געוויינטלעכע אַרבעטער, האָבן מיר זיך טאַקע באַצויגן צו זיי געהאָרכזאַם, געאַרבעט ביי זיי פאַר אַ פּאָר פעניק אַ טאָג, ווי די פערד, האַלב הונגעריקע און קוים געהאַט זאַט צו עסן.

ער, דער אַלטער דייטש, וואָס טויג אפילו נישט פאַרן רעזערוו, וועלכן מ׳האָט איבערגעלאָזט אין דאָרף ביי דער אַרבעט אינאיינעם מיט די דערוואַקסענע טעכטער און זיין פרוי, אָפּגע־לעבטע, אויסגעאַרבעטע מענטשן, זענען אַ גאַנצן טאָג אַרומגעגאַנ־גען אַרום די שטאַלן, געאַרבעט שווער און ביטער אַרום די קאַר־טאָפל, ביים דרעשן א. ד. גל. זעלטן האָט מען ערגעץ אָנגעטראָפן געזונטע, רויטע פּנימער. פון קינדוויייז אָן האָט מען געאַרבעט פאַרן גוטבאַזיצער. די פרוי נישט ווייניקער פאַרן מאַן האָט דאָס געזונט אָוועקגעשענקט פאַר דעם הער אייגנטימער.

מיט די געפאַנגענע זענען זיי אין באַרירונג נישט געקומען. זיך געהאַלטן פון אונדז ווייט, ווי פון מצורעים, ווי עס וואָלט אַ זינד געווען צו ריידן מיט אַ געפאַנגענעם, אַרויסווייזנדיק אָפּט זייער הייסן פאַטריאָטיזם מיטן פאַראַכטן אונדז.

און אַז דער זון, אָדער אַ ברודער איז אַ היים געקומען אויף אורלויב פון פראָנט, אויף עטלעכע וואָכן, איז ער גלייך אָנקומענדיק אין דאָרף, צוגעטרעטן צו דער אַרבעט און איז דערביי געווען באַשעפטיק די גאַנצע אורלויב־צייט ביזן אומקערן זיך צוריק צום פראָנט.

געפרייט האָבן זיי זיך נאָר דעם זונטאָגדיקן טאָג, ווען זיי זענען געווען פריי פון דער אַרבעט און טאַקע מיט לייב און

נשמה. מיט אַן אמת מקיים געווען דעם „ושמחת בחגך"... צוזאַמענקומענדיק זיך אין שענק, ווו אונטער די מוזיק פון אַ שפּיל־קאַסטן, וואָס האָט אויסגעשפּילט דעם שענסטן מאַרש, ווען מ'האָט אין אים אַריינגעוואָרפן דעם צען־פּעניק־שטיק, האָט מען זיך צעטאַנצט מיט די מיידלעך, וועלכע האָבן מיט געזאַנג באַגלייט די ניגונים. די פּנימער האָבן געפלאַמט און געשיינט פון שמחה אויף דער קאַנטע פון די נצחונות פונם מיליטער אויף אַלע פראָנטן.

נוטה־למותדיקע, אַלטע לייט, מענער און פרויען, אַלע האָבן מיט אַ קנאה־געפיל געקוקט אויף די גליקלעכע פּאַרטיידיקער פונם פאָטערלאַנד, מאַניפעסטירנדיק זייער אמתן עקסטאַז אַנטקעגן די שונאים די געפאַנגענע, וועלכע זיי האָבן באַטראַכט ווי פּאַרעטער און פוילע סאָלדאַטן, דאַדורך, וואָס זיי האָבן זיך אין אַזאַ ריזיקע צאָל געלאָזט אַ הער צו זיי עסן קאַרטאָפל און בוראַקעס.

טריומפירנדיק האָבן זיי שטאָלץ הויך אויפן קול אויסגערופן:

— מיר מוזן אַלעמען באַזיגן! אַלע וועלן אונטער אונדזער שאַרף ליגן!

און פאַרענדיקט מיטן מאַרש:

„דייטשלאַנד, דייטשלאַנד, איבער אַלעס" — איז מען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען אין די שטובן און גלייך אויפצומאָרגנס פּאַרטאָג איז מען מיט אַ פרישן כוח ווידער צוגעטרעטן צו דער אַרבעט.

צו זייערע אייגענע יידן האָבן זיך די דייטשן באַצויגן מיט אַ געוויסן רעספּעקט, ווייל ס'רוב זענען זיי געווען הענדלער און גרויסע סוחרים. שטילערהייט, אָבער, האָבן זיי געמורמלט: „אַלץ דורכן ייד ער שווינדלט, שאַכערט, דרייט זיך פון דער ערשטער סכנה ארויס", הגם אַ סך אייגענע יידן זענען געפאַלן אין זייערע רייען אויפן שלאַכט־פעלד. נאָר דאָס יידישע עשירות אין די שטעט אַרום, האָט זיי געשטאָכן אין די אויגן...

די אַרבעט אין הויף האָט אָנגעהאַלטן פון פינף פּאַרטאָגס, ביז ביין אַ זייגער אָוונט. פּונקט ווי אין פרידנס־צייט אין קאַזאַרמע ווו לויט אַ באַפעל פון דער מיליטערישע קאָמאַנדע, האָט יעדער געמוזט אין איין אויגנבליק זיין גרייט צום אָפּמאַרש.

אויך דאָ האָט יעדער געמוזט תיכּף פאַרלאָזן זיין געלעגער. ווען נאָר ס'האָט זיך צעבאַמבעלט דער גלאָק מיט זיין באָם—בים—באָם. אין די אויערן האָט געריטשעט ביז פאַרטעמפּט צו ווערן. איינס, צוויי און שוין האָט מען געמוזט אַוועק אין פעלד אָדער אין וואַלד, אויף אַרבעט.

מיר האָבן דאָרט פאַרבראַכט ביז מיטאָג, וועלכער האָט געדויערט נישט מער ווי איין שעה צייט, ווי אויך איצט נאָכן אָפּעסן האָט אונדז דער גלאָק צונויפגערופן. זיין קלונגען האָט אונדז קיין רו שוין נישט געגעבן, אַזוי ווייט, דאָס אפילו ביי ווערמען פון די געפאַנגענע עס איז קיין פיצל מוח נישט געווען, האָט ער אים דאָ באַקימען, ווייל דער ווייטאָק האָט אים דערצו געבראַכט.

צונעשמידט און צוגעקלעבט איז יעדער געווען צום אָרט און נישט געקאָנט זיך רירן, די הענט האָבן געבראָכן, נישט בכוח געווען זיי אויסצוציען און מיט זיי צו באַוועגן. די פיס האָבן זיך קוים געהאַלטן גלייך. יעדער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויף עטלעכע מינוט אָנגעלענט ביי די גרוי קאַלטע ווענט, אַבי אַ פאַרלייכטערונג צו האָבן, אַביסל פאַרגעניגן צו כאַפּן, יעדעס מינדסט ביינדל, האָט מען געשפּירט, טוט ווייי, און אין דער קעל איז ביי יעדן געווען טרוקן, ווי נאָכן טרינקן ריינעם ספּירט און דאָך איז מען ווייטער תיכּף צו דער אַרבעט אַוועק.

אפילו דאָס איינציקע ביסל שלאָף איז פון אונדז צוגערויבט געוואָרן. די בהמות האָבן מער רו געהאַט פאַר אונדז, און יעדער איינציקער האָט געקוקט אינם צווייטנס אויגן ווו די מאַטקייט האָט געשטאָכן און געשראָקן. נישט ראַזירטע, נישט אָפּגעשוירענע, נישט אָפּגעהיט ווי מען דאַרף די מענטשלעכע ריינקייט. און דערצו די אומנאַטירלעכע ליידנשאַפטלעכע נייגונג צום רייכערן, וואַס איז געווען ווי צו להכעיס נישט דערלויבט. דאָס אַלץ האָט דערהרגעט נאָך צום לעצט דאָס מענטשלעכע ביי אונדז.

די גרויזאַמע שטרענגקייט האָט מען געהאַט צו פאַרדאַנקען באָר דעם אָנפירער פון קאָנוואָי, דעם עלצטן וואַכמאַן, וועלכן מען האָט פאַרביטן אויף אַ צווייטן צוליב יענעמס צו מילדער באַציונג

צו אונדז געפאַנגענע, באַקומענדיק זיין פסק האָט ער געמוזט מיט אַ שווערן געמיט זיך צוריקקערן אין לאַגער.

ווען דער איצטיקער אָנפירער האָט איבערגענומען נאָך אים, די קאָמאַנדע, האָט ער באַלד צו אונדז גענומען אַרויסווייזן אַ טאָפּלטע שטרענגקייט. באַלד פון די ערשטע טעג פון זיין קעניגן איבער אונדז איז יעדערן שוואַרץ און פינסטער געוואָרן פאַר די אויגן. מענטשן, וועלכע האָבן איבערגעלאָזט אינדערהיים קינדער, באַלעבאַטים פון אייגענע נחלאות, גערטנער און פעלדער, קיינער איז פון אים נישט פאַרשוינט געבליבן, אַלעמען זענען די הערצער צעגאַנגען פאַר שרעק און פחד. מען האָט זיך צעוויינט ווי קליינע קינדער, נישט קאָנענדיק אַריבערטראָגן די ביטערע צרות. קיינער האָט ביי אים נישט אַרויסגערופן קיין פונק רחמנות, קיין שום געוויסנביסן, קיין חרטה. ער האָט יעדערן געשלאָגן ביז בלוט, אַז מ'האָט פאַר אים געציטערט, ווי פאַר אַ שד, ווי מען האָט אים צווישן אונדז גערופן.

אַ טיפּיש-געוועזענער פאַרברעכער פון פאַרן קריג, איז ער געשטאַנען מיט זיין לאַנגער רויכערדיקער ליולקע, ווי אויף שפּיל-קעס, אָדער מיטן פול-געפּאַקטן מויל קייענדיק שטיקער שוואַרצן קאָ-קאַין. געקייעט, געשפּיגן און געשפּריצט מיט שוואַרצן סאָס, קוקנדיק מיט זיין נאַרישע האַלב-לאַכעדיקע, האַלב-טרויעריקע, שטרענגע צורה. גרייט יעדן אייַנציקן איינצושלינגען און אויפצועסן.

„לאַוז! דאָנער וועטער! ניקס צו מאַכן!" דידאָזיקע ווערטער האָט ער געהאַלטן כסדר אין איין איבערחזרן אָן אַן אויפהער. געבענדיק צו פאַרשטיין על-פּי-געזעץ, ווי אַ ריכטער, טאַר וועלכן עס איז מסתמא שוין נישט איינמאָל געשטאַנען, אייַנטענהדיק, אַז יורידיש איז ער באַרעכטיקט מיט זיין שטרענגן פּייניקן, „ווייל עס קריג איזט!"

דער, וועלכער איז פון דער דייטשער טורמע באַפרייט געוואָרן און האָט אויפן געוויסן געהאַט גענוג מענטשלעך בלוט — אָט דעמדאָזיקן נפש האָט מען אָנפאַרטרויט עטלעכע צענדליק מענטשן: „טו מיט זיי, וואָס דו ווילסט". און ער האָט געלאַכט אַזוי הילכיק פון אַלעם הייליקן, אַז קוים האָט ער באַמערקט, ווי מיר ווערן

חלילה אַביסל הייטערער פון זיין איבערנאַטירלעכער לעכערלעכקייט. האָט ער פלוצלינג זיך צעשריגן ווי אַ צערייצטער וואָלף אויף זיין גראָבער שטימ: „פעסטער!“, אַז יעדער האָט ממש דערזען ברענענדיקע פונקען פאַר די אויגן.

די צעשעדיקטע פאַרזשאַווערטע דריימאַשין האָט דורכגעדרייט און צעמאָלן האַרטע שטיקער טרוקענע זאַלץ, אויף גאַנצע פודן קאַלי — קינסטלעכער קאַלך, כדי צו באַמיסטיקן מיט דעם די פעלדער, וואָס האָבן זיך דאָ געצויגן אויף לאַנגע ווערסטן. דער נוגש האָט געוואָלט דאָס זייניקע אויספירן, אַז וואָס מער מען וועט ביי איר אַרבעטן, אַלץ בעסער און מער וועט זי, די מאַשין באַווייזן אויסצומאָלן, האָט זיך אַרויסגעוויזן, ווי להכעיס, דווקא דער היפך...

ווי צוגעשמידטע גלמים איז מען רייען-ווייז געשטאַנען און געהאַלטן אין איין דרייען ביים ראָד פון דער מאַשין און עס האָט געקריצט, געגרילצט און פאַרטומלט דעם מוח מיטן פאַרשטאַנד.

אפילו צו די פאַרבליבענע ציוויל-געפאַנגענע פוילישע אַר־בעטער, מענער און פרויען, וועלכע זענען דאָ פאַרנומען געווען נאָך פון פאַר דער מלחמה ביי פעלד-אַרבעט, אויך צו זיי, האָט ער זיך באַצויגן מיט דער אייגענער אומברחמנותדיקייט און זיי געפייניקט, פאַרמיאוסט דאָס לעבן.

פרויען, זקנים און נאָך כמעט מינדעריאָריקע קינדער, אַלע זענען געווען ביי אים אין האַנט. און איבערגעשראָקן, פאַרציטערט און פחדניש, האָט איין געפאַנגענער געקוקט אויפן צווייטן מיט אַ ביטערן פראַגע צייכן אויפן פנים:

— וועט ער טאַקע, דער אכזר, אַלעמען אויסהרגענען?

אין אַזאַ מצב האָבן זיך, כמעט געפונען ס׳רוב געפאַנ־גענע אין די אַרבעטס-קאָמאַנדעס.

ווער עס האָט נישט געקאָנט אַריבערטראָגן די משא פון דער אוממענטשלעכער אַרבעט, איז געוואָרן אַ צעבראָכענער שאַרבן וואָס האָט געהאַט די זכיה איבערגעפירט צו ווערן אינם לאַזאַרעט, פאַרעכנט צו ווערן אַלס איינער פון אינוואַלידן באַראַק, אַלס אומ־פעיקער צו יעטוועדער אַרבעט.

און ווען איינער אַ מער ענערגישער און דרייסטערער, וועלכן די פּאַנטאַזיע האָט פאַרפירט, אַז ער זאָל פּרווון אַוועקלויפן ביז האַרט היגטערן פראָנט. און אויף אַזאַ אויפן פּטור ווערן פונעם געפאַנגענשאַפט-גיהנום און אפשר אויך זיך קאָנען דערשלאָגן צו זיינע אייגענע, אויף דער צווייטער זייט גרענעץ — האָט ער זיך תּמיד שרעקלעך אָנגעווישט.

ס'רוב אַנטלאָפענע, נאָך עטלעכע טעג אַרומוואַלגערן זיך אין די וועלדער, ווו זיי זענען ביי טאָג געלעגן באַהאַלטן ערגעץ אין די געדיכטע קשאַקעס, אין אָוונט געוואַנדערט אַליין, נישט צו וויסן וווהין. — דערנערט זיך פון קאַרטאָפל און רויע אומצייטיקע פרוכטן — זענען סוף-כל-סוף סיי ווי סיי באַמערקט געוואָרן און געבראַכט געוואָרן צוריק אין לאַגער, ווו דער לייטענאַנט אָסמאַן האָט זיי דורכגעפירט פאַר אַלעמען מיט טריומף און אויסגערופן:

— הענגען!

דאָס האָט פאַר דער וואָך באַדייט: צובינדן אים מיט די הענט אַ הינטער איבער די אַקסלען, מיט פאַרקרעמפּעוועטע פיס, הויך צו אַ בוים. און אַזוי הענגענדיק, ווי אַ געקרייצטער שעהנלאַנג, ביז ער איז געוואָרן בלוי ווי אַ מילץ. און ס'רוב זענען פון שרעק און יסורים געבליבן אויך אַ חולה נופל. ערשט דאַמאָלט איז ער אַרונטערגענומען געוואָרן.

בעת די הייסע זומער-חדשים, האָט מען אויך אין די זונטאָגס נעמוזט אַרבעטן האַלבע טעג, פאַרשווענדיק די רעליגיעזע געפילן פון די רוסישע געפאַנגענע.

און מענטשן אויסערלעך הויך וווקסיקע, ווי די סאָסנאָווע ביימער, ברייטע, פונקט ווי די רוסישע נאַטור, האָבן זיך געזעצט אין די חגאס און אין די פרייע צייט, וואָס מ'האָט ווען ס'איז שוין יאָ געהאַט, אויף די בענקלעך אַרום דעם טיש און שטילשווייגנדיקע מיט געבויגענע קעפּ זיך פאַרטיפט אין די אייגענע אומעטיקע רעיונות און דורך טרויערדיקע לאַנג צעצויגענע מאַנאָטאָנע מעלאָדיעס האָט מען די געפילן פון האַרץ אויסגעדריקט.

מ'האָט געזונגען „וואָלגאַ וואָלגאַ, מאַט ראָדנאַיאַ!", אָבער „טאָסקאַ טאָסקאַ דושאַ". אויך פאַרשידענע רעליגיעזע תּפילות ווי „כריסטאָס וואָסקרעס" א. א. וו.

דאָס אַלץ האָט זיך אויסגעגאָסן אינדערצייט, ווען ס'האָט געהערשט אַ טויטשטילקייט פון צעביילטע און צעקיילטע שלימזל־דיקע אומבאַהאָלפענע ווילנסלאָזע מענטשן, וועלכע די צרות האָבן געבראַכט צו דער אַלגעמיינער ליבע.

די געגועי הנשמה זענען ביי אַלעמען אַנטפּלעקט געוואָרן אין דער שענסטער פּראַכט — אַ מחילה־שטימונג האָט געהערשט אפילו צום שונא,—און אָט אַזאַ צייט האָט די שכינה דאָ גערוט.

ס'האָט זיך אויסגעוויזן, ווי מ'וואָלט זיך געפונען אין אַ הייליקן אָרט, אין אַ צערקווע, ווו די תפילות ווערן אָפּגעריכט פון בלויז אמתע הייליקע מענטשן.

נאָר דאָס שטיקל געמיטס־פאַרגעניגן איז אונדז געשטערט געוואָרן דורכן פלוצלינגען אריינלויפן פון שד מיטן משוגהדיקן אויסגעשריי: „שלאָפן גיין! ראַש, ראַש!“ — דאָס האָט אַלעמען אויפגעטרייסלט און מוזנדיק זיין באַפעל אויספירן האָט מען ליגנ־דיק אויפן געלעגער זיך דערמאָנט, ווי גוט און ווי וויל איז יעדן געווען אינדערהיים. און אפילו דערנאָך אָנקומענדיק אין מיליטער, ווו עס איז נישט געווען איבעריק פריילעך, בפרט נאָך די ערשטע צוועלף חדשים, און פאָרט איז נישט געווען גאָר אַזוי שלעכט

וואָס האָט דען געפעלט?

עסן איז געווען לרוב: גוטע מאַקאַראָנען־זופּן—יעדן זונטאָג, און די פעטע קאַשעס מיט שטיקער חזיר־פלייש, טאָג־טעגלעך.

צוליב לאַנגווייליקייט האָט מען דערנאָך שוין אַלס אַלטער סאָלדאַט, ווען מען האָט שוין געהאַט געדינט איבער אַ יאָר, האָט מען די צייט פאַרברענגט אין פאַרשידענע שטיפעריייען ווי קליינע קינדער.

זונטאָג האָט מען זיך געוויילט מיט די פריילעכע רוסישע טענץ, וואַרפנדיק זיך ווי אַ מאַלפּע, אַראָפּ און אַרויף אונטער די פריילעכע קלאַנגען פון אַ האַרמאָניק—אַזוי לעבעדיק און זאָרגלאָז איז מען געווען.

נאָר אין דער סאָלדאַטן־היים, האָט געקאָנט אַ מענטש אַזוי רויק זיך איינאָרדנען, ווען יעדע פּאַסירונג אויסער דער

קאַזאַרמע איז קיינעם נישט אָנגעגאַנגען. אָבער היינט איז מען עפּעס אַזוי ערנסט געשטימט, אַזוי שטרענג איינגעהאַלטן, מ׳האָט זיך לגמרי אָפּגעוויינט פון די געמיינע רוסישע זידל-ווערטער, וואָס גייען אַרום אין מיליטער-דינסט.

איינגעשלאָפן איז מען ס׳רוב אונטערן געפּלוידער פון כּל-ערליי מעשהלעך, קינדערישע זכרונות און פאַנטאַזיעס. און איינ-טולענדיק זיך אין די קאָלדרע, איז מען דערנאָך, שווער און אומ-רויִק אַנדרימלט געוואָרן.

* *
*

איך בין לאַנג געלעגן וואַכעדיק און בשום אופן נישט גע-קאָנט אַנטשלאָפן ווערן, הגם איך בין געווען מ׳ד און אויסגע-שעפּט פון די כּוחות. עפּעס האָב איך זיך דאָ געפילט, ווי אַן איבריקער, לחלוטין אַן אומנוצלעכער איינגאַנצן.

צוואָס מיין פּייניקן זיך דאָ? האָב איך זיך נישט איינמאָל איבערגעפרעגט אַ פאַרצווייפלטער.

אַלע טראַכטן זיך: אַ ייד און אַזאַ נאַר. אַזאַ שלימזל, אַזאַ לא יצלח. אי די רוסן, די קאַזאַרמע-ברידער באַהאַנדלען מיך ווי אַ שטיפברודער. איך בין דאָך נישט קיין פראַוואָסלאַוונער, אי די דייטשן האָבן צו מיר נישט קיין צוטרוי — אַ רוסישער ייד.

ווען צו מיר האָט דערגרייכט אַ גוטע בשורה, דאָס איז געווען, ווען איך האָב באַקומען אַ בריוו פון מיין מוטער, דאַן האָט זיך מיין פּנים צערויטלט פון איבעראַשונג און אינסטינקטיוו האָב איך מיך געלאָזט לויפן צום ערשטן בעסטן זעלנער, וועמען איך האָב חושד געווען, אַז ער פאַרשטייט מיך און מיט אים זיך געוואָלט טיילן מיין שמחה. יענער אָבער, אַ פאַרביטערטער און עלנטער האָט מיך קאַלט אויפגענומען און מיך ווי אָפּגעגאָסן מיט אַן עמער קאַלט וואַסער.

איך בין פון יעדערן אַוועק אַ דערשלאָגענער.

און ווי שלעכט איך האָב מיך געפילט, ווי דערנידעריקט

איך בין געוואָרן צוליב מיין אומבאַהאָלפנקייט, האָב איך דאָך נישט געקאָנט באַווייזן מיין גרייטקייט זיך צו ענדערן.

עפּעס האָט זיך מיר געדאַכט, די נישט מעגלעכקייט צו באַגיין זעלבסטמאָרד מיין געוויסן צו דערהרגענען, צוזעענדיק כסדר עוולות און אומגערעכטיקייטן.

און אַזוי האָב איך מיך געוואַלגערט אויפן געלעגער גאַנצע נעכט, אַ פאַרטומלטער, אַ פאַרביטערטער און קיינעם נישט גע־האַט אַרום זיך צו טיילן מיט מיין איינזאַמקייט און צוקוקנדיק אויף די אַלע באַגאַנגענע אכזריותן און נידערטרעכטיקייטן, איז מיר געבליבן נאָר צו פאַרבייסן די ליפּן און שווייגן.

און אָט, אין דידאָזיקע פאַרצווייפלטע קראַמפּן, האָב איך מיך עפּעס אַזוי באַענט געפונען צו דעם אויבערשטן. איך האָב צו איב גערעדט פּה אל פּה און דייטלעך געשפּירט, ווי ער הערט זיך צו צו מיר.

און ווען אויך דאָס איז נאָר אַ טעות? טאָ, ווי וואָלט איך געווען בכוח אַלץ איבערצוטראָגן?

איך, דער וואָס האָט געזוכט גאָט מיטן פאַרשטאַנד, וואָס האָט געוואָלט מיטן שכל דערקענען זיין גרויסקייט, איז געבראַכט געוואָרן צו אַזאַ אומבארחמנותדיקן, אומאויסגענגלעכן שווערן מצב, אַז איך האָב מיט מיין יסורים־פולן צעווייטיקט האַרץ אים געפילט איבער מיר, ממש אים געזען בחוש.

ווען נישט ? איז מיין לעבן גאָרנישט און גאָרנישט.

דידאָזיקע געדאַנקען האָבן מיר געגעבן דעם ווייטערדיקן כוח, איבערצוטראָגן מיינע ווייטערדיקע ליידן.

און ווי אַ פאַרברעכער, וועלכער זיצט אָפּ זיין שטראָף אין אַ קליינעם ענגן איינצל־קאַמער, דרייט זיך גאַנצע טעג אַרויף און אַראָפּ און האַלט זיך כסדר אין איין מתוודה זיין, אין איין איבערקויקן און איבערנישטערן זיינע פעלערן. אַזוי האָב איך איבערגעבלעטערט אין מיינע געדאַנקען, מיינע איבערגעלעבטע טעג און שעהן.

לסוף קלאַפּנדיק זיך אין האַרצן על־חטא מיט אמתער

השתפכות-הנפש בין איך איינגעשלאָפן ערשט דאַמאָלט, ווען אַ סך אַנדערע געפאַנגענע זענען געלעגן שוין האַלב איבערגעוועקט און געציטערט פאַרן מאָרגן-גלאָק.

דורך די שויבן-פענסטער האָט שוין אַריינגעלויכטן דער ערשטער בלאַסער שיין פון פרימאָרגן.

אויפצומאָרגנס בין איך אויפגעשטאַנען אַ צעבראָכענער, אַן אָנגעשטרענגטער אין געגאַנגען צו דער אַרבעט אַ פאַרטויבטער.

עפעס האָט ווי געזשומעט אין מיינע אויערן. נישט קלער! נישט טראַכט! אַרבעט, נאָר אַרבעט!

ווער ס׳זאָל נישט זיין, אָבער מענטשן ווערן עס זיכער פאַרשאַפן נוצן. אַזעלכע שווערע אַרבעטן, וואָס ווערן דאָ געמאַכט, קאָנען אומזיסט נישט פאַרלוירן גיין. בפרט נאָך אין דער געפאַנגענשאַפט אויף די פלייצעס פון פרעמדע פעלקער, אונטערן יאָך פון טויט-שרעק. פון געהאָרכזאַמער אונטערטעניקייט, וואָס וועט באַשטימט זיין צום גליק און צום וווילזיין פון הערשנדיקן פאָלק.

צענדליקער יאָרן האָט מען געמוזט וואַרטן אויף דער גרויזאמער מלחמה צו קאָנען אַזוי לייכט ריזיקירן מיט מענטשן-לעבנס כדי צו באַווייזן אויסצוטריקענען, וויאָרכטן-לאַנגע זומפן, אָנצולאַדעווען שיפן ביי די גרעסטע געפאַרן און לעבנס-איינשטעלענישן פאַר די געפאַנגענע.

און לסוף איינמאָל ווענדיק זיך דאָ ראַטעווען צוליבן פחד פאַר דעם דראָענדיקע געפערלעכן אויסגאַנג פאַר מיר, האָט עס מיך פאָרט באַוויגן צו מעלדן אין דער קאָמענדאַטור פון לאַגער, דאָרט אויפמערקזאַם צו מאַכן אויף די אכזריותן פונם שד פון וועלכן די קאָמענדאַטור איז, אין גרונד גענומען דווקא צופרידן.

אָבער ער האָט שוין געהאַט צופיל אַריבערגעכאַפט די מאָס. דאָס געדולד האָט גענומען פלאַצן און טאַקע אין אַ שיינעם טאָג איז אָנגעקומען פלוצלינג פון לאַגער אַהערגעשיקט אַ לייטענאַנט מיטן נאָמען: פאָן דעגאָלף.

אין אַן אויסגעשטעלטע רייע האָט ער אונדז מיט אַ שטרענגן בליק געטון אויפנעמען פרעגנדיק אַ וואַכמאַן, ווי די אַרבעט גייט צו.

און נישט אויסהערנדיק רעכט דעם ענטפער פון אים, האָט ער זיך צעשריגן הויך און רוישיק:

איך, איך! דער אמתער סאָציאַל-דעמאָקראַט פון דער יוגנט אָן בין נישט קיין בומלער, כ'בין ווייטער דער פרייהייטס קעמפער ווי תמיד — נאָר אָנפירן מיט אַ שטרייק! — דאָס נישט!

ס'האָט זיך געהערט רייד פון שטראָף אַנטקעגן אונדז. האָסטיק ווי אַ ווינד-מיל האָט ער געשיט מיט פראַזן געמישט מיט ווערטער, ווי: בעטלער, דאָנער וועטער נאָכאַמאָל, מען וועט אייך איינשפּאַרן, איינזעצן, פינסטער וועט אייך נאָך זיין אין ווייטערדיקן לעבן.

די גוטבאַזיצערין, בכבודה ובעצמה, די עלעגאַנטע אַלמנה, די גרעפין פאָן שווערין, אָנגעלענט מיט איר שלאַנקן קערפּער אָן איר באַגלייטערין, וועלכע איז אויך געווען אַ ראַטגעבערין (די שליסל באַזיצערין פון איר גאַנץ פאַרמעגן), אַ דעליקאַטע אינטעליגענטע אַלטע פריילין, צוזאַמען האָבן זיי אַרויסגעוויזן פאַר אונדז זער ערנסט געשטימטע פנימער.

אָבער צום סוף פון לייטענאַנטס רייד האָט זיך אין זיי באַמערקט אַ באַהאַלטענער שמייכל פון צופרידנקייט.

געזעגנט זיך מיט אונדז האָט ער מיט אַ פּזמון, אַז אָט אָט ווערן מיר אָפּגעלאָזט אַ היים, ווייל צום קריג איז שוין דער סוף, העכסטנס אייניקע חדשים און מיר וועלן אַ היים פאָרן און קומענדיק צו זיך אַ היים, יעדער אין זיין דאָרף אויף זיין נחלה וועט מען פאַר די יעצטיקע ארבעט דאַנקבאַר זיין, ווייל דאָ אין געפאַנגען-לאַגער איז יעדערן געפאַנגענעם געגעבן געוואָרן די מעגלעכקייט צו דערלערנען זיך ערד-אַרבעט, ווי נאָר דאָ אין דייטשלאַנד קאָן מען דאָס באַצוועקן און נישט אין אַלט-פרענקישן רוסלאַנד מיט די אָפּגעשטאַנענע קולטור.

מיט אַ פּאָר שעה שפּעטער האָט דער ספּעציעלער טויטנגלאָק פונם גוט, וואָס איז געשטאַנען נאָכן קבר פון אַהער אַראָפּגעבראַכטן זעליקן מאַן, ווי יעדן שבת-צונאַכטס ביים ענדיקן די וואָך אַרבעט, אויך הייגט זיך צעקלונגען אויף עטלעכע מינוט און די גרעפין מיט אירע קינדער האָבן אָפּגעריכט זייער שטענדיקן

„גאָטעסדינסט" ביי אַן אַלגעמיינער שטילקייט. די פויערים פונם אַרומיקן דאָרף האָבן די היטלען אַראָפּגענומען און נאָך אַ קורץ געבעט זיך מיט תמימות איבערגעצלמט.

דאָס זענען געווען די עטלעכע מינוטן ווען די אַרבעט איז געוואָרן אָפּגעשטעלט, אַלס דאַנק פאַרן לייטענאַנט, פאַר זיין גע־רעכטן פּסק־דין.

אונדז האָט מען אויך פאַר דעם ספּעציעל פאַרגיטיקט מיט אַ פייגעם געשמאַקן מיטאָג און עטלעכע שעה אָפּרו.

— — — — — — — — — — — — — —

ווען איך בין אַרויס פון שטוב אין טונקעלן אָוונט־צייט, האָב איך אינסטינקטיוו דערפילט עפּעס אומהיימלעכס, איך האָב אַ שלעכט פאָרגעפיל באַקומען.

פּיוו... פּיוו... האָב איך דערהערט האַרט נעבן מיר און אַ רויך האָט מיר פאַרבלענדט די אויגן.

איך בין מאָמענטאַל ווי צעמישט געוואָרן און דאָס בלויז איז מיר פאַרשטאַרט געבליבן, דערהערנדיק די שאָסן, וואָס זענען נעבן מיר געפאַלן.

איך האָב דערויף באַלד רעאַגירט מיט אַ הילכיקן אוממענטש־לעכן אויסגעשריי פון דער קעל, און בין גלייך געפאַלן אין חלשות.

# אין לאַזאַרעט

צוליינגדיק אַביסל קאַלט וואַסער איז מיר אַביסל לייכטער געוואָרן און ווי געווייטלעך אין אַ פיבער צושטאַנד, האָבן די געדאַנקען ביי מיר געהאַלטן אין איין טאַנצן.

דאָס לשון די שפּראַך, האָב איך געהאַט פאַרלוירן.

איך וויל, איך גאַר רעדן און קאָן נישט. איך ווער נאָך מער איבערגעשראָקן.

איך זע פאַר מיר דאָקטוירים זיך דרייען אין ווייסע כאַלאַטן און פאַרשטאַנען, אַז מסתמא בין איך דאָס אין לאַזאַרעט.

אַז דער ערשטער נאָרמאַלער, וואַכער געדאַנק האָט זיך מיר אויסגעלייטערט, ווען די היץ האָט אָפּגעלאָזט, הגם אַביסל צו לאַנגזאַם, צו פּאַמעלעך, האָב איך די שפּראַך צוריק באַקומען און אָנגעהויבן זיך לייכטער צו פילן, האָב איך מיר די ערשטע פראַגע געשטעלט: האַ? וואָס טוט זיך עס אויף דער וועלט?

דורכגעלעבט די צייט אויפן פראָנט, אינם לאַגער, אויף דער אַרבעט, זענען מיר טויזנטער פראַגן געקומען אין קאָפּ אַריין, אויף וועלכע איך האָב זעלטן ווען געקאָנט באַקומען אַ געהעריקן ענטפער. און איצט האָב איך מיר קלאָר געגומען דערמאָנען אין אַלעם. עפּעס האָט זיך וואָס ווייטער אַרויסגעוויזן פאַר מיר בולט מיין נישטיקייט, מיין מאַכטלאָזיקייט און מיין אומבאַהאָלפנקייט.

וואָס קומט דאָ פאָר? וואָס פאַר אַ נוצן וועט עס די מענטשהייט האָבן פון דעם סוף קריג?

די מורא, דער פּחד, באַוועגט מענטשן זיך צו פאַרייניקן און ווערן הפקר ווי פליגן.

זייענדיק אויפן שלאַכטפעלד, אין דער אָקאָפּע, ווו מען איז יעדער מינוט אונטערגעוואָרפן געווען דעם טויט, דערהרגעט און צעריסן צו ווערן פון די שטיקער סנאַראַדן, וואָס זענען אַריבערגעשליידערט געוואָרן פונם פיינט, מיטרייסנדיק און פאַרשיטנדיק אַלץ און אַלעם מיט זאַמד, בלוט און קויט... דאַן האָט זיך נישט איינמאָל געדאַכט, אַז אַ באַרג קייקלט זיך הינטער אונדזער רוקן און מען מוז מיט כּל אמצי־כּוחות. וואָס גיכער און וואָס ווייטער, ווי די קונצנמאַכערס זיך דרייען און קוילערן אין לופט־קאַזשאַלקעס, וואַרפן זיך איינס איבערן אַנדערן, פּיס איבער קאָפּ און קאָפּ איבער פּיס אינאיינעם מיט ערד, קלעצער און שטויב.

אַזוי קייקלט מען זיך פון איין קאַטאַסטראָפע אַריבער אין דער צווייטער, מיט פאַרקלעבטע ליפּן, פאַרשמירטע און פאַרשפּריצטע אויגן, און אַז מען פאַלט אַוועק שלאָפן, ליגט מען ווי דער־הרגעט. ווען מען רייסט זיך אויף פון געלעגער גלייבט מען נישט די אייגענע אויגן און מען קוקט זיך אַרום ערשטוינטע. צי לעבט מען באמת נאָך? נאָך איז מען נישט געהרגעט?! און מען באַטראַכט זיך, ווי אויפגעשטאַנענע תּחית־המתים.

אָפט, ווי אַראָפּפאַלנדיקע שטערן פון הימל, האָט דער פיינט אונדז באַוואָרפן מיט פייער־ראַקעטן און אונטערן רעפלעקס־אָפּשיין פון דער דורכבליצנדיקער באַלייכטונג, האָבן די פינסטערע פּנימער אָפּגעשפּיגלט זיך ווי גיהנום שאָטנס, אָדער ווי די געשטאַלטן פון פאַרפינסטערטע מכשפות.

און אינדערצייט פון די גרויסע פּאָכאָדן, ווען מען האָט זיך געפונען אין וועג, ווו אָפט איז אונדז אויסגעקומען אין כּסדרדיקן סטאַדיום פון שלאָפלאָזיקייט און מידיקייט זיך אַריינצווואַרפן אין די פריערישע סטאַדאָלעס אויף די האַרטע ערד כאַפּן אַ מינוט רו. לסוף האָט מען גראַד אָנגעטראָפן אין שטאַלן פון בהמות. מען האָט זיך אַנידערגעוואָרפן און צוליבן דורכגעווייקט ווערן פון באַסן שטינקענדיקן בהמות צואה, האָט מען שוין נישט געקאָנט שלאָפן, ווייל מ'איז שוין געווען פאַרנומען מיטן רייניקן די בגדים

פון שמוץ און דער שלאָף איז פון זיך זעלבסט שוין פאַרגאַנגען פונקט, ווי עס טרעפט, אַז אַ פאַרהאַלשטער מענטש דערפילט זיך דערמונטערט פון זיך זעלבסט.

און פאַר וואָס עפּעס? בעת אַן עדה פון טויזנטער מענטשן געפינט זיך אויפן הוילן, נאַקעטן פעלד, נישט געפינענדיק קיין ווינקל, וווּ זיך צו באַהאַלטן פון דעם גיהנום־פייער, וואָס רעגנט אויף זיי — עס קומט אַ צעמישונג, אַ צעטומלעניש. יעדער זוכט זיך צו ראַטעווען. עס דערוועקט זיך דעמאָלט ביי יעדערן אינסטינקטיוו דער שטאַרקסטער באַגער, ממש אַן איבערנאַטירלעכער רצון, וואָס געשווינטער ביצול צו ווערן פון דער מיתה־משונה און וואָס זיכערער צו אַנטרינען פון דער סכּנה און צו בלייבן לעבן. מען לויפט אין איין אָטעם איבער שטיינער, וואַסערן, איינער איבערן אַנדערן, ווען אפילו אַ סך פאַלן און בלייבן שוין ליגן אויף תּמיד.

מען לויפט, נישט אומקוקנדיק זיך, ווי אַ צערייצטע חיה און מען רייסט זיך אַרויסצוראַטעווען וואָס גיכער, מיט אימפּעט, מיט האַסטיקייט.

און — אין איין שעה שפּעטער.

עפּעס האָט מען שוין ווי פאַרגעסן אין אַלעם, וואָס מען האָט איבערגעלעבט, ווי עס וואָלט גאָר קיין שום זכר נישט איבערגעבליבן אין מוח. צו וואָס מענטשן קאָנען אַלץ קומען?

מענטשן — און פאָרט נישט קיין מענטשן, נאָר פּשוטע ערד־באַשעפענישן, הונגעריקע שוצלאָזע, באַפּאַנצערט דאָס לייב מיט מיליאָנען טריליאָנען קליינע ווערעמלעך, וואָס גיבן נישט קיין מנוחה דעם אויסגעפּלאָגטן, אויסגעדאַרטן קערפּער, אפילו דעמאָלט, ווען מען באַקומט שוין אַ מינוט צייט אויסצורוען זיך אַביסל.

אין אַזאַ מין צושטאַנד קאָן מען זיך געפינען חדשים, יאָרן און גאָרנישט. עס דערוועקט זיך נישט דער געטלעכער פונק אויסצושרייען:

גאָטס מענטשן! צי וואָס די מחלוקתן? לאָמיר דורכקומען מיט גוטן!

יעדער מענטש איז אַ וועלט פאַר זיך.

וויפיל זיסע חלומות, האָפענונגען און דערוואַרטונגען לייגט

יעדער מענטש אָפּ אויפן סוף מלחמה, ווען אַן עק וועט געמען צו אלע יסורים און גליקלעך, צעפּרידן וועט מען זיך צוריק־קערן צו דער פרוי און קינדער, צו די עלטערן און משפחה, האלדזן זיך און קושן.

אָבער איך בין פאַרבליבן ביי מיינע נישט פאַרענטפערטע קשיות, דריקנדיק אין האַרצן טיף די ווייטאָקן, וואָס זיי האָבן מיר פאַרשאַפט.

אויסשרייבנדיק זיך פונם לאַזאַרעט ארום פּסח־צייט, ווען די זון האָט אירע ערשטע פרילינגס שטראַלן אַראָפּגעשיקט אזוי ליב און וואַרעם אַלעמען אַנטקעגן, האָב איך טיף עפּעס געפילט, אַז פאַר מיר דווקא איז זי אַ להכעיסניצע.

מיר איז אַזוי קאַלט אויפן האַרץ. איך בין אַזוי מוטלאָז, אַזוי געפאַלן ביי זיך, נישט פאַר מיר איז דאָס לעבן — ניין! איך גיי צום גרוגד...

די יידן האָבן באַקומען אַ באַזונדערע פּסחדיקע, כשרע קיך. נאָך די דייטשע זופּן, וואָס האָבן בלויז צערייצט און אָנגעבלאָזן די קישקעס, איז עס ממש געווען אַן איבעראַשונג און אַ טאָפּלטער תענוג. מיט גרויס אַפּעטיט האָבן אַלע געגעסן די געשמאַקע מאכלים און די גוטע געריכטן, וואָס וועגן זיי האָט מען אַ קיי־לעכדיק יאָר נישט געקאָנט חלומען אפילו,—עסן איבער די זעט! אַלעמען האָט באַהערשט אַ פריילעכקייט, זיצנדיק אין דער איינגע־אָרדנטער לאַגער־שול ביי אַ געדעקטן טיש, עסנדיק און בענטשנ־דיק אינאיינעם.

נאָר איך איינער האָב זיך צווישן אַלעמען געפילט עפּעס פאַראייגזאַמט, פאַרוואָס בין איך אַנדערש ווי די גאַנצע וועלט? פאַרוואָס איז יעדער אַרום מיר ווי עס איז צעפרידן און איך פּייניק מיך כסדר? און נישט איינמאָל ביים טראַכטן האָבן מיך געשטיקט די טרערן אין האַלדז.

באַקומענדיק אַ ידיעה, אַז פון לאַגער בין איך ווידער צו־ריק באַשטימט געוואָרן אין דער פריערדיקער „קאָמענדע" אונטער די השגחה פונם שד, האָב איך גלייך דערשפּירט, ווי דער מלאך־המות שוועבט איבער מיר און פאָכעט מיט זיין בלאַנקער שווערט.

אַנדערש האָב איך דעמאָלט נישט געקאָנט אויסטייטשן דעם ביטערן באַפעל. און מיטן גלויבן אין האַרצן, אומבאַוווּסטן שרעק, אומקלאָרקייט, תהו-ובוהו אין מוח, האָב איך אָפּגעוואַרט דעם פּסק פון מיין נישטיק לעבן.

— — — — — — — — — — — — — — — —

אויפצומאָרגנס אָבער, אַ האַלבע שעה פאַרן אָפּפאָרן מיט דער באַן, בין איך אָפּגעהאַלטן געוואָרן און מען האָט מיך צוריק־געלאָזט אין לאַזאַרעט, לויט דער רעקאָמענדאַציע פון אַ דייטשן אונטער אָפיציר, אַ דר. פילאָזאָפיע, וועלכער האָט זיך מיט מיר באַקענט אין דער צווישן צייט פון מיין ליגן אינם לאַזאַרעט.

עפּעס האָב איך דערפילט איבער זיך דאָס אויג פון דער השגחה.

דער דערמאָנטער דר., זייער אַ סימפּאַטישער יונגערמאַן, אַ טיפער שפּראַך־פאָרשער. ער האָט געקענט: ענגליש, פראַנצויזיש, דייטש, איטאַליעניש און אויך די סלאַווישע שפּראַכן, לויפיק גע־רעדט און געשריבן אויף זיי. אַ חוץ דעם האָט ער זיך אויסגע־צייכנט מיט זיין קאָנען גוט כינעזיש, זייענדיק אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון אַ כינעזישער צייטונג, וואָס איז דערשינען אין בערלין און געדינט דעם פאָטערלאַנדס־אינטערעסן.

דייטשלאַנד מיט איר אַלזייטיקער גרויספּאָליטיק, האָט אירע ייִנגעלייט געלאָזט שטודירן אַלע וועלט לשונות און וויסנשאַפטן, זיי געגעבן די מעגלעכקייטן זיך צו אַנטוויקלען אויף אַלע געביטן כדי צו דינען דעם פאָטערלאַנד מיט אַלע זייערע פיזישע און אינטעלעקטועלע כוחות.

אַזוי האָט מען אינם יעצטיקן קריטישן מאָמענט געוווּסט אָפּצושאַצן דעם נוצן פון אַ פעיקן ביבליאָטעקאַר פון בערלין, אַ באַגאַבטן און געלערנטן מענטשן, וועלכער האָט געקענט עטלעכע אייראָפּעישע שפּראַכן און מען האָט אים איבערגעלאָזט דאָ אין לאַזאַרעט, כדי צו פראַקטיצירן אַלס מעדיצינער און אגב צו קאָנען דינען אַלס איבערזעצער ביי די רוסישע אָפיצירן און דאָקטוירים.

דאָ אינם לאַזאַרעט, וואָס האָט זיך געפונען אַנטקעגן דעם לאַגער, אין באַראַק באַזונדערע אָפּגעצוימטע, ווהין מ׳האָט געקאָנט

אַרייַנקומען נאָר דורך אַ שמאָלן טויער. אָנקלינגענדיק פריער פון דרויסן, האָט דער וואַכמאַן געעפנט און אַרייַנגעלאָזט די געקומענע קראַנקע פון די אַרבעטס־קאָמענדעס צום דאָקטאָר אין דער באַזונדערער שטוב אינעם „אָקלאָדאָק“.

ווער עס איז געווען גוט קראַנק, האָט מען איבערגעלאָזט אינעם לאַזאַרעט און אַנדערע פאַרשריבן עטלעכע טעג אָפּרו. ס׳רוב אָבער צוריקגעשיקט אויף דער אַרבעטס־קאָמענדע.

ביים אַרייַנקומען, רעכטס, אין אַ נידעריקן באַראַק האָט זיך געפונען דער אונטער־אָפיצירן־באַראַק, וווּ יעדער אַרייַנקומענדיקער אינעם לאַזאַרעט, אַ דייטש צי אַ רוס, האָט זיך געמעלדן און דאַן ערשט לויטן באַפעל געגאַנגען ווייטער.

דאָ אָט, ביי די נידעריקע פענסטערלעך, בין איך געזעסן טאָג־טעגלעך אַלס איבערזעצער ביי די רוסן. יעדן פרימאָרגן אַרום עלף אַ זייגער, ווען דער דייטשער שטאַב־דאָקטאָר איז געקומען, איז ער אין דער באַגלייטונג פון נאָך אַ דייטשן און רוסישן דאָקטאָר, אַ רוסישער פעלדשער, מיט אַ דייטשן סאַניטעטס־פעלד־פעבל, ווו איך האָב זיך נאָכגעשלעפט דער לעצטער, אַוועק איבער די באַראַקן. פון איינעם אַרויס צום אַנדערן אַרייַן אונטערצוזוכן די קראַנקע — הגם פיל פון די דייטשן זענען געווען נישט קיין ערגערע רוסיש־רעדנדיקע ווי איך, האָט עס דאָך פאָרמעל געהייסן אַ אייגענער איבערזעצער, אַ „רוס“ פאַר רוסן.

ביי מיר אין באַראַק האָט געהערשט אַ שטילקייט. ס׳איז אַרייַנגעקומען דער שטאַב־דאָקטאָר, ה׳ סימאָן, אַ דייטש־יידישער דאָקטאָר פון בערלין, זייער אַ סימפאַטישער מענטש. דער איינציקער, צו וועמען אַלע, אָן אונטערשיד, האָבן באמת געהאַט סימפאַטיע. אַ גוט־האַרציקער און אינטעליגענטער, נישט קיין בעל־גאווה, יעדן געפאַנגענעם געענטפערט רויק אויף זיין נאָכפראַגע, צו די רוסישע דאָקטוירים זיך באַציגן ווי צו פאַך־קאָלעגן, נישט ווי אַנדערע, וואָס האָבן געבלאָזן פון זיך אַלס ריינע גערמאַנער.

דורכגייענדיק די קראַנקן־באַראַקן האָט ער אָפט אַ זאָג געטון צו מיר:

גיי! פרעג זיי, וואָס זיי פעלט? זענען זיי צופרידן מיטן עסן? און איך האָב זיי דאָס איבערגעזעצט אויף רוסיש.

—ווייניק עסן ווייניק!—האָבן זיך געהערט אַלגעמיינע אויסרופן פון אַלע זייטן.

דעמאָלט האָט ער זיך גענומען פאַרענטפערן, אַז זיי, די דייטשן זענען אין דעם נישט שולדיק, אַז די אַלגעמיינע בלאָקאַדע וואָס מאַכט אוממעגלעך דאָס באַקומען גענוג עסנוואַרג, שטערט די דייטשע מלוכה אפילו זיך גופא ווי געהעריק צו דערנערן, זייערע אייגענע זעלנער מוזן זיך אויך באַנוגענען מיט ווייניק עסן.

און דאָך, באַמערקנדיק די אַלגעמיינע באַדויערונגס-מינעס אויף די פנימער פון די קראַנקע, אַז עסן ווילט זיך פאָרט, האָט ער באַפוילן די לאַזאַרעט-אינספעקטאָרס, וועלכע האָבן געהאַט די אויפזוכט איבער דער קיך, צו קאָכן געדיכטערע זופּן.

איין טאָג, אָדער צוויי, האָט מען דעמאָלט געגעבן אַביסל בעסער צו עסן און שפּעטער האָבן שוין די פאַרעטערישע אינספּעקטאָרן געטאָן, וואָס זייער האַרץ איז געפעלן.

מען האָט געטרעטן אויף די נערוון פון די קראַנקע, געשפּיגן אויף די מענטשלעכע ליידן. די אייגענע קעשענע איז געווען אַ סך בילעכער. מען האָט דער מלוכה נישט אָרעמער געמאַכט נאָר די געפאַנגענע אַביסל באַרויבט — אויף דעם האָט מען געפונען אַ היתר.

מיר איז אויסגעקומען אויף מיין אַמט, צו שפּילן אַ קאָמיש-טראַגישע ראָל פילנדיק זיך טאָפּלט שלעכט אַלס הערשער, ווי איך האָב מיך געמוזט אַרויסווייזן אויסערלעך, געמישט מיט אַ טיף אינערלעך, נישט צופרידנקייט.

צום אונטעראָפיציר, מיט וועמען מיר איז אויסגעקומען זיך צו געפונען אַ גאַנצן טאָג אינאיינעם, זענען אַלעמאָל זיך צונויפגעקומען די פעסטגלויביקע פּאַטריאָטן, וועלכע האָבן שטאַרק געגלויבט אינם אנטגילטיקן נצחון פון דייטשלאַנד.

און מיר איז אויסגעקומען צו פאַרברענגען אַ לענגערע צייט אין זייער געזעלשאַפט, ווו עס פלעגן זיך צוזאַמענקלייבן אַלע דייטשע דאָקטוירים און אַלע גרויסע פערזענלעכקייטן אין שטאָט ווי: אָפיצירן, פּראָפעסאָרן א. ד. גל. און כסדר געהאַלטן אין איין

פּאָליטיקירן וועגן אַלע נייעסן, וואָס האָבן אין יענע טעג פּאַסירט אויף וויפיל עס איז זיי אָנגעגאַנגען.

מען האָט זיך פאַר מיר נישט געהיטן, נישט זשענירט זיך, עפּעס איז אַלץ באַהאַנדלט געוואָרן ביי זיי געמיטלעך רויק און אַז שוין יאָ אַמאָל מיט גערויש, איז עס אויך געווען מער צוליב פאַרשידנאַרטיקייט ווי פונם טעמפּעראַמענט.

די יודיש-דייטשע דאָקטוירים, פונם דייטשן ראַדיקאַלן לאַגער, לייענער פונם „בערלינער טאַגעבלאַט", „פאָסישע צייטונג", האָבן פאַרלאַנגט, אַז ביי די גרויסע נצחונות, וואָס דער דייטש האָט אָפּגעהאַלטן צו יענער צייט, זאָל מען פאָרלייגן שליסן אַ פּאַסיקן שלום, פאָרויסזאָגנדיק השערות: אַז איינגעשפּאַרטקייט קאָן קיין נוצן נישט ברענגען.

קוועטשנדיק מיט די פּלייצעס און זשעסטיקולירנדיק מיט די הענט, אָמפּערנדיק זיך מיט היץ, האָט זיך צעשריגן אַ יינגער דייטש-יודישער דאָקטאָר:

— ווען מען קאָן דיקטירן איז שוין גענוג! מען דאַרף ווי ווייט מעגלעך צואיילן די ענדע פון קריג.

קיינער אָבער איז מיט אים נישט געווען איינשטימיק, דער גרעסטער טייל, איבערהויפּט די פּראָפעסאָרן, וועלכע זענען דעמאָלט געווען די איינציקע אויפצוהעצן דעם „איבער-פּאַטריאָטיזם", תמיד זענען זיי געווען זייער קריגעריש געשטימט. מיט זייער באַשיידענעם געוויינטלעכן גאַנג און קליידונג, מיט דעם אַלטן ריינעם פּאַלטאָ, מיט דעם שוין באַלד גרינעם הוט, מיט סמנים פון שימל; אָט די אַלע געמיטלעכע מענטשלעך, מיט וואָס פאַר אַ פעסטקייט און זיכערקייט זיי האָבן באַשפּיגן די יעניקע וועלכע האָבן די העזה צו פאַרלאַנגען אַ גיכן שלום.

די יונגע עלעגאַנטע פרוי פון יונגן אונטעראָפיציר, אַ טאָכטער פון אַ מינכענער פּראָפעסאָר, האָט געהאַלטן אין איין דערפרייען די שוין אַ ביסל צופיל אָנגעדראָדלטע קאַלאַמוטנע הערצער.

די הונגער-בלאָקאַדע האָט זיך שוין געגעבן גוט און דייטלעך צו פילן און זי האָט אַלץ נאָך געהאַלטן אין איין דערפרייען אַלעמען מיט די לעצטע בייסטע נאַכריכטן פון די פריש-אָנגע-

קומענע טעלעגראַמעס, וואָס זענען יעדע פאָר שעה אַרויסגעלאָזן געוואָרן פון דרוק. מיט אַן אויסערגעוויינטלעכער פרייד איז זי אַריינגעשפרונגען, האָסטיק אויפפראַלנדיק די טיר:

— דערטרונקען אַזוי פיל ענגלישע אונטערוואַסער-שיפלעך! אַ ענגלישע שיף פון טויזנטער טאָן, איז אונטערגעגאַנגען! מען באַשיסט פּאַריז מיט שפּאָגל-נייע האַרמאַטן א. ד. גל.

אַלעמען האָט אַרומגעכאַפּט אַ שמחה אין לשער. ממש פּאַקטן, ציפּערן. די נצחונות זענען נישט קיין ליגנט. ריידנדיק וואָס ווייטער מיט אַן אָקטאַווע העכער און העכער, ווי דער אָפּקלאַנג פון אַ קופּערנער אָדער זילבערנער מטבע.

טריומפירנדיק האָט זי גערעדט געשווינט, האָסטיק מיט אימפּעט:

— שוין ווידער פאַרטיק צום ווייטערדיקן מאַרש, מען איז נור פאַרנומען אַביסל ביי ווערדון און אַ ליאַדע טאָג וועט די וועלט זען אונדזער גבורה.

קיין שעה איז נישט אַריבער — מען קלינגט ווידער ביים טעלעפאָן און עס הערט זיך כסדר:

— געפאַלן! — גענומען!

— בראַוואָ! — באַגלייט מען יעדעס וואָרט מיט אַ געפּאַטשע-רײַ — עס גייט אויף אַלע זייטן! — כאַ, כאַ, כאַ! די וועלט פאַלט פאַר אונדז!

ווו מען איז נור געקומען, אין אַ ציווילע שטוב אפילו, זענען די ווענט געווען אַרומגעהאָנגען מיט גאַנצע מאַפּעס און לאַנד-קאַרטעס פון די מלחמה-פלעצער, וואָס זענען געווען אַרומגעשטאָכן מיט שפּילקעס און גערוקט געוואָרן כסדר פאָרויס — קיינמאָל נישט אויף צוריקוועגס.

דער שטח פונם באַזעצטן געביט איז געוואָרן אַלץ ברייטער, אַלץ גרעסער, אַז די פרעמד-פעלקישע צוקוקער, די פאַרשידענע געפאַנגענע, צו זיי האָט זיך נישט ווילנדיק פאַרגנבעט אַ מרה-שחורה:

זעט! — די וועלט ווערט באַזיגט פון אים, דעם פעסטן

ענערגישן פאָלק, וואָס פאַלט ביי זיך קיינמאָל נישט אראָפּ פון מוט. און אַ שוידער האָט יעדערן דורכגענומען.

* *
*

קומענדיק אין שטאָט אַריין, האָב איך אָפּט אָפּגעשטאַט אַ באַזוך דעם רעפאָרם-ראַבינער ד״ר זיל—שטיין, זייער אַן הויך־געבילדעטער מאַן, וועלכן אַלע איינוווינער אָן אונטערשיד פון רע־ליגיע האָבן אָפּגעגעבן דעם גרעסטן כבוד. ער האָט אַ סך מאָל באַזוכט דעם לאַגער, געהאַלטן פאָרטראָגן מעגיני דיומא און גע־קומען אין לאַזאַרעט צו אַ לוויה־צערעמאָניע פון אַ יודישן גע־פאַנגענעם, ווו ער האָט אָפּגעהאַלטן די געהעריקע תפילות.

צו די רוסישע יידן, האָט ער זיך באַצויגן נעגאַטיוו, ווי צו אומדערצויגענע האַלבע אַזיאַטן, צופיל ריידעוודיקע. די רוסיש־יודישע אינטעליגענטן, סטודענטן און אַרבעטער, האָבן זיך גע־האַלטן אין איין אַרומקריגן זיך און אין איין אַמפּערן וועגן פּאַרטייען, צילן און פּראָגראַמען, וואָס זענען דעם דייטשן גע־לערנטן פרעמד געווען.

ער האָט געפּרעדיקט, אַז יידן אַלס וועלטלעך הימלאָז פאָלק, דאַרף אָוועקוואַרפן טיילווייז דעם האַנדל און אַנדערע לופט-פּרנסות און זיך נעמען בלויז צו בילדונג, קאָנקורירן קעגן די קריסטן מיטן גייסטיקן געווער פון דער תורה. די קריסטלעכע וועלט, וועט זיך תמיד מוזן רעכענען מיט אים ווי מיט אַן אויבערשטן פון שטויסל, ווי מיט אַ גייסטיקע אָנפירנדיקע קראַפט אין יעדן לאַנד.

אַלע איבריקע יידן — דעם המון די ברייטע מאַסן, דאַרף מען צעשפּרייטן איבער דער גאַנצער וועלט, אַז אין יעדן לאַנד באַזונדער זאָלן זיי אויסמאַכן פּראָפּאָרציאָנעל אַ מיעוט, אַ קלענער פּראָצענט. פאַר דער פּאַרטיליקונג דאַרף מען קיין מורא נישט האָבן — האָט ער דערקלערט, ווייל, „ישראל נצח הוא״ דער ייד איז אַן אייביקער און די אמתע יידן, די טריי געבליבענע מאמינים, וועלכע קאָנען נישט אָנעמען דעם אייראָפּעיזם, פאַר זיי

דאַרף מען שאַפן דעם עפנטלעך רעכטלעכן שטאַט אין ארץ-ישראל.

צוליב אָט דעם איינגאַרטיקן פאַרשטיין און דענקען בנוגע דעם יידישן מצב, האָט די יודישע אינטעליגענץ אין לאַנגער מיט אים נישט געהאַלטן און זי האָט אים געפּרוּווט געבן צו פאַרשטיין זייערע ספּעציעלע באַדערפעניש און שטרעבונגען, אז דער עיקר אויפגאַבע ביי אונדז יידן איז, צו שטיצן און צו אַנטוויקלען דעם יידישן האַנטווערקער און אַרבעטער-קלאַס און די קאָמפּאַקטע מאַסן אין וועלכע זיי זענען אין יעדן לאַנד.

# אינם-געראַנגל פון געדאַנקען

הגם איך האָב געקאָנט עסן פון שענסטן און בעסטן, האָב איך מיך דאָך צעפרידנגעשטעלט מיט דער אַלגעמיינער קיך. אפילו איצט, בעת איך האָב „עולה לגדולה" געווען, איך האָב זיך באַהאַלטן אין א ווינקל, אז קיינער זאָל מיך נישט באַמערקן.

א סך האָבן זיך צו מיר געווענדט מיט דער בקשה:

— זעט, אפשר וועט איר קאָנען אויספועלן, אז מיר זאָלן אַביסל מער עסן באַקומען?

די פאַרדעכטיקטע השגחה איבער מיר, דער חשד וואָס יעדער האָט געהאַט אויף מיר געפונענדיק זיך אויף אַזאַ פּאָסטן, וואָס יעדער אַנדערער אויף דעם אָרט, וואָלט געוואָרן א „גענעראַל" איבער די רוסן, האָט מיך געבראַכט פשוט צו פאַרצווייפלונג.

די גוטע צייט איז מיר אַוועק אין שטענדיקן געראַנגל מיטן געוויסן וואָס האָט מיר קיין מנוחה קיין רו נישט געגעבן, הגם מאַטעריעל איז מיר געווען נישט שלעכט, אַנטקעגן די אויסגעהונגערטע מאַסן מענטשן אַרום מיר.

גייסטיק אָבער בין איך פאָרט נישט געווען קיין באַרויִקטער. עפּעס האָב איך זיך אָפּגעזונדערט פון אַלעמען ווי אַ שטאַרק אָפּגעשוואַכטער מענטש, וועלכער הייבט זיך אויף נאָר וואָס פון א קרענק, וואָס האָט א צייט אָנגעהאַלטן. ער דענקט זיך איבער, וואָס מיט אים איז פאָרגעקומען און פילט זיך נאָכן קריי-

זיס א סך שוואַכער און פארחלשטער, ווי אין דעם פּראָצעס פון דער קראַנקהייט גופא. מיר איז עפּעס אויך אַזעלכעס פאָרגעקומען איבערצולעבן.

דער קאָפּ איז אַביסל געקומען צו רו. די עסן-פראַגע איז געווען האַלב פאַרענטפערט. איך האָב מיך אבער נישט אָפּגעלאָזן און דורכויס געזוכט דעם געהעריקן ענטפער אויף די געשטעלטע פראַגן. איך האָב נישט געקאָנט בלייבן גלייכגילטיק און ווייטער לעבן ווי א בלינדער, ווי א נאַריש תמעוואַט יינגל.

— וואָס איז דאָס פאר א לעבן? פאַרוואָס פייניק איך זיך אַזוי? פאַרוואָס קומט מיר צו ליידן מער ווי טויזנטער אַנדערע יינגעלייט פון היינטיקע צייט און קעמפן מיט זיך נישט אַזויווי איך? פאַרוואָס ווער איך ווי אַלע, נישט אָפּגעטעמפּט און גלייכגילטיק. נור איך וויל אַלץ וויסן, דערגיין און זיך קלאָר מאַכן?

פאַרוואָס איז דאָס עפּעס אַזוי?

איך, וועלכער ריר נישט אָן קיין פליג אויף דער וואַנד, זאָל זיך אַזוי פיל פייניקן? פאַרוואָס דווקא די אַנדערע אין לאַגער, די אומגערעכטע „נאַטשאַלסטוואָ" לעבן ברייט, פרעסן גוט און קליידן זיך רייך און איך, וועלכער קאָן זיך היינט דאָס אַלץ דערלויבן, איך טו עס באין-אופן נישט. איך קאָן קיין „מאַכער" נישט זיין. איך האָב קיין לוסט און קיין באַגער צו רייטן אויף מיינע חברים און אחים לצרה!

אָט אַזוי אָפּגעזונדערט, ווייט פון אַלעמען, בין איך פאַרקראָכן טיף אין א ווינקל און דער יושר-באַגער, איז אַלץ מער אויסגעוואַקסן אין מיר און ווי א חולאת, וואָס דערגרייכט צו איר העכסטע שפּיץ, אַזוי האָט זיך ביי מיר אַנטוויקלט אַן אויסערגעווייגטלעכער שטאַרקער איבערגעטריבענער רחמנות - געפיל צו אַלעמען.

פונם זוכן און נישטערן בין איך געקומען צום באַוווסטזיין, אַז ערנסט טיף אין הארצן האָב איך אָפּגעגעבן א לויב און אַ דאַנק צום הימל, וואָס איך בין געזונט און דעם האָב איך פאַר מיר אַ געוויסע סאַטיספאַקציע געזען.

וואָס מער, איך האָב געוואָלט פאַרשטיין דאָס לעבן, אַלץ אומפאַרשטענדלעכער איז עס פאַר מיר פארבליבן.

איך האָב גענומען אין האַנט אַריין דעם תנ״ך, געמישט אים, געבלעטערט און אין אים געפונען אַ היילונג פאַר מיין עלנ-טער נשמה.

„מה שהיה הוא שיהיה ואין כל חדש תחת השמש״ (וואָס עס איז געווען, וועט ווייטער זיין און קיין נייעס איז נישט פאַראַן אונטער דער זון). (קהלת)

איך האָב דורכגעבלעטערט מיין באַליבט ספרל דעם „בן סירא״ און געפונען דאָרט די גאָלדענע פסוקים:

„מה גדל עמל אנוש ומה רבה אסון אדם, מיום צאתו מבטן אמו עד שיבו לבטן אדמה אם כל חי, יגון ומאבאיב מנתו כעס ועצב עניגו, הבל ורעות רוח עד יום מותו, ממלך היושב על כסאו ועד שוכני עפר ואפר מנושא נזר ועד לבוש קרעים רגש וכעס, קנאה וחמדה אימה שנאה, עצב וחרון יפריאים יומם ובמנוחם על משכב עשתונות בלהות דנדמי מה יתגאה עפר ועפר בעודו בחיו רמה בקרבו״.

(ווי גרויס איז די מי פון מענטש און די אומגליקן פון אדם, פון דעם ערשטן טאָג אָן ווי ער גייט נאָר אַרויס פון דער מוטערס בויך ביז ער קומט צוריק אין בויך פון דער ערד, די מוטער פון אַלע ערדיקע. אַנגסט און ווייטאָק, איז זיין גע-שאַנק, אין צאָרן און טרויער איז ער פארטון צוזאַמען מיט נאַ-רישקייטן און ווידערגעפילן ביזן טאָג פון טויט. פון דעם קעניג וואָס זיצט אויפן טראָן, ביז די דערנידעריקטע און געפאַלענע, פון דעם וואָס טראָגט אַ קרוין ביז די אָנגעטוענע אין שמאַטעס, ביי זיי אַלע איז דאָ: צאָרן און כעס, קנאה און גלוסטונג, מורא און פיינטשאַפט, טרויער און פאַרדרוס גיט זיי קיין רו ביי טאָג און ווען זיי ליגן אויף זייערע געלעגערס טוט זיך זיי שרעק-בילדער מישן אין קאָפּ. וואָס קאָן זיך גרויסהאַלטן דער מענטש, וואָס נאָך ביי זיין לעבן האָט ער אין זיך ווערים) בן סירא כ״א.

אָפּאָטעמדיק לייכטער האָב איך געפונען דאָ אַ טרייסט צו מיינע ווייטאָקן, הגם דאָס טראַכטן האָט מיר אַלץ קיין מנוחה

נישט בעגעבן, באַמערקנדיק ווי מענטשן שלאָגן זיך סתם פאַר זייער פאָטערלאַנד.

אָבער ווען זיי וועלן שוין נאָך אַלעם יאָ אַהיים קומען, צו וועלן זיי שוין באַזאָרגט זיין מיט אַן אָרט ווי דעם קאַפּאָוועקצוּליינן? דעם אָפּגעשניטענעם גליד, דעם פעלנדיקן אבר וועט שוין קיינער צוריק נישט באַקומען און די אַלע חולאתן, ס'רוב כראָנישע, וועלן אַלעמען פּלאָגן אומאויסהיילבאַר ביזן קבר. וואָס פאַר א גוטס קאָן שוין אַזאַ איינער ערוואַרטן אינדערהיים.

* *
*

נאָכן „שלום” אין בריסק, האָב איך געזען וויאַזוי מ'האָט באַהאַנדלט די רוסישע קריגס-געפאַנגענע און וויאַזוי די „שיסל-גראַבלערס”, די פאַרשידענע אינספּעקטאָרן מיט זייערע יונגע סימפּאַטיעס די „בראַוטע” האָבן געמאַכט דאָס אמתע גוטע לעבן פון אָנגעזאַמלטן עשירות, וואָס זיי האָבן אָפּגעשונדן פון די געפאַנגענע.

איך האָב נאָכגעקוקט די האַנדלונג פון דער רוסישער צייטונג, וואָס איז ספּעציעל אַרויסגעגעבן אין דייטשלאַנד פאַר די רוסישע קריגס-געפאַנגענע, דעם „רוסקי וויעסטניק” געדרוקט אין בערלין, ערשינען דריי מאָל אין וואָך. א צייטונג וואָס האָט זיך געוואַקלט ווי דער ווינט האָט געטריבן. פריער, די ערשטע צייט פון געפאַנגענשאַפט, בעתן רעגירן פון ניקאָלאַיען, איז זי געווען מאָנאַרכיסטיש געשטימט, שפּעטער אין דער צייט פון קערענסקין, א רעפּובליקאַנישע אָריענטאַציע און לסוף באָלשעוויסטיש געשטימט. אָבער ביי די לעצטע דייטשע אָפּענסיוועס אויף אוקראַינע און ווייס-רוסלאַנד, וואָס זייער צוועק איז געווענדט געווען קעגן די באָלשעוויקעס, איז זי צוריק געוואָרן מענשעוויסטיש געשטימט.

און ווי נאָר די פּעדער האָט זיך געלאָזט בייטן און דריידלען, האָט מען געטינטלט, עפּעס האָט זיך געפילט, אז עס אַר-

בעטן דערביי א גוט פארקויפטע חברה טריפענע נשמות, וועלכע אָריענטירן זיך פלינק און געשיקט, אויפצוכאַפּן און בייטן די געדאַנקען לויט די צייטיקע באַדינגונגען און תמיד מזכּה זייענדיק זייערע פּראוואָסלאַוונע לייענער מיט פריש-געבאַקענע אמתן.

דידאָזיקע שרייבער, וואָס זענען געשטאַנען אָן דער שפּיץ פון דער צייטונג, האָבן זיך קונציק געקאָנט צופּאַסן צו די שטימונג פון די געפאַנגענע, מען האָט תמיד אַריינגעטראָפן אין סאַמע מיטן הארץ פון פארווייטאָקטן, רעזיגנירטן מענטשן.

וויסנדיק אז יעדער געפאַנגענער באַוויינט זיין שיקזאַל, האָט מען געדרוקט גאַנצע זייטן פּאָעזיע, נאָכגעמאַכטע, נאָכגעקינסטלטע פון די גרויסע רוסישע פּאָעטן, פון וועלכע עס האָט זיך געפילט א אונטערייסטבאַרע בענקשאַפט צו דער „מאַטושקא ראָסיאַ" און דער פאַרכלינעטער פון געוויין לייענער האָט אין זינען געהאַט: „פּאָרט געפונען א שטיקל רפואה צום געמיט" נישט באַגרייפנדיק דאָס די געדאַנקען קומען פון פאַרקויפטע שרייבערלעך.

מיר האָט אַלץ געהאַלטן אין איין עגבערן די פראַגע: „וויאַזוי וועל איך זיך ווייטער צונויפלעבן מיט די מענטשן"?

שפּירנדיק ביי מיר, אז איך בין נישט דער מענטש, וועלכער קאָן באַגיין זעלבסטמאָרד, אז מיין רצון איז נישט קיין פעסטער, אז איך בין צו שוואַך און מוטלאָז, פאַרשטייענדיק די אומפאַרשטענדלעכקייט פון לעבן און טויט דעם „בעל כרחך אתה חי" מען מוז ווייטער שפּינען דעם לעבנס-פאָדעם.

וויסנדיק קלאָר אַז דער טויט איז בעסער, דאָך איז קיין מוט נישט פאַראַן מיטן לעבן צו ענדיקן, האָב איך געבויגן דעם קאָפּ אַראָפּ און געבליבן אונטערטעניק דעם שיקזאַל.

## צווישן קראַנקע

אָפּזייענדיק אייניקע חדשים אויפן פּאָסטן בין איך אָפּגעזאָגט געוואָרן, אַלס אומטויגלעכער, דאַדורך וואָס איך בין געווען צו ווייך.

מיך האָט פּאַרטוישט אַ צווייטער, אַ ענערגישער, אַ שטרענגער און איך בין באַשטימט געוואָרן אַלס געהילף ביי אַ פעלדשער אין אַ קראַנקן־באַראַק. פלייסיק האָב איך מיך גענומען צום חזרן דעם „פעלדשערסקי אוטשעבניק" פון באַראַנאָוון.

באַמיט זיך, וואָס מער פּראַקטיק צו האָבן ביי די קראַנקע גופא, הגם אַ סך פעלדשערס, האָבן דאָס אויסגעמיטן. מיט אַ סך ליבע האָב איך אויסגעפירט מיינע פליכטן, נישט קוקנדיק אויפן לעבנס־געפאַר, וואָס עס האָט מיך אָפט געדראָט, געפונענדיק זיך אין „שווערן־באַראַק" אומגייענדיק ביי די אַנשטעקנדיקע קראַנקע.

אין די באַראַקן האָבן זיך געפונען צו עטלעכע צוואַנציק און צו דרייסיק קראַנקע אין אַ קאַמער, ווו יעדער האָט געהאַט פאַר זיך זיין באַזונדער בעט, וואָס איז באַזאָרגט געווען מיט אַ שטרוי־קישעלע און אַ קאָלדרע, און געקאָנט אויף דעם ליגן אין הרחבה און חלומען פון עסן.

די שפּייז פּאַסילקעס, וואָס פלעגן אָנקומען פון רוסלאַנד אַלס געשאָנקענע פון רוסישן פּאָלק, וואָס זענען באַשטאַנען פון שוואַרצע סוכאַרעס, ווייס געטרוקנט ברויט, און אַ ביסל קאָנסערוון און טאַבאַק, וואָס אַ סך האָבן באַקומען צוגעשיקט פון דער אייגענער פאַמיליע, און וואָס דאָס האָט טויזנטער מענטשן געראַטע־

ועט פונם זיכערן טויט, זענען איצט מיטן פאַלן פון דער צאַרישער זעלבסט-הערשונג נישט מער אַהער אין געפאַנגענשאַפט אָנגעקומען. דעם קראַנקן זענען די אויגן שיעור נישט אַרויסגעקראָכן וואַרטנדיק אויף אַ שטיקל פּאָסילקע פון דער היים.

די הענט האָבן געציטערט ביים טרינקן דאָס טעפעלע שוואַרצע ערזאַץ-קאַווע יעדן פרימאָרגן, מיט דער צושפּייזע פון אַ פּאָר קליינע ביסן ברויט פון דער פיר הונדערט גראַמאָווע „פּייקע". אַ טייל פון איר האָט מען אַוועקגעלייגט אין דערנעבן שטייענדיקן טעקעלע, אָפּשפּאָרנדיק זיך פון די געציילטע ביסן וואָס מען האָט געגעבן פון איר. מיט געוואַלט האָט מען עס געטון אַוועקרויבן פון די דורשטיקע אויגן, וואָס האָבן עס געוואָלט מיט איינמאָל איינשלונגען — אויף שפּעטער, אויף דעם גאַנצן טאָג, וואָס האָט זיך געצויגן אומענדלעך לאַנג, ביי יעדן ליגנדיקן קראַנקן.

אַ שוידער האָט יעדערן דורכגענומען, קוקנדיק אויף די קראַנקע וועלכע זענען פאַרבליבן אינוואַלידן אויף תמיד.

דער קערפּער איז נאָר אויסערלעך באַשעדיקט געווען, עס האָט געפעלט אַ פוס, אַ האַנט א. ד. גל. אינערלעך איז מען אָבער פאַלקאָם געזונט געווען און דערפאַר האָט מען קלאָר געטון פילן די גאַנצע גרויזאַמקייט פונם הונגער, די פּיין און די ליידן פון וועלן זאַט ווערן און נישט האָבן מיט וואָס.

* *

*

עס איז אָנגעקומען דער זומער, ביי אַראַס און ווערדון אויפן פראַנצויזישן פראָנט האָבן זיך די קעגנזייטיקע פיינטלעכע אַרמעען איינגעעקשנט און מיט די לעצטע קרעפטן איינער קעגן אַנדערן געקעמפט. די פאַרביסענע איינגעשפּאַרטע דייטשן האָבן פעסט אויסגעהאַלטן די אַטאַקעס פון פיינט, נישט אָפּטרעטנדיק צוריק אפילו אויף איין אייל די לענג פון דער דערגרייכטער, דעראָבערטער ערד.

אויפן רוסישן פראָנט האָט מען געשלאָסן שלום מיטן „רוס".

דאָך איז עס געווען פּאַר אונדז אַ מאָדנע רעטעניש: שלום און מען גייט אַלץ כּסדר פאָרויס, ווייט אַרויף, אַריבער אוקראַינע און ווײַס־רוסלאַנד. די באַהאַנדלונג פון פיינט זאָגט עפּעס נישט, אַז עס איז שוין פרידן.

די קנאה־שנאה געפילן האָבן זיך צעוואַקסן ביי די געפאַנגענע אַלץ שטאַרקער און פעסטער, און אפילו די קראַנקע, וועלכע האָבן שוין געהאַלטן מיט איין פוס אין קבר, האָבן זיך נישט געקאָנט באַפרייען פון כּעס און רוגזה.

די פאַרגיפטעטע פעדער ביים דייטש, וואָס האָט אָנגעפירט מיטן געדרוקטן וואָרט, האָט געזייעט סם קעגן איין פאָלק און צווייטן ווי צעיושעטע, צערייצטע הינט, האָט מען געביסן ווער עס איז נאָר אונטערגעקומען אונטער דער האַנט.

און פּונקט ווי ד' שנאה פון פאָלק צו פאָלק, וואָס האָט דאָ געהערשט, האָט אויך איין יחיד צום צווייטן יחיד דערפילט אַ באַזונדערע שנאה, אַ טויט פיינטשאַפט, אפילו צום נאָנטסטן פריינט.

ס'האָט זיך געשאַפן אַן „איך", וועלכער האָט געלייקנט אין די עקזיסטענץ באַרעכטיקונג פון צווייטן מענטשן, ווער עס איז שטאַרקער געווען, דער האָט דעם צווייטן נישט געשאָנעוועט.

ווילסט עס נישט? קאָנסט עס נישט פאַרליידן? ביסט שטאַרקער? דו ווערסט זיך אָנטקעגן? טאָ הרגה מיך! — ווען נישט? מעג איך טון מיט דיר וואָס איך וויל!

אַזוי איז דער באַפעל פון הייַנט.

און ווי לעכערלעך עס זאָל נישט זיין די רייד, פאָרט האָבן זיי זיך אָפט געהערט פון אַ סך געפאַנגענעס מיילער.

— מיר ווען קיין קינדער נישט ווען האָבן! מיר וועלן טוען דאָס, וואָס מיר וועלן אין אונדזער מעגלעכקייט האָבן, קיין קינדער נישט צו ברענגען אויף דער וועלט! — קינדער האָבן, און זיי זאָלן זיך דערנאָך קעגנזייטיק הרגענען, ווי מיר איצט? אונדזערע טאַטעס האָט זיך פאַרגלוסט צו זינדיקן און מיר די פרוכט פון זייער גלוסטיקונג מוטשן זיך היינט אָן אַ פאַרוואָס?

מיר אָבער וועלן שוין וויסן וואָס צו טון! דאָס לעבן האָט

אונדז פּאָר קלוגע געמאַכט. מיר ווילן קיין קינדער נישט ברענגען אויף דער וועלט, כּדי זיי זאָלן ווי מיר הפקר זיין,—נישט פּילנדיק אָבער ווי דער שטן, דער באַהאַלטענער אינסטינקט אין זיי האָט פון זייערע רייד געטון שמייכלען.

זיי אָבער די ערנסט געשטימט געוואָרענע געפאַנגענע האָבן דאַן דאַרויף קיין אַכט נישט געלייגט.

אין אַזוי זענען די פּיינטלעכע פאַרהעלטנישן אויפן העכסטן גראַד אָנגעשטרענגט געוואָרן. דער פּיינט פון זיין זייט האָט געטענהט: ס׳שאַדט נישט! נאָכן קריג וועט מען צוריק די בעסטע פריינט ווערן.

— זעט רוסן!—האָבן זיי אַלץ געשריגן—מיר זענען גרייט דעם מאַרך פון אונדזער קאָפּ אייער פאָלק אָוועקצושענקן, אָבער ווען? דאַן ווען איר וועט וויסן, דאָס איר מוזט זיך אונטער אונדזער איינפלוס געפינען.

און אָט צוליב דעם האָט מען געשטרעבט, וואָס מער רוסיש-ריידנדיקע דייטשן צו ווערבירן, ווייל מען איז זיכער געווען אין זייער נוצן, ווען נישט איצט איז שפּעטער.

און ווען אַ געפאַנגענער איז צו אַזאַ רוסיש-ריידנדיקן פריינט געקומען בעטן אַ קלייניקייט, האָט יענער מיט אַ חוזק-שמייכעלע געקוקט אויף אים, דעם נאַיווען בעטער, ווייל דאָס קריגס-ראַד, וואָס האָט זיך געדרייט שוין אין אַ צו האַסטיק טעמפּאָ, האָט נישט צוגעלאָזט קיין מילדערונג און קיין דערלייכטערונג אין די באַציונגען צום פּיינט. זייענדיק טריי דעם באַפעלניש צו פאַרטראַכטן זיך, נישט איבערצונעמען זיך פון די צוגעזעענע ליידן ביים פּיינט, ווייל אַלע פאַרלאַנגען — האָבן זיי געטענהט — וועלן באַטראַכט ווערן ערשט נאָכן אַנטגילטיקן מלחמה-שטורם, גאָרנישט מאַכנדיק זיך פון דעם, וואָס די אָנגעצויגענע מלחמה-סטרונע, איז וואָס אַ טאָג אַלץ פעסטער געוואָרן און וואָס ווייטער, שפּעטער האָט זיך אויסגעוויזן: אָט, אָט, פּלאַצט עס! — און לסוף איז אַלעמענס האָפענונג געווען אײנגאַנצן בחינם.

* *

*

מיט יעדן טאָג, האָבן גענומען אָנקומען אינם לאַגער, וואָס איז געלעגן נישט גאָר ווייט פון דער רוסישער גרענעץ, אַלץ פרישע פּאַרטיעס געפאַנגענע אינוואַלידן, וועלכע זענען געווען באַשטימט אָפּצופאָרן צוריק אין דער היימאַט.

פון לאַגער זענען זיי אַהערגעקומען אין לאַזאַרעט. דער וואַכמאַן האָט זיי דעם טויער געעפנט, ווו אַריינקומענדיק אין הויף, זענען זיי אויסגעשטעלט געוואָרן אין לאַנגע רייען. „געוואָרן נאָכגעפרעגט, ווי אַלט מען איז? פון וואָס אַ גובערניע? צי געהייראַטע?

און זיי גלייכגילטיקע ווי שאָף פאַר דער שחיטה האָבן געענטפערט דאָס. וואָס ס'איז זיי געקומען אויפן זינען, אַרויסדרינגענדיק פון זייערע רייד: טוט דאָס וואָס איר ווילט מיט אונדז טון!

ווייל, ווי פינסטער און אומוויסנד זיי זענען נישט געווען, האָט דאָך יעדער געפילט, אַז ער איז סיי ווי פאַרמשפּט, אָדער צו פאַרבלייבן אַן אייביקער קאַליקע, אָדער צו אַ גיכן טויט, באַגראָבן צו ווערן אין פאַפּירענע תכריכים, נישט ווייט פון לאַזאַרעט, וווּ עס געפינט זיך דער בית-עולם.

אַ הויכער, מאָדערנער, שטיינערנער קרייץ, וואָס אַ רוסישער קינסטלער האָט אויסגעהאַמערט, האָט געוויזן יעדן דורכגייענדיקן מענטש אַ פּלאַץ, ווו ס'איז געווען אָנגעפּיקעוועט מיט קברים געדיכט, איינער נעבן צווייטן, באַדעקט מיט שוואַרצע הילצערנע קרייצן, פאַרצייכנט ביי יעדערן זיין נאָמען און גובערניע, יידן—מיט שוואַרצע ברעטלעך, באַצייכנט מיטן פ"נ.

געבראַכט האָט מען זיי אַהער אויפן בית-חיים אין אַ הילצערנע טרומנע צונויפגעקלאַפּט פון ברעטער.

דער גייסטלעכער, דייטשער פּאַסטאָר, אַנשטאַט אַ רוסישן גייסטלעכן, וועלכער איז צוליב געוויסע טעמים נישט געווען אין לאַגער, האָט דאָ אָפּגעריכט דעם גאָטעס-דינסט מיט די געהעריקע תפילות פאַר יעדן פאַרשטאָרבענעם באַזונדער. ער האָט טאָקע געהאַט צו טון ביי דערדאָזיקער צערעמאָניע אַן איבעררייס טאָג-טעגלעך פון פרי ביז אָוונט.

אויף דער פוילישער גלח, אַ הויכער, עלעגאַנטער און יונגער מענטש, מיט אַ שטאָלץ פּנים און פיינע מאַנירן, האָט בסדר געהאַלטן אין איין אָפּריכטן די געבעטן איבער די פאַר־שטאָרבענע קאַטאָליקן, נאָכדעם ווי מען האָט דעם קאַסטן אַריינ־געלייגט אינם גרוב, פאַרשיט מיט זאַמד און אַרויפגעלייגט אַ פריש שמעקנדיקן קראַנץ פון בלומען.

און ווי האָבן אויסגעזען די לעבן פאַרבליבענע קראַנקע אין די באַראַקן?

זיי זענען געלעגן אויף די בעטן פאַרשטויסענע און ני־דערגעשלאָגענע. יעדער קראַנקער איז ביי זיך געווען פאַררעכנט ווי אַ נול.

ווען מען איז צוגעגאַנגען צו וועמען פון זיי איבערבעטן דאָס געלעגער, איבערלייגן אים האָט ער עס בשום אופן נישט געלאָזט. און, אַז ער אַליין האָט עס דאָך געמאַכט אומגעלומ־פערט און געמוזט אָנקומען מען זאָל אים אויסבעסערן, האָט ער העפלעך באַדאַנקט מיט זיין ברייטן פרייוויליקן:

— ספּאַסיבאָ, גאָספּאָדין!

און בעת־מעשה האָט ער אַריינגעקוקט טיף אין די אויגן דעם פאָרנדיקן זיך פעלדשער, ווי ער וואָלט זיך קלערן: וואָס וויל ער פון מיר האָבן?

אַז מען וויל זיין גוטס, דאָס האָט אַזאַ איינער זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן; געוווינט זייענדיק תּמיד געטראָטן צו ווערן פון אַלעמען.

אַ שוידער און אַ גרויל האָט דורכגענומען יעדערן, ווער עס האָט נאָר געהאַט אַ מענטשלעכן פונק ביי זיך, זעענדיק פאַר זיך די דאַרע אויסגעמאָגערטע מענטשן סקעלעטן, ווי דינע פאַרטריקנטע שטעקלעך. די באַקן, — צוויי אַרויסשטאַרצדיקע ביינער. די אויגן, — מאַט און געלייכגילטיקע. דער גאַנצער קער־פּער, — דורכזיכטיק.

דאָס אַלץ האָט שוין נישט אַרויסגערופן קיין באַזונדער פאַרוווּנדערונג, ווייל דאָס איז שוין געווען דער געזונטער טייל צווישן די אָנגעקומענע פון דער אַרבעט, וועלכע מען האָט באַ־

פרייט פון די פראָנט־אַרבעטן, טוישנדיק זיי מיט פרישע בעסערע כּוחות.

דער ערגערער טייל זענען דאָ געווען די קראַנקע געפאַנגע־נע אויף ט. ב. צ. דאָס הייסט טובערקולאָזע, וועלכע זענען מיט דער צייט אַלע אויסגעשטאָרבן איינציקווייז.

יעדערן האָט זיך געדאַכטן, אַז ער וועט נאָך דאָס גליק האָבן זיך צו זען מיט זיין פרוי און קינדער, מיט פריינט און משפּחה. אָבער געפונענדיק זיך אינם לאַזאַרעט־שטיבל נומער 12 איז ער שוין אומפאַרמיידלעך אַריינגעפאַלן צום מלאך־המות אין האַנט.

ס'זענען דאָ געווען באַראַקן מיט ליגנדיקע מאָגן-קראַנקע זיי זענען ס'רוב געווען פון די פאַרמעגלעכערע רוסישע מענטשן, און נישט קאָנענדיק זיך צוגעוויינען צו דער שלעכטער דערנערונג זענען זיי דערפאַר געווען תּמיד שלעכט געשטימט און מיט אַ באַ־זונדערע ערנסטקייט זיך באַצויגן צו זייער צושטאַנד, געהאַלטן אין איין פרעגן די דאָקטוירים: ווי האַלט עס מיט אונדז?

און אַ שרעק האָט יעדערן פון זיי אַרומגענומען, ווען אַ זעלכער האָט אַ בליק געוואָרפן איבער זיין בעט, צו דער אויפ־געהאָנגענער פיבער־טאַבעלע, ווו מיט אַ בליישטיפט איז פאַרצייכנט געווען די הויך פון דער היץ, און שוין די בלויזע שרעק האָט צוגעיאָגט דעם אַזוי אויך אומפאַרמיידלעכן גיכן טויט.

בפרט מוראדיק איז געווען אָנצוקוקן די עפּילעפּטיקער, וועלכע האָבן באַלעסטיקט די באַדינער מיט אומערמידלעכע אַרבעט, באַ־קומענדיק עטלעכע מאָל אין מעת־לעת די עפּילעפּטישע אָנפאַלן, מיט זייערע משונהדיקע ווילדע אויסגעשרייען. מען האָט זיך גע־מוזט אויף זיי וואַרפן וואָס גיכער, איינקלאַמערן זיי פעסט און אַ סך מאָל איינהאַלטן און פאַרבאַנדאַזשירן די ווונדן, וואָס זיי האָבן באַקומען ביי די אָנפאַלן.

די שווער פאַרווונדעטע רוסן, וועלכע זענען פאַרבליבן אָן הענט, אָן פיס, ליגנדיק אין אַ צושטאַנד, וואָס האָט נישט דער־לויבט אויסצושליסן זיי פונם לאַזאַרעט, האָבן געמוזט יעדן טאָג דורכמאַכן די זעלביקע פּראָצעדור צו באַזוכן דעם אָפּעראַציע־זאַל

ווו מ׳האָט זיי איבערגעבונדן מיט נייע פרישע באַנדאַזשן זייערע וווּנדן וואָס האָט זיי פאַרשאַפט שרעקלעכע יסורים און דער ריח פון די מאַטעריעס, האָט געבראַכט דעם דערביי׳קן מענטשן ביז צום חלשות.

נישט איינמאָל, ווען איך האָב זיך געפונען אין אַ באַראַק אַלס „נאַכט־דיזשורנע", האָט מיר אויסגעוויזן אַזוי מאָדנע און משונהדיק זייער קוקן אויף מיר, דעם געזונטן פעלדשער אין ווייסן כאַלאַט.

מיינע געדאַנקען האָבן נישט ווילנדיק רעאַגירט אויף זייערע קנאהדיקע בליקן און מיט אַ טיפן מיטגעפיל צו זיי, האָב איך אָפּגעגעבן אַ לויב צו גאָט, וואָס איך בין אַרויס גאַנץ פון דעם העלישן גיהנום. מורמלענדיק די ברכה:

„ברוך אתה ד׳ וכו׳ אשר יצר את האדם בחכמה, וברה בו נקבים נקבים, חלילים חלילים, גלוי וידוע לפני כסא כבודך שאם יפתח אחד מהם או יסתם אחד מהם אי אפשר להתקיים ולעמוד לפניך אפילו שעה אחת וכו׳."

(געלויבט ביסטו גאָט, וואָס דו האָסט באַשאַפן דעם מענטשן מיט קלוגשאַפט און האָסט באַשאַפן אין אים לעכער און לעכערלעך, רערן און רערעלעך, וואָס איז אַנטפּלעקט און באַקאַנט צו דיין כסא הכבוד. און ווען עס עפנט זיך, אָדער עס פאַרמאַכט זיך איינס פון זיי איז נישט מעגלעך צו עקזיסטירן און צו שטיין פאַר דיר גאָט אפילו איין שעה) א. ז. וו. פילנדיק ביים זאָגן די תפילה אַווירקלעכע באַרויִקונג צום האַרצן.

די אַלע דאָזיקע פאַרוווּנדעטע זענען תמיד געווען הונגעריק, נישט באַקומענדיק די נויטיקע פלעגע האָבן זיי צווישן זיך תמיד גערעדט אַזוי ערנסט, ווי מענטשן פון גאָר אַן אַנדער וועלט, אַלץ האָט זיך זיי אויסגעוויזן אַזוי גרויזאַם אַזוי אימהדיק און מען האָט נאָר געהאַלטן אין איין טראַכטן אין איין חלומען פון דער היים, פון ווייב און קינדער פון פריינט און קרובים.

אָפט איז מיר אויסגעקומען צו זיצן ביים בעט פון אַ פעטערבורגער ברייט־בייניקן הויכן קריסט, אַ געוועזענעם טראַמוויי־קאָנדוקטאָר און אויסגעהערט פון אים פאַרשידענע מעשיות וועגן

די רעוואָלוציאָנערע צייט, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין די לעצטע יאָרן צווישן די אַרבעטער אין די זאַוואָדן אין פּעטערבורג, ווו ער איז געווען איינער פון די טעטיקסטע אַנטיילנעמער אין די בונטן.

ביים ענדיקן זיין ליבלעכן שמועס האָט ער מיט שאַרפע בליקן אַריינגעקוקט מיר אין די אויגן, וועלנדיק באַקומען א תשובה אויף זיין פראַגע וואָס ער האָט מיר געשטעלט ביי מיין אַוועקגיין פון אים.

— וועל איך קאָנען ווייטער צוריקקומענדיק א היים פירן דעם טראַמוויי-וואַגאָן ? צי וועט מיר מיין אָפּגעשניטענער פוס, נישט שאַדן ווייטער צו אַרבעטן ? — האָט ער געהאַלטן אין איין פרעגן מיך — איך מוז דאָך ערנערן א ווייב מיט פיר קינדער; איך וועל דאָך צו קיין מענטשן נישט וועלן אָנקומען ! וואָס זאָגט איר חבר ?

צוויי געוועזענע העלדן, וועלכע זענען איצט קראַנקע אינוואַלידן, איינער אָן דער לינקער האַנט און דער צווייטער אָן דער רעכטער, ברענגען אַריין אין באַראַק א גרויסן עמער וואַסער פון דעם פּלומפּ און גוטמוטיק, פריילעך, שמייכלען זיי צו אַלע דורכגייער, וועלנדיק דאָס יעדער איינציקער זאָל באַמערקן וואָס פאר א נוצלעכע מענטשן זיי זענען נאָך היינט אפילו.

אין די באַראַקן אין וועלכע ס'האָבן זיך געפונען די גייס- טיק קראַנקע, ס'רוב באַקומענדיק דידאָזיקע קראַנקהייט ביי די כל-ערליי פראָנט אַרבעט אין פראַנקרייך, בעלגיען, א. א. וו. דורך די שרעק וואָס זיי איז אויסגעקומען צו האָבן דאָרטן אַרום ווער- דון און ריין — האָט זיך אויך געפונען א יודישער געפאַנגענער וואָס האָט מיט זיך געשלעפּט אָן אָנגעשריבענעם טאָג-בוך אים האָט געטראָפן אָן אומגליק: ערגעץ אין א שטעטל ביים פראָנט, האָט ער אויסגעשאָסן פון א ביקס און נישט גערנוויליק דער- הרגעט א ציווילן יידן. זייט דעמאָלט האָט ער מער קיין מנוחה נישט געפונען, דאָס געוויסנביסן האָט אים געפייניקט און געטריבן ביז משוגעת.

ער האָט געהאַלטן אין איין אַרומלויפן אין באַראַק, מאַכן קולות און שרייען: „קול דמי אחיך צועקים אלי מן האדמה״

(די שטימע פון פאַרגאָסענעם ברודערס בלוט שרייט צו מיר פון דער ערד). אונטער דער בעגלייטונג פון די אַנדערע מער-ווייניקער צעדרייטע רוסן, וועלכע כאַפּן אונטער דעם פסוק און חזרן אים איבער אויף כלערליי דיאַלעקטן.

ס׳האָבן דאָ אויך נישט געפעלט אַזעלכע, וועלכע האָבן גע-האַלטן, ווען נאָר איבער זיי האָט נישט געלויערט קיין מענטש-לעך אויג אין איין אויספירן זייערע אַנאַניזטישע פאַרלאַנגען, דורך דעם איז זייער מוח נישט און אָרדענונג געווען. און דאָס האָט דערפירט דאָס זייער גייסטיק-גלייכגעוויכט זאָל נישט זיין אין אָרדענונג. — — —

אָט אין די קראַנקן פּאַנאָראַמע האָב איך די צייט געטון פאַרברענגען אויספירנדיק די פליכטן אַלט און אָנגעשטעלטער אין איר.

## בילדער פון שאָטן

באַקומענדיק איינמאָל די מעגלעכקייט אַרויסצופאָרן פון לאַגער, באַזוכנדיק פאַרשידענע שטעט און דערפער, בין איך אַריינגעפאַלן מיט אַ באַזוך ביי אַ גוטבאַזיצער, ווו איך האָב אויך אָנגעטראָפן די ערשט־אָקאָרשט אָנגעקומענע פון רוסלאַנד פאַר־נומענע אויפן פראָנט אַלס געפאַנגענע — פרויען־זעלנערקעס פון פרויען־טויטן־באַטאַליאָן, געגרינדעט דורך קערענסקין דעם שטירצער פון דער ראָמאַנאָוו־דינאַסטיע פרויען מיט גלייך געשוירענע האָר, וועלכע זענען אויך געווען געקליידט אין מענער בגדים, אין ברייטע זעלנער־הויזן קורצע מאַרינאַרקעס און הויכע טיפע שטיוול איבערגעטון איצט אין פרויען קליידער, האָבן זיי זיך געפילט נישט איבריק באַקוועם.

די געשאַפענע מענער־אַמביציע און מענער־פסיכאָלאָגיע, האָט אין זיי פאַרשטאַרקט די פאַנטאַזיע צו קאָנען זיך אויסמאָלן, ווי העלדיש אין זיגעריש זיי באַגעגנען דאָס באַפרייטע פאָטערלאַנד, אויסגעקעמפט דורך זייער מיליטערישער גלייכבאַרעכטיקונג! צוליב דעם האָט מען אַפילו איצט ביים שונא אין לאַנד, נאָך אַלץ געהאַלטן אין איין קאָקעטירן מיטן שטאָלץ זיין אויף דעם באַקומענעם „זעלנער־באַוווסטזיין”.

און אויסגעקומען איז זיך מיט זיי צו שפּילן ווי קאַץ און מויז; די רוסישע געפאַנגענע, עראָטיש אויסגעהונגערטע האָבן אין זיי געזוכט דאָס „ווייבלעכע” און זיי להיפך האָבן דאָס פון זיך אויסגעמיטן צו ווייזן. מיטן דערציילן פון זייערע גבורות אויפן

שלאַכטפעלד זענען זיי געווען אויסן דאָס די רוסישע געפאַנגענע זאָלן זיך קאָנען באַצווינגען און צו זיי זיך באַציִען נישט ווי צו שוועסטער נאָר ווי צו ברודער.

דאָס האָט אָבער נאָר באַצוועקט, דאָס די געפאַנגענע זעלנער אוועקגייענדיק פון זיי, זענען געוואָרן טרויעריק און מעלאַנכאָליש געשטימט, נישט באַגרייפנדיק די סיבה, צו וואָס דידאָזיקע פרויען טוען עס, און וואָס זיי ווילן דערמיט באַצוועקן.

* *

*

ווו איך האָב זיך געפונען, אויף יעדער סטאַציע האָט געשטראָמט פון דייטשישע זעלנער, וועלכע האָבן געהאַלטן אין איין איילן זיך.

נאָך אַ חודש צייט, אויסגערוטע צווישן דער אייגענער פאַמיליע געזעגנענדיק זיך מיט אַלעמען — איז מען ווי גייגעבוירן צוריק צום פראָנט ווערנדיק באַהאָנגען מיט פרישע שמעקנדיקע בלומען און באַשאָנקען מיט פעקלעך עסנוואַרג האָט מען זיך אַריינגעזעצט אין די פול געפאַקטע וואַגאָנען זיצנדיק אין דער גרעסטער שפאַנונג, נישט צו וויסן, וווהין מען איז באַשטימט צו פאָרן.

צום רוסישן פראָנט, צו וועלכן מ׳האָט זיך באַציִיגן מיט בטול, גלויבנדיק, פעסט זייענדיק מער ווי זיכער, דאָס מ׳בלייבט לעבן און אויך ביים געזונט.

אָבער מ׳איז באַשטימט צום טויטן-פראָנט, — צום אָרט, וועלכעס האָט יעדערן טיף ערשיטערט. מיט אַ שוידער האָט דער זעלנער אין אורלאָפּ-צייט אויפגענומען די ידיעה, דאָס מ׳איז באַשטימט צום פראַנצויזישן פראָנט. מען האָט פון פאַרביטערונג די געדאַנקען גענומען פאַרשיכורן מיט אַ פלעשל ווייַן, אָדער מיט „געהיימען-בראָנפן" וועלנדיק מיט געוואַלט פאַרגעסן די ערינערונגען פון גאָרנישט לאַנג. פאַרברייטנדיק זיך צוריק אַריינצוטרעטן אין די אומאויפהערלעכע קאַמפן אויפן פראָנט, געזעגנענדיק זיך מיט די קרובים און פריינט אַריינרעכנענדיק זיך אַלס

אַ הונדערט פּראָצענטיקער שוין נישט צוריק אומקערנדיקער צו זיי.

מוטערס, וועלכע האָבן שוין דריי זין געהאַט פאַרלוירן אין קריג, האָבן רויקע ביי זיך, געזעגנט מיט די קינדער. פילנדיק זייער חוב אויף די איבריקע זין מקריב צו זיין, שטאָלצירנדיק ביי זיך אַנטקעגן אונדז געפּאַנגענע מיט זייער הייסן פּאַטריאָטיזם.

ביי אונדז אין פול געפּאַקטן וואַגאָן צווישן אַלע רייזנדע האָט זיך באַזונדערס געוואָרפן אין די אויגן אַ קליין וווּקסיק שוואַרץ באַחנט ווייבעלע פון אַ יאָר צוואַנציק מיט אַ פּנימל, ווי אַ רונדער שיינער פּאָמעראַנץ, מיט צוויי קליינטשיקע עכט פּעך-שוואַרצע אייגעלעך. זי איז געזעסן אַ פאַרוויינטע, אַ דערשראָקע-נע, אויסמיידנדיק יעדנס בליק.

דערנעבן איז געזעסן אַ עלטערער רייך געקליידעטער ייד, מיט נאַס פאַרוויינטע אויגן און האָט געהאַלטן אין איין אונטער-קרעכצן.

וואָס זיצן זיי דאָס אַזוי פאַריאָמערט? האָט זיך יעדער געפרעגט?

אונדזער אַלעמענס נייגעריקייט ברענגט דערצו, דאָס מיר דערוויסן זיך, אַז מיט אַ קורצע צייט צוריק, איז דאָס יונגיטשקע ווייבעלע וואָס זיצט איצט דאָ, אַנטלאָפן פון איר היים, מיט אַ יינגערמאַן, צו וועלכן די עלטערן האָבן קיין צומרוי נישט גע-האַט זיי האָבן דעריבער צום שידוך נישט דערלאָזן.

זי האָט אָבער נישט געפאָלגט, שטעלנדיק אַ חופּה אין געהיים, איז זי צוזאַמען מיטן מאַן אַנטלאָפן וויט פון זייער וווינאָרט.

איצט פאָרט זי צוריק נאָך בערלין; נאָך אַ היציק איילן זיך צו דערגרייכן דאָס גליק ביי איר אויסדערוויילטן, איז זי צום סוף שטאַרק אַנטוישט געוואָרן, ער איז אַוועק פון איר, איבער-לאָזנדיק זי אַליין מיט אַ קינד פון עטלעכע וואָכן אויפן שויס אָן שום מיטלען צום לעבן. און איצט, אַ איבערגעבעטענע מיטן פאָטער פאָרט זי צו אים צוריק, דער „קריג" צווישן זיי איז פאַרענדיקט געוואָרן.

ווי מצורעים צווישן געזונטע מענטשן, זעען זיי דאָ אויס.

וואַגאָן איז פול מיט מאַמעס און טאַטעס, וועלכע רעדן נישט, טראַכטן נישט וועגן זייערע קינדער. וואָס אַן אַנדערס מאָל האָט מען זיי געגנוג האַרציק ליב — היינט דערשטיקט מען די מוטער־ליכע סענטימענטן, ווייל אַלע האָבן נאָר איין ציל: וואָס מער נוצן צו ברענגען דעם קעניגרייך, דעם מזבח צו וועלכן מ׳איז מקריב די קינדער.

און דאָ געפונען זיך גאָר מענטשן, וועלכע אין אַזאַ היי־ליקע צייט, אין מאָמענטן פון ערוואַרטנדיקן ענטשיידענעם זיג פאַרן פאָלק, האָט מען גאָר און זינען ליבע נשמה־טראַגעדיע.

אַ באַהאַלטענער שמייכל ליגט אויף יעדנס ליפן. מען האַלט דאָס פאַר אַ אויסטערלישן וווּנדער. אַז אין דער צייט פון סאַמע פולסטן ברען פון דער וועלט־שריפה, ווען אַלע זענען באַזאָרגט וועגן שטאַט, וועגן גורל פון דער מלוכה, זאָל זיך פאַרלויפן, אַז מענטשן זאָלן גאָר קלערן וועגן זייער אייגענעם גורל? איז דאָס נישט קאָמיש?

* *
*

נישט ווייט פון שטעטין, בין איך אויך צופעליקערהייט אַריין אין אָפיצירן לאַגער, סטרייזאַנד.

איך טרעף צווישן אַנדערע אָפיצירן אויך אונדזער פאָל־קאָוואָי־קאָמאַנדיר, דעם אַלטן קלוגן רוס. מיט זיין אויסערגע־וויינטלעכע אַמאָליקע ספּריטנעקייט און אימפּעט.

ער האָט זיך געקאָנט אין משך פון אַ רגע פאַנאַנדער־קלייבן אין יעדער פריש געשאַפענער סיטואַציע אויפן פּראָנט, אָבער גאָרנישט געקאָנט אויפטון מיט זיין „וועלן" ווייל, ווי וווּנ־דערלעך עס איז נישט געווען פאַר אים — פאַרט האָבן זיך ביים שונא אין רשות געפונען די בעסטע פאַרטיפיקאַציעס און באַרג־פּאָזיציעס, כאָטש די רוסישע „ברייטע האַנט" האָט נישט געקוקט אויף קיין שום קרבנות און זיי געטריבן אין גרעסטן פייער אָן שום נוצן.

איצטער האָט אים די ליידיקע צייט געלערנט דאָס, וואָס

דאַלט אים זיכער פריער מער נוצן געבראַכט. ווי אַ לייב אין דער אייזערערנער קליאַטקע, האָט ער זיך דאָ געמוזט באַנוגנען מיט דעם, וואָס אים איז צוגעטיילט געוואָרן.

זאַט צו עסן, — דערויף האָבן געמוזט זאָרגן די העפלעכע פראַנצויזן און ענגלענדער; דער דייטש האָט זיי צוגעטיילט רייבע, געפוצטע, געבלומלטע טעלער, שוין צופיל טעלער... מיט אָן אַ שיעור סערוועטקעס, זילבערנע גאָפל און מעסער, און אין די טעלער אויסצופילן האָט מען זיך געמוזט באַנוגנען מיט די צוגעטיילטע פון די פאַרבונדענע פאַרשידענע פליישן, קאָנדענסירטע מילכן און צובייסן מיט זייערע ווייסע ביסקוויטן.

מ׳האָט זיך געהאַלטן אין איין ראַזירן ביים שפיגל, ווי וועלנדיק אויף דעם אופן דערגיין די ווייטערדיקע צוקונפט, מחמת, נאָר דער טויטער שטומער שפיגל האָט אפשר געקאָנט זיי געבן דעם ערוואַרטנדיקן ענטפער אויף דעם. ווייל פונקט ווי ער, אַזוי אויך דער אח-לצרה, דער צווייטער דערבייאיקער אָפיציר האָט גראָד ווי ער; נישט געקאָנט וויסן, וואָס אַזעלכעס דער מאָרגן וועט ברענגען.

אַלע פעלקער ציטערן פאַרן „רוסישן ריז" און באַגראָבן אים אגב איינצייטיק.

— כאַ-כאַ-כאַ! — האָט יעדער פאַר זיך אין זיין ווינקל צעלאַכט.

— שוטים!! שוטים זענען מיר!

דאָס האָט יעדער פון זיי געפילט אָבער מורא געהאַט איבער די ליפן צו ברענגען, אַ צווייטן דאָס צו אַנטפּלעקן, הגם דער צווייטער האָט אויך דאָס זעלביקע געהאַט אין זינען.

אין בין-השמשות, אין דער דעמערונגס-צייט, ווען דער הימל אין דרויסן נעמט טונקל ווערן, ליגט מען האַלב-וואַך, פון צופיל שלאָפן, פאַרלאַנגווייליקטע אויף זייערע בעטלעך.

עפעס פילט מען און מען שפירט, אַז עס פעלט די פריי-הייט — די פרייהייט צו לעבן און צו געניסן פון לעבן, ווי אַ מאָל אין די לאַנגע ווינטער-נעכט אין די אַלערליי דאַנסינגס,

מיט זייערע געליבטע „דאַמען געזעלשאַפטן" ביי מוזיק און פלעשערוויין ביזן ווייסן טאָג אַריין.

ניט אײנמאָל ווערן זיי באַפאַלן פון פאָעטישע שטימונגען, דערמאָנענדיק זיך די זומער־צייט אינם לאַגער צווישן די גריגע וועלדער און אָט געדענקט זיך די פייערונג פונם דרייהונדערט יאָריקן יובילעום לכבוד די ראָמאַנאָווס.

צווישן וואַלד און הויכע בערג, האָבן זיך צונויפגעקליבן דער גאַנצער מיליטערישער „שמאַלץ", מיט די העכסטע אָנפירער פון שטאַב. זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף לאַנגע בענק אויסגעשטעלט אין רייען.

דער הימל אינם ווייטן האָריזאָנט האָט גענומען בייטן זיינע פאַרבן. וואָס אַ מינוט ווייטער, ווערט אַלץ טונקעלער און טונקעלער. אַ שטילשווייגן האָט אַרומגעכאַפּט אַלע ביייזיצנדיקע אויפן פרייען פעלד. ווי אַ ליאַדע ריר, אַ געגעץ פון אַ מענטשן האָט די פייערלעכקייט פון מאָמענט געשטערט, עפעס האָט זיך דאַן געדאַכט, אַז מען וואַרט אָפּ אַ צווייטע מעשי־בראשית:

„והארץ היתה תהו־ובהו וחושך על פני תהום ורוח אלקים מרחפת על פני המים".

(און די ערד איז געווען וויסט און לער, און אַ פינסטערניש איבערן אָפּגרונט. און גאָטס גייסט שוועבט אַרום אויפן אויבערפלאַך פונם וואַסער").

עטלעכע מוזיקאַנטן פון די אָנוועזנדיקע מיליטער־בלאָז־אָרקעסטערס, מיט זייערע קליינע קלאַרנעטן, האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אַ האַלבן וויאָרסט ווייטער פון אַלעמען. אינדערהויך, אויף אַ שפּיץ פון אַ פינלענדישן באַרג, האָבן זיי זיך פון דאָרטן פאַנאַנדערגעשפּילט מיט אַ פאַרשיכורנדיקער, פאַרכשופנדיקער אַלעגאָרישער שטימונג, ווי דער אָפּקלאַנג פון זייער הערלעך שפּילן האָט אַלעמען מיטגעריסן מיט זיך, אַרומגענומען יעדערן מיט אַ באַגייסטערונג, פאַרטראָגנדיק זיי אין אַ הייליקער מלאכים־אַנטפּלעקונג.

עס האָט זיך געדוכטן, ווי דורך די בערג און וועלדער קייקלט זיך אַראָפּ אַ הימלישער־אָרקעסטער, אַהער שיקנדיק פליענדיקע גייסטיקע שטימונגס־טענער.

מלחמה־לייט, דערצויגן און דערוואַקסן מיט דער איינאונ־איינציקע לאָזונג אינם האַרצן: „על חרבך תחיה“, (אויפן שווערט וואַלסטו לעבן) האָבן זיך ווי אינגאַנצן פאַרלוירן, פאַרגעסן זיך, אויסגעצטון זיך פון דער ווירקלעכקייט און פאַרוואַנדלט אין מלאכי־רחמים!

עפּעס האָט דאַן אַלעמען באַהערשט אַ פּאַטעטישע רוחניות־דיקע וועלט־באַנעמונג און אַ פייערלעכער יראת הכבוד פאַר גאָט און זיין גאַנצן באַשאַף.

* *
*

אין דער איצטיקער צייט האָבן זיך פאַר אונדזערע אויגן אָפּגעשפּילט אַ סך קוריאָזן, וואָס זענען געווען גענוג קאָמיש, אָבער אויך אַגב איבערפולט מיט אַ סך טראַגיזם.

אָפט איז אויסגעפאַלן מיין ריי צו לאָזן זיך גיין צום אַלגעמיינעם שטאַטישן מיליטער אַפּטייק, וואָס האָט באַדינט איינ־אונאיינציק פאַר אַלע הייל־אַנשטאַלטן אין דער גאַנצער סביבה, דאָס איז געווען ווייט פון אונדזער קראַנקן־לאַגער, וווהין מ׳פלעגט צוויי מאָל וועכנטלעך טראַנספּאָרטירן אונדז „פּריווילעגירטע פעלד־שערס“ מיט אַ ריזיקן האַנט־קויש אויפן פּלייצע, כדי איבערצו־טראָגן אַהער אין לאַזאַרעט דעם באַשטימטן שווערן פּאַק מע־דיקאַמענטן.

הגם די משא איז איבער די כוחות און נישט לפי־כבוד, נעמט מען עס דאָך אויף מיט שמחה, מחמת דער שפּאַציר, אַגב דורך די גאַנצע לענג פון די שטאָט־גאַסן, איז אויך עפּעס ווערט! און הונדערטער בליקן, צעפּלאָמטע דורך קנאה, באַגלייטן אונדז, שטעכן אונדז דורך ווי מיט שפּיזן, דאָס אַלץ פאַרשטאַרקט נאָך דעם חשק אין אונדז.

נישט אַלעמען איז באַשערט געווען צו טון דאָס שליחות אָן דער געהעריקער באַגלייטונג פון אַ וואַכמאַן, אַ שומר מיטן בלאַנקן באַגנעט אָנגעהאָנגען ביים פּאַס אַרום די לענדן.

איצטער, אין דער צייט ווען די וואַכלייט האָבן געהאַט

אָפּצוּהיטן מער געפערלעכע ערטער, האָט מען געזוכט זיך איינצו־שפּאָרן איבעריקע שומרים. און איך בין געווען פון די איינצלנע, וועלכע מען האָט אַהינגעשיקט אין דער אַפּטייק אָן באַוואַכונג.

דער דיזשורנע פעלדפעבעל רופט אויס מיין נאָמען, איך זאָל מיך גרייט מאַכן אין וועג אַריין, צום אַפּטייק אַוועקצוגיין. איך מאַך נישט קיין לאַנגע שהיות, נעם דעם פּאַפּיר־שיין מיטן האַנט־קויש, עפן דעם דורכגאַנג, וואָס ווערט שטרענג באַוואַכט, און לאָז זיך אַוועק איבער די רוישיקע גאַסן אונטער שטעכיקע בליקן פון די פאַרבייגייער. פון אַלע פענסטער און באַלקאָנען שפּאַרן זיך פרויען, זקנים און קינדער. אַלע ווילן מיך זען, אַלע ווילן מיך אָנקוקן, באַטראַכטן. עפּעס בין איך פאַר זיי אַן אויס־טערליש באַשעפעניש, קיינעם טרויט מען נישט קיין צען טריט אַליין צו גיין און איך שפּאַציר מיר אַליין. איך הער אויסרופן: אָווּאַ! דער רוס שפּאַצירט אַליין און אונדזערע ברודער, חתנים, טאַטעס און פּאָטערס, ווו געפינען זיי זיך עפּעס ביים פיינט אינם געפאַנגענשאַפט? ווי לעבט זיך זיי אין סיביר און אין פראַנקרייך?

אַן אָנגענעמער וואַרעמער שוידער איז מיר דורך איבערן לייב, ביים צוקוקן זיך צו די דייטשע סענטימענטאַלע פאָלקס־מאַסן: מאַמעס, טעכטער און שוועסטער, וועמענס אויגן פייכטן דערמאָנענ־דיק זיך אָן זייערע זין, חתנים, וועלכע מען האָט אין דער דער־מערונג פון טאָג, מיט הייסע ליידנשאַפטלעכע קושן באַגלייט און איצט טרויערט מען נאָך זיי. ווען עס קומען אָן די שטימונגס־מינוטן, דאַן פילט מען ווי מ׳איז פאַרבליבן ביי אַן אומהיילבאַר לאָך, וואָס ווייטיקט, זעטנדיק זייער צער איין מאָל אין וואָך אין די הייליקע זונטיקס, ביי די קירכן־תּפילות, ווו זיי געפינען אַ באַרויקונג.

אַלע, אַלע, האָבן מיך באַגלייט!

אַלטע פרויען מיטן פּזמון: „יאַ רוסע! זי לעבן ביי אונדז ווי אין דעם פּאַראַדיז” (גן־עדן).

יונגע פרויען, קוקנדיק אויף מיר מיט דורכזיכטיקע תּאווה־בליקן, נישט קאָנענדיק אויספירן זייער רצון, אַ לעב צו טון, האָט

מען זיך באַנוגנט מיטן קוקן אויף אַ יונגן כאַטש פּיינטלעכן מאַנספּערזאָן.

איינמאָל איז דאָס געווען, ווען דער פעלדפעבעל האָט פון זיין שטובל אַ הויכן רוף געגעבן און פון דער וואַך האָט זיך געמאָלדען אַ זעלנער, מיט אַ גרויען קאָפּ האָר, דיקע וואָנסן אויף זיין ערנסט־פאַרזאָרגט פּנים און עלטער פון איבער פופציק יאָר.

— פריי? — האָט דער פעלדפעבל אים אַ פרעג געטון.

— יאַ־וואָל! — איז געווען זיין ענטפער. שטעלנדיק זיך בנשימה אחת אין „פראָנט", נישט אַראָפּנעמענדיק די האַנט פון געבן שטערן.

— ווייסט? קאַמעראַד—האָט דער פעלדפעבל געמאָלדן—אָט דער געפאַנגענער גייט אין שטאָט אַריין, איר גייט מיט אים מיט, אָבער, היט אָפּ דעם נפש, זאָל ער גאָר נישט פּרווון מאַכן פּליטה נאָך רוסלאַנד!

מער האָט ער דער „וואַכמאַן" נישט באַדאַרפט צו הערן, דאָ האָט זיך אָנגעהויבן זיין דיסציפּלין און זיין טריישאַפט צום פאָטערלאַנד.

ער האָט גענומען די ביקס אין דער האַנט, אָנגעלאָדנט איר מיט פינף קוילן, נישט פאַרמאַכט דעם „סטוואָל", כדי באַלד בהרף־עין אין אַ נייטיקן פאַל ביי מיין ווילן אַנטלויפן צו קאָנען שיסן —.

אַזוי זענען מיר ביידע אַריין אין שטאָט.

דער וואַכמאַן ערשט אַ פריש אָנגעקומענער אַהער אין דער לאַגער־קאָמאַנדע, האָט דערפאַר נישט געוווסט וויזהין דער וועג פירט צום אַפטייק. ער האָט מיך גענומען פירן און מיטן גאַס, די ביקס גרייט אין דער האַנט, מיטן שאַרפן שפּיציקן שאַרף צו מיר געווענדט גלייך צום שטעכן אָדער צום אויסשיסן, געהאַלטן מיך אין איין איבערפרעגן אונטער אַ ציטערניש פון צייבער־קלאַפּעריי,— צי פיר איך אים גאָר ריכטיק? צי חס־ושלום נישט אין קיין גע־פערלעך אָרט?

די נאַטור, וואָס האָט אונדז פּריווילעגירטע שוין אַביסל צעבאַלעוועט, צעלאָזן, האָט פון מיר איצט חוזק געמאַכט:

אָט מענטש! צו אַלעם מוז מען זיין צוגעגרייט אינדערצייט פון מלחמה!

ער האָט מיך געהאַלטן אין איין פייניקן און איין אונטערשטופּן. און קוים וואָס ער האָט זיך געהאַלטן אויף זיינע שוואַכע פיס האָט ער מיך אַלץ נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל איבערגעפרעגט:

— פירט איר רוסע באָר ריכטיק?

מורא האָבנדיק מיך אָפּצולאָזן אויף איין איינציקער רגע פון אויג, האָט ער אַלץ געהאַלטן אין איין איבערפרעגן די דורכגייער, צי איך געבאָר אים נישט.

— וואָס איז דאָס? דאָנער וועטער! — האָט ער זיך צעשריגן, אַרויסווייזנדיק אַ גרויס אומגעדולדיקייט, — אַזוי ווייט? אַזאַ מרחק רב?

דאָס פנים און דער קערפּער איז פון שווייס אים נאַס געוואָרן, ער האָט זיך אָנגעצונדן ווי אַ צעגליטע קויל ווען איך האָב פון גרויס רחמנות צו אים פּרובירט אַ רייד טון, האָט ער אַ ברום געטון מיט כעס: — פאַרשאָלטענער רוסע! — און דאַרויף אויך גלייך באַוויזן די ביקס, און מיך געוואָרנט צו שטעכן.

אָנגעקומען מיט מזל אין דער אַפּטייק, האָט דער פּראָוויזער שוין דערקענט אין אים, מיט וועמען ער האָט צו טון. אים גענומען אַביסל באַרויקן געהייסן אים צוּוואַרטן אַ האַלבע שעה צייט ביז די רעצעפּטן וועלן דערלעדיקט ווערן אין די ליידיקע פלעשער און אין די זאַלב-שאַכטלען.

אָבער ער דער וואַכמאַן איז אַלץ געבליבן ביי ס'זייניקע:

— נישט זיצן! — האָט ער אַ געשריי געטון צו מיר, ווען איך האָב פּרובירט אַביסל אונטערשפּאַרן זיך ביי אַ טיש — דער פעלדפעבל האָט עס נישט געמאָלדן — האָט ער זיך געריסן דעם האַלדז אַ פאַרצווייפלטער און זאָן איבערראָקעבער צו דעם פּראָוויזאָר.

— ער קאָן מיר אַוועקומען! — האָט ער גענומען שיעור נישט וויינען מיט טרערן, אַז מען האָט אים געפרוווט באַרויקן.

ווערנדיק דורך אַ קנאַפּע שעה צייט ערלעדיקט אין דער אַפּטייק, איז מען אַרויס פון איר איך — מיטן האַנט־קיישל פול געפּאַקט מיט פלעשער און שאַכטלען אין דער האַנט, און ער, דער וואַכמאַן — מיט אַ אויסגעצויגענע ביקס אין האַנט. געגאַנגען איז מען מיט אַזאַ האַסט אין יאָגעניש, אַז סיי פון אים, סיי פון מיר האָט געקאַפּעט שווייס־טראָפּן פון מאַטערניש און פחד. איך האָב מיך אַפילו נישט געפּרוווט איינשטעלן אויפצוהייבן די הענד און אַרומצוווישן זיך דאָס פּנים פונם פייכטקייט, אויס מורא, דאָס זאָל אים נישט צערייצן און אויפרעגן בחנם.

אַרייַנגעקומען אינם לאַזאַרעט, איז ער אין דער „וואַך" אַריין אָפּגעגעבן דעם פעלדפעבל דעם ראַפּאָרט.

ער האָט זיך אויסגעצויגן פאַר אים, גלייך ווי אַ סטאָלפּ, און עס האָט אַ הילך געטון:

— הער פעלדפעבל! דער רוס איז צוריקגעקומען, ער האָט נישט געמאַכט קיין פליטה!

כאָטש אַראָפּלייענענדיק פון זיין אויסזען דאָס קוים די נשמה האַלט זיך ביי אים, האָט פאָרט דער פעלדפעבל אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ גרויס געלעכטער באַצוועקנדיק זיין באַגער מיט אַ שפּיצל אָפּצוטון, האָט זיך זיין פּנים פון צופרידנקייט זיך צעשיינט. — שטאָלץ מאַכנדיק מיט זיין רעכטער האַנט, אַלס צייכן, דאָס מיר קאָנען גיין, האָט זיך דער אַלטער וואַכמאַן אויסגעדרייט אַ דערשלאָגענער, דעם באַגנעט פון ביקס אַראָפּגענומען, די קוילן פון סטוואָל אַרויסגעלאָזט, און מיט אַ גרויס קאָלירט פאַרביק טאַשנטיכל זיך גענומען אַרומווישן דאָס נאַסע פּנים און נאַקן.

* *

*

געווען איז ביי אונדז אין לאַגער אַ געפאַנגענער טימאָפעיעוו; איינער פון די, וועלכע האָבן ביי זיך פעסט געהאַט באַשלאָסן פאַר קיין שום פּרייז נישט צו אַרבעטן פאַרן פיינט דעם דייטש, מיט אַלע מעגלעכקייטן געצילט אין איין פּינטעלע, צו אַנטלויפן פון שונא און צוריקצוקערן נאָך רוסלאַנד.

אבער ווי אזוי דערגרייכט מען דאס?

צו דעם צוועק האט ער געהאלטן אין איין אנטלויפן, איינמאל, א צווייט און א פינפט מאל און ביי יעדעס מאל האט מען אים צום סוף געכאפט. — אט, אט, איז ער שוין געווען הארט ביי דער רוסישער גרעניץ, געהערט אפילו די שאסן פון די קעגנזייטיקע ארמעען אין דער נאענט פון פראנט, און צום סוף האט זיך אים נישט איינגעגעבן, דאס אנטלויפן.

א צוריקגעשיקטער אהער אין לאגער, האט די קאמאנדיטורע אליין נישט געוווּסט וואס מיט אים צו טון. שוין ביי א דרייסיק מאל איז ער געהאט אנטלאפן אין משך פון די עטלעכע יאר צייט, וואס ער געפינט זיך דא אין לאגער. די גרעסטע צייט אפגעזעסן אין די טורמעס, אבער צומארגנס פון זיין באפרייט ווערן, האט ער באלד ווידער געמאכט א ויברח.

איינמאל, אין א פרימארגן, — מ'קוקט זיך אום, טימאפעיעוו איז ווייטער נישטא! א שטארק געמורמל צווישן די דייטשע וואכלייט; א באפעל אים דורכויס אויפצוזוכן, ווייל פאר די קאמאנדיטורע איז געווען זיכער, דאס ער געפינט זיך באהאלטן אין לאגער, ווייל אנטלויפן פון דאנען איז היינט פאר אים געווען אוממעגלעך.

מ'האט איבערגעזוכט, דורכגענישטערט, דורכגעקוקט ווי באר אן עק, יעדעס שטיקל פארדעכטיקט ארט איז געווארן באטאפט,— מ'האט באשטימט א באלוינונג פארן כאפן אים, און אלץ האט גארנישט געהאלפן.

צופעליק, האבן עטלעכע דייטשע מעכאניקער מיט ווערקצייג אין די הענט גענומען קלאפן אויף אן ארט אין דער קאנאליזאציע-רער, וואס דורך איר, איז דאס גאנצע אויסגעגאסענע אומריינע וואסער ארויס פון לאגער. איצט האט זיך געהאט דאס גאנצע שמוץ שוין זייט צוויי טעג פארהאלטן.

זיי קלאפן און קלאפן. — פלוצלינג דערהערט זיך א פארשטיקט קול פון א מענטשן, ס'ווערט א אנגעלויף. מ'ציט ארויס טימאפעיעוון, א פארהלשטן, קוים וואס ער האט דעם אטעם געכאפט, פון די צוויי טעג הונגערן וואס ער איז דא אין דער רער

געלעגן און געוואַלט אַרויסבאַקומען זיך דורך איר אויף דער פריי, אַ ברודיקן, פאַרשמוצטן, אויסגעמאַטערטן, האָט מען אים געשלעפּט צו דער וואַך וווּ ער האָט געהאַלטן אין איין שעפּטשען:

— בראַטצי! ביע אודאַלסיאַ! (ברידער, ס׳האָט זיך גישוי אײנגעגעבן)!

צו אַזאַ אַבסורדן איינפאַל צו אַנטלויפן, האָט נאָר געקאָנט קומען אַ מענטש וועלכער האָט געקעמפט מיט אַ באַזונדערן פאַר־ביסענעם מסירת נפש אינדערצייט, ווען זיין גוף איז געווען ביים שונא אין לאַנד, איז זיין נשמה גאָר געווען אין זיין היימאַט אין רוטלאַנד.

* *
*

אַ סך פריינט האָב איך געפונען ביי די רוסן, וועלכע האָבן אויף מיר געקוקט ווי אויף אַ רעטעניש.

ווער בין איך אַזעלכער? אַן אומגעבילדעטער, און דאָך אַ פאַרשטענדלעכער, פאַרט נישט גלייך צו פיל אַנדערע.

און עטלעכע זענען מיר געווען, כאָטש יעדערער אין זיין אַרט פאַראיינזאַמט, וואָס האָבן זיך אָפט צונויפגעטראָפן און פאַר־בראַכט אין שמועסן.

איינער פון זיי איז געווען אַבלאָמאָוו, אַ רוסישער אינטע־ליגענט, פון באַרוף אַ קונסט־מאָלער, געבוירן אין דערציויגן אין מאָסקווע, ביי שטרענג גריכיש־קאַטוילישע עלטערן מיט וועלכע אים איז אויסגעקומען צו פירן אַ העפטיקן קאַמף איבער זיינע פרייע אַנטי־רעליגיעזע איבערצייגונגען.

אין די לאַנגע זומער־אָוונטן באַלד ווי די זון האָט די לעצטע שטראַלן אירע פאַרבאָרגן און די טונקלקייט האָט אַרומ־גענומען דעם גאַנצן חלל מיט אַ טיפן אומעט, האָט מען זיך ביידע צונויפגעטראָפן, צונויפגעטוליעט זיך ווי צוויי פאַרליבטע, און זיך געפרן געהאַט צו דערציילן אַלע איבערלעבענישן פון דער קינדהייט.

איך האָב געשוויגן ווי די שטומע נאַכט אַרום אונדז. גע־

שוויגן און צוגעהערט צו אַלע זיינע פרייל עכע און ליידנדיקע מאָ־מענטן פון זיין לעבן:

ער האָט זיך פאַרליבט אין אַ מיידל, קעגן די עלטערנס און קרובימס ווילן, דערנאָך חתונה געהאַט מיט איר, בּישקשה זיך איינגעלעבט. צו דער צייט האָט זיין פרוי אויך אים געבוירן אַ זון. און אַט אַ יאָר נאָך דער חתונה האָט מען אים פון אַלעם אַוועקגענומען און אַריינגעשליידערט אינם מלחמה־פייער.

און איצט וויל דער מוח פון גאָרנישט וויסן, ער עגבערט, ער דרייט, ער בענקט, עס ציט, עס רייסט דאָס האַרץ פון ווייטאָק.

פון אָוונט אָן, ביז אין דעם פריען פרימאָרגן ווען אויפן הימל־ראַנד האָבן זיך גענומען בייטן לאַנגע רויט־בלאָע און פיאָ־לעטע פאַסן, וואָס האָבן אונדזערע בליקן ווי צוגעשמידט פון פראַכט און אַנטציקונג, און זיי זענען סוף־כּל־סוף פאַרשוווּנדן ער־גען־ווייט אין אַ עק פון הימל־האָריזאָנט און אונדז איבערגעלאָזן אין דער רויער גלייכגילטיקער טאָג־טעגלעכקייט — דאַן האָט מען זיך ביידע פאַנאַנדערגעשיידט, אַוועק יעדער צו זיין אַרבעט.

אָפט האָט ער געעפנט פאַר מיר זיין האַרץ, כּמעט ווי פאַר אַ הייס געליבטער מוטער, — און איך האָב געהערט און געשוויגן.

מיין שווייגן האָט אים באַאומרויקט. אַ צווייפל האָט אים באַהערשט און ווי דיקטירט פונם שכל, האָט ער איינמאָל גע־פּרוווט איבערייסן מיט מיר די פריינטשאַפט.

יעדן טאָג אין דער באַשטימטער צייט, כּמעט אויף דער מינוט, האָט מען זיך צונויפגעטראָפן ביים אַריינגאַנג אינם „גע־ברויך־הויז”. אונדזערע ביידנס פאַר בליקן פלעגן זיך אָנשלאָגן, ווי צוויי הייסע וואַנדערנדיקע קוילן, פאַרבלאָנדזשעטע אינם מיטן „לויף”.

מיר האָבן זיך איינער צום צווייטן איינגעקוקט, און נישט וועלנדיק ברעכן די אַמביציעס פונם צענויפריידן זיך, האָט מען זיך אינסטינקטיוו אָפּגעקערט באַנאַנדער מיטן רוקן, הגם דער געפיל האָט מחייב געווען אַנדערש.

מיר זענען אינערלעך צו נאָענט געווען און איינמאָל ביי־
אַ זעונג, איז מען נישט געווען בכוח מער דעם נסיון מיטצו־
מאַכן און זיך דערנענטערט איינעם צום אַנדערן. ווייטער האָט
ער גערעדט און מיט אַ ערנסטע שטימע מיר געגומען פאָרוואַרפן,
פאַרוואָס איך הער אים אַלץ אויס און שווייג, צי האָב איך דען
נישט געהאַט קיין קינדהייט, קיין יוגנט, קיין שום איבערלע־
בענישן?

— אָבער פריינט! — האָב איך אַ פאַרשעמטער מיט אַן אַראָפּ־
געלאָזענעם בליק געפּרווט מיך פאַרענטפערן — ניין! דו קאָנסט
מיך נישט פאַרשטיין. מיין יידישע קינדער־יוגנט אינם יידיש־
פּוילישן שטעטל, איז נישט נאָר אומפאַרשטענדלעך פאַר דיר,
נאָר בכלל פאַר אַלע קריסטן. די בעסטע פריינט אונדזערע פאַר־
שטייען עס נישט... אונדזער געבוירט ווי אונדזער גאַנצע לע־
בנס־פירונג איז פאַר אייך קריסטן אומבאַגרייפלעך, נישט בלויז
מיט דעם אַנדערשטקייט זיינעם, נאָר אויך צוליב דער פאַלשער
איבערצייגונג און אָפּשאַצונג, וואָס איר האָט וועגן אונדז יידן,
עפּעס וואָלט באַדאַרפט קומען עמעצער, אַ גאון, כדי צו קאָנען
איבערגעבן און אויפקלערן אונדזער אייגנאַרטיקן יידישן לעבנס־
צאַפּל, קלאָר און דייטלעך פאַר דער גאַנצער וועלט: נאָט און
זעט ווי מיר לעבן און ווערן דערצויגן! ביז איצט איז עס נאָך
נישט געטון געוואָרן און איך בין עס אוודאי נישט בכוח דיר איצט
אָפּצושילדערן. אָט דאָ צווישן אונדז גילט דער דעוויז: איך פאַר־
שטיי דיך יאָ, דו מיך נישט! הגם די קוקסט אויף מיר מיט
פאַרדאַכט, אָט קריך אַריין אין מיין האַרץ אונטער דער הויט,
דאַן וועסטו זען, אַז די גערעכטיקייט איז מיט מיר.

* *

*

צווישן מיינע באַקאַנטע איז אויך געווען פּיעטראָוו אַ יונגער
וואָלנאָערדיעלייווטשע (אַקאַדעמיקער) מיט אַ שיין אויסערלעך
אַריסטאָקראַטיש אויסזען.

אַ זון פון גלח פּיעטראַווס ברודער, וועלכער איז געווען דעפּוטאַט אין עטלעכע רוסישע גאָסודאַרסטווענע דומעס (פּאַרלאַמענטן) אין די ערשטע יאָרן פון צוואַנציקסטן יאָר הונדערט און באַרימט געוואָרן מיט זיינע לינקע רעדעס, מיט וועלכע ס'האָט גערוישט אין גאַנץ רוסלאַנד ווי אויך אין אויסלאַנד.

דערדאָזיקער יונגער פּיעטראָוו, אַ זון פון אַרייכן קאָלאָניאַלסוחר אין פּעטערבורג, האָט באַקומען די פיינסטע דערציונג. געענדיקט גימנאַזיע, מחמת וווּלטאָק נישט געוואָלט ווייטער שטודירן. דרך אגב האָט ער זיך באַקענט מיט דער יידישער סביבה, געלעבט מיט זיי אין דער בעסטער גוט-פריינטשאַפט, ווייל געווינט און אויפגעצויגן איז ער געוואָרן אינם יידישן קוואַרטאַל צווישן סאַדאָווע און אָפּיצערסקע. ער האָט זיך אַזוי שטאַרק געטון איינלעבן צווישן זיי, דאָס אויסערלעך, האָט ער ביי יעדערן אויסגעוויזן צו זיין ענלעכער פון אַן אַסימילירטער יידיש-רוסישער היים, ווי צו שטאַמען פון אַ ריין פּראַוואָסלאַווגע הויז.

אויך דאָ אינם פּלען, האָט ער געזוכט מער צו פאַרקערן מיט יידן. דער צושטאַנד אָבער וואָס האָט דאָ געהערשט, האָט דאָך ביי אים אַרויסגערופן אַ ווידערווילן צו אונדז יידן. דער מענטש מיט זיין אידעאָלאָגיע, אַז אויב די קאָאַליציע וועט געווינען, זאָל מען דערווייטערן אַלע דייטשן פון פעטן רוסלאַנד און זייער אָרט זאָלן פאַרנעמען די רוסישע יידן, צו וועלכע ער האָט געהאַט אַ באַזונדערע סימפּאַטיע, — האָט איצט, צוליב קנאהגעפילן פאַרוואָס די יידן דאָ אין פּלען לעבט זיך עפּעס גאָרנישט אַזוי שלעכט — אינסטינקטיוו גענומען וועקן ביי אים אַ געוויסע פיינטשאַפט.

דאָ אין לאַגער, אין געפאַנגענשאַפט, ווו ער האָט זיך געפונען אַלס איבריקער און אומנוצלעכער פאַר די דייטשן, ווייל אַלס עלטסטער אונטעראָפיציר, האָט אים אויסגעמיטן דאָס שיקן אויף צוואַנגס-אַרבעט. דערפאַר האָט אים דאָ דאָס לאַנגווייליקע פוילענצן אינם לאַגער, צוגעגעסן זיך און איינמאָל נאָך יאָרן זיצן אין לאַגער איז ער אַוועק פרייוויליק אויף אַרבעט.

אָבער באַלד אויפן צווייטן טאָג האָט מען אים שוין צוריק-

געבראַכט אַ געשמידמן אין קייטן פאַר אַ פאַרברעכן, וואָס האָט אים געדראָט טויט שטראָף. — אים האָט זיך פאַרגלוסט צו באַווייזן זיין בריהשאַפט, וועלנדיק דערשיסן אַ דייטשן זעלנער וועלכער האָט אים דערצאָרנט, דערבייזערט, מיט יענעמס אייגענער ביקס. פון די קלעפ וואָס ער אָריינגעכאַפט פון די דייטשע שומרים, איז ער תיכף משוגע געוואָרן און אַלס אַזעלכער דאָ אָהער אין שפיטאָל אַהערגעבראַכט געוואָרן אויף אַ מעדיצינישער עקספּערטיזע.

באַלד ווי איך האָב זיך נור איינגעקוקט אין אים די ערשטע עטלעכע טעג, ווי ער ליגט געבונדן די הענט אין אייזערנע קייטן מיט אַ באַוואָפנטן שומר האַרט ביים זייט, האָב איך באַקומען דעם חשד, אַז ער סימולירט בלויז, איינדעראמתן אבער מוז ער זיין גאַנץ נאָרמאַל.

אינם משך פון אַ קורצער צייט, איז ער דריי מאָל איבערגעשיקט געוואָרן צו זיין פּראָצעס קיין שטעטין, און תמיד פלעגט מען אים ברענגען צוריק אויף אַ וויטערדיקע עקספּערטיזע.

געוויינטלעך, ווי מיר האָבן עס תופס געווען, האָט זיך דער פיינט געמאַכט אָוועקוקן — דאָך עפּעס פון אַ רוסישער אַריסטאָקראַטישער אינטעליגענטער פאַמיליע, האָט מען געהאַט פאַר אים ווייזט אויס, אַביסל מער דרך-ארץ ווי פאַר אַנדערע טויזנטער געפאַנגענע. אָבער אין שפּיטאָל האָט מען אים פאָרט שטאַרק געהיטן און נישט צוגעלאָזן צו אים גאָרנישט.

ער האָט געהאַט איין שוואַכקייט, אים האָט זיך זייער געוואָלט רייכערן, און דאָס האָט ער נישט געקאָנט דערגרייכן, מוזנדיק אָנקומען דורכצורעדן זיך מיט מיר אויף שטום-לשון. מיט זיינע הונגעריקע אויגן, וואָס ער האָט דייטלעך מיר געגעבן אָנצוזעהערן זיין באַגער, זיינע בליקן האָבן זיך געבעטן ביי מיר:

— חבר! ראַטעווע מיך! דערלאַנג אַ פּאַפּיראָסל, אָן דעם איז מיר דאָס לעבן נישט ניחה!

הגם איך האָב קיין געלט נישט געהאַט און נישט געפילט ממש קיין ווילן עס צו האָבן, מחמת איך האָב געהאַט פון

בעסטן וואָס האָט נאָר געקאָנט זיין ערלויבט פאַר אונדז געפאַנגענע, ווייל אַלס שפּיטאָל־געהילף האָט מיר איצט גאָרנישט געפעלט, האָב איך דאָך ווי נישט באַקומען געלט אויף פּאַפּיראָסן און אויף אַ געהיימען וועג, מיט סכנות־נפשות אים באַזאָרגט מיט דעם.

מ׳האָט נאָכגעשפּירט און געטון אַלע מעגלעכקייטן אויסצוגעפינען און צו כאַפּן דעם איבערברענגער.

און — בחינם.

מ׳האָט אים איזאָלירט פון אַלעמען — און אויך דאָרט אהין האָב איך אים באַזאָרגט מיט רייכערן און אפילו מיט זאַפּאַלקעס, וואָס דאָס איז געווען שטרענג פאַרבאָטן. מ׳האָט געזוכט דעם שולדיקן און נישט געפונען, ווייל אויף וועמען דער חשד איז נישט געפאַלן — אויף מיר קיינמאָל נישט.

שפּעטער, ווען ער איז שוין אַרויס אויפן פלאַץ, האָט ער אַרומגענישטערט ביי די קאַנאַלן, אָפּגעזוכט אויסגעריכערטע מונדשטוקן און קיינעם איז נישט דערלויבט געווען צוצוטרעטן צו אים נענטער.

איך האָב פריי אויסגענוצט יעדע מעגלעכקייט מיינע און באַזאָרגט אים מיט רייכערן.

זיין לאַגע האָט אים סוף־כל־סוף געבראַכט אין אַ מצב, אַז אים איז באַפאַלן אַ מעלאַנכאָליע. ער פלעגט זיך שלעפּן לאַנגזאַם, קוים דערהויבן די פיס, פאַמעלעך זיך אַראָפּבייגן, אויפהייבן יעדעס שטיקל אַוועקגעוואָרפענעם פּאַפּיראָס און פּאַקן אים אין מויל אַריין.

ביז איינמאָל איז ער קראַנק געוואָרן אויף דער רעכטער האַנט. עס האָט זיך אים געמאַכט אַ רויז, פון וואָס זיין גאַנצער אָרעם איז באַדעקט געוואָרן מיט אַ רויט געשווילעכץ. מען האָט אים אַוועקגעלייגט אין אַן איזאָלירטער אָפּטיילונג פאַר דידאָזיקע חולאים. דאָס איז געווען אַ שטרענג אָרט, ווו קיינער האָט זיך נישט געטאָרט באַווייזן, א חוץ דער באַשטימטער איינציקער פעלדשער אַרסענטיעוו.

אַרסענטיעוו איז געווען אַן עלטערער רוס, פון אַ יאָר פופצ-

ציק, מיט אַ דיקלעך פּנים און אַ גרויען קאָפּ האָר. אַ דיקע וואָל-העלם-וואָנסע אַרום די אויבערשטע ליפּ, גיט נאָך צו אַ באַזונדערן חן זיין אויסזען. וואָס דריקט אויס גוטמוטיקייט און ערלעכקייט צוזאַמען. אַ מענטש אָן אַ גאַל, וואָס נור צווישן רוסן געפונט מען זיי, וועלכן מ׳האָט נישט אומזיסט גערופן „דער מלאך פון די טויטע".

ביי אים, אין זיינע דריי באַראַקן ווו ער האָט געקעניקט אַלס אַ פעלדשער, האָבן זיך געפונען אויסשליסלעך בלויז אַזעלכע קראַנקע, וואָס האָלטן פאַרן שטאַרבן. יעדן באַגינען פלעגט ער קומען מיטן ראַפּאָרט צום דייטשן דיזשורנעם פעלדפעבל אָנקלאַפּנדיק אין טיר דריי מאָל, און נישט דערוואַרטנדיק זיך אויף קיין ענטפער, איז ער אַריין אין באַראַק, זאָגנדיק הויך אויפן קול מיט אַ געלעכטער:

— גוט מאָרגן, הער פעלדפעבל!

דאָס זענען געווען די איינציקע פיר ווערטער, וועלכע ער האָט זיך דאָ אויסגעלערנט אויף דייטש אין משך פון די עטלעכע יאָר.

— גאָט צו דאַנקען מיט חסד! — האָט ער געמאָלדן פאַרן פעלדפעבל — ביי אַ פופצן קראַנקע האָבן די הערצער אויפגעהערט צו קלאַפּן אין משך פון איבער דער נאַכט.

— מיט חסד, — האָט ער איבערגעחזרט, דרייענדיק מיט דער לינקער האַנט דעם שפּיץ פון זיין לינקער וואָנסע — וואָס וואָלט געווען, ווען טאָפּלט?

און וואַרפנדיק אַ ביטערן סאַרקאַסטישן בליק אויפן זיצנדיקן פעלדפעבל, וועלכער איז געזעסן קאַלט, גלייכגילטיק פאַרגאַסירנדיק מיט אַ רויטן בלייפעדער די נעמען פון די פאַרשטאָרבענע, וועלכע אַרסעניעוו האָט אין איין פּזמון, ווי אַ ייד זאָגט פון אויסנווייניק „אשרי" געשווינט אויסגערעכנט פון אַ פּאַפּיר יעדערן איינציקן טויטן, קלערנדיק בעת-מעשה ביי זיך: מיינע רייד ליגן אים אין דער לינקער פּאה, אָבער ביי מיר רופן זיי אַרויס אַן אינערלעכן פאַרדרוס, פון וואָס ס׳דערגנעמט זיך לעצ-

טנס אַ דריקונג בײַם האַרץ. ס'שאַפט זיך דאָרט אַ בערגל פֿון שטײַגער...

דערדאָזיקער אַרסענטיעוו האָט שוין זײַט עטלעכע טעג געהאַלטן אין איין אַרומלויפֿן אינם גאַנצן שפּיטאָל-לאַגער, זוכנ־דיק פּיעטראָווס באַקאַנטע זיי זאָלן זיך ווייזן צו פּיעט־ראָוון, וועלכע ער דאַרף עפּעס נויטיק איבערגעבן.

נישט יעדער האָט געוויינטלעך געוואָלט אַרײַנגיין. און ווען שוין יאָ, איז מען תיכּף נישט פֿאַרבערענגענדיק דאָרט לאַנג אַרויסגעלאָפֿן.

אָבער בײַ יעדערנס אַוועקגיין, האָט אַרסענטיעוו דערקענט אין פּיעטראָווס אויגן דאָס ער בלײַבט אַלץ אומצופֿרידן ווי פֿריִ־ער, נישט דערגרייכנדיק זײַן לעצטן רצון.

און אַרסענטיעוו האָט ווײַטער געהאַלטן אין איין אַרומ־זוכן פּיעטראָווס באַקאַנטע, נישט קאָנענדיק זיך בשום אופֿן אָריענ־טירן וועמען ער גאַרט, מיט וועמען ער וויל זיך זען.

— איינמאָל האָט ער מיך געפּאַקט:

— חבר! קום מיט מיר צו פּיעטראָוון, ער זוכט וועמען און איך ווייס נישט ווער דאָס איז?

אַרײַנקומענדיק אין באַראַק, האָט מיך פּיעטראָוו באַלד דער־קענט. בײַ אַרסענטיעוון האָבן זיך געגאָסן גרויסע טראָפּן שווייס פֿון פּנים, ווי גרויסע קײַלעכדיקע שטיקער האָגל און ער האָט געהאַלטן אין איין סאָפּן:

— נאַשאָל! נאַשאָל! (געפֿונען!)

מיר זיצן, — איך, מיטן פֿעלדשער, — און קוקן זיך רויק צו, ווי ער גייט אויס פֿאַר אומדזערע אויגן. איך נעם זײַן דופּק און באַמערק, אַז ער האָט אויפֿגעהערט צו קלאַפּן און ווי אומ־באַוווּסטזיניק לייג איך צו מײַן רעכטע האַנט אים צום האַרצן. ער האָט אַ ווײַל אַ האַסטיקן כאָרכל געטון און פֿאַרגלאָצט די אויגן.

איך, איבערגעשראָקן פֿון דעם, וואָס מיך האָט געטראָפֿן, האָב זיך אויפֿגעשטעלט — און אַרסענטיעוו, האָט זיך אַנידער־געקניט, האַסטיק איבערגעצלמט און געהאַקט זיך מיטן פֿויסט אין

הארצן. אויך איך האָב געזאָגט ודוי געקלאַפּט זיך אין הארצן.
צוויי הערצער פון צוויי באַזונדערע גלויבנס האָבן אָנגע־פילט דאָס צימער מיט א הויל פרום תשובה־פייניקונג און אויס־געמישט זיך מיטן לעצטן כאָרכל פון אַ גוססער מענטשלעכער נשמה.

* *
*

איך געפון זיך אין דעם אינוואַלידן־באַראַק, אַלס דיזשורנע־פעלדשער.

אין דער אַרומיקער שטילקייט פון די ליגנדיקע קראַנקע געפאַנגענע, ווענדעט זיך צו מיר איינער, אינגאַנצן אומדרייסט, מיט אַ שטים, וואָס דערמאָנט גיכער אַ קול פון יענער וועלט:

— אָט ליג איך שוין אויך אַ צייט דאָ ביים פיינט אין לאַנד, און איצט, ווי שווער עס זאָל נישט ווירקן די מחשבות אויף אונדזערע קראַנקע נערוון, פונם לאַנג־דויערנדיקן הונגער און יסורים. דאָך טראַכט זיך פאַרט...

יאָ! — מיר פאַרגעסן עס קיינמאָל נישט! מיר וועלן גע־דענקען די צייט, ווען עס רוישט ביי אַלע פעלקער דער דערוויז: פאַרטיידיקן דאָס אייגענע פאָטערלאַנד! די צייט, ווען מענטשן זענען איינגעצוימט געוואָרן אין אַ קייט, נישט צו דערלאָזן אַ־ר איבערייסן פונם פיינט.

און מיר, וואָס דער שיקזאַל האָט אונדז באַפוילן: זייט קרבנות פאַר דער היימאַט! — האָבן זיך געפונען באָענט פון דער פרידלעכער מענטשהייט אין אָרט און שטח. — אָבער ווייט, גאָר ווייט אינם פיינלעכן זין...

סך־הכל עטלעכע צענדליק וויאָרסט ווייט פון יענע מענטשן, וועלכע האָבן רויק געגעסן און נאָך רויקער געשלאָפן אויף זיי־ערע ווייכע געלעגערס.

מיר האָבן נישט געוווסט פון קיין רויקער מינוט. דער

פרימאָרגן איז פאַר אונדז קיין פרימאָרגן געווען. מיר האָבן אים דערוואַרט מיט שרעק און פּחד.

דער וויינדיקער פון ווייטנס, דיקער בוים, האָט אונדזער פאַנטאַזיע פאַרפירט און אים אויסגעמאָלן אין אַ דראָענדיקער פאַר אונדז משונהדיקער סטראַשידלע.

דער טאָג איז קיין טאָג נישט געווען.

ווען דער פיינט איז פון אונדז ווייט אָוועקגעשטויסן גע־וואָרן האָט מען די שיינע הערלעכע זוניקע טעג, פאַרבראַכט מיטן שלעפן, האַקן בוימער, גרובן גריבער, און בעת דער פיינט איז נאָענט געווען נעבן אונדז, אַרום אונדז איז מען כסדר געלעגן ווי ווערים באַהאַלטן, אויסגעמיטן און נישט געטרויט דעם אויג צו וואַרפן אַ בליק אינדרויסן אַרויס אויף דער נאַטירלעכער ליכ־טיקייט.

די נאַכט איז נישט קיין נאַכט געווען. צעשפּרייט אין קליינע אויסשפּירונגס־גרופּעס איז מען געשפּרונגען איבער קופּעס טויטע, און געהיימניספול זיך איבערגערופן מיט קוים האַלבע און פערטל קולות דעם פּאַראָל:

— ווער גייט דאָס?

אַן אומבאַגרייפלעכן כּוח האָט געמוזט באַזיצן דעם ער־שטער זעלבער דער ראַזוויעטשיק, (מרגל) וועלכער האָט זיך דער־וועגט און מיט אַ קאַלטן לײדנשאַפטלעכן ציטער אינם קול, אַ פרעג געטון מיט אַ האַלב מויל:

— ווער גייט?

דאָס איז געווען דער ערשטער שטאַפּל וואָס האָט דער־פירט צו דער בחינה צו ווערן שטימונגס־גייסטער.

אָדער מ'איז געלעגן אין די שויץ־גרובנס, און קוים געדרימלט אונטער די כסדרדיקע שאָסן פון די קוילן־וואַרפערס און האַר־מאַטן, וואָס האָבן אָנגעהאַלטן לאַנגע — לאַנגע שעהן, און נישט אויפגעהערט ציפּן אין וועקן די מידע שלעפערדיקע נערוון. שלאָף נישט סאָלדאַט! אַט מוזטו דיך באַלד אויפכאַפּן ווי אַן אָפּגע־ריסענער הונט פון די קייט און לויפן, לויפן אין איין אימפּעט, נישט אומצוקוקן זיך ווהין אונטערן האָגל פון פאַלנדיקע שטיקער

פלאַם-פייערדיקע שמעלץ-אייזנס, וואָס האָבן אונדז באַשפּיגן און באַוואָרפן, אַרומרינגלענדיק אונדז פון אַלע זייטן און נישט געלאָזן אַביסל אָפּאָטעמען.

דער מענטש איז דאַן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אמת-דיקער ווילדער חיה אין וויסטן וואַלד. דער געדאַנק עגבערט אין מוח: — אויף אונדז מענטשן, ווערים, שיסט מען מיט די זעלביקע קאָלאָסאַלע פאַרניכטונגס מיטלען, ווי אויף פעסטונגען?

— כאַ, כאַ, כאַ! — נישט קיין גייסט איז אין אונדז, נור עפּעס אַ טויטע געגנשטאַנד, ווען נישט? וויאַזוי טרייבט מען אונדז?

ווי אַן עלעקטרישער ברי, פאַרשרפּהט פאַרברענט אַ נאָענט צורירנדיקן זיך מענטשן און פאַרוואַנדלט אים אין אַ שטיק קויל, — אַזוי הערט דער פונק, וואָס מיר באַצייכנען עס — געפיל, פאַרלאָשן און דער מענטשלעכער מוח פאַרוואַנדלט זיך אין אַ הייסע צעווילדעוועטע נאַטור. נישט נאָר באַגנעטן, שווערדן בלאַנקן, נור די גאַנצע אינערלעכע נשמה, ווי דער חומרדיקער גוף פלאַקערן אונטערן אינסטינקט, צו פאַרטיידיקן זיך אַקעגן פיינט. פון קאָפּ מישוגג קומט מען צום אומבאַוווסטזיין.

אין דער מינוט ווען מען דערשפּירט דעם הייסן ברי פון דער באַקומענער חוגד, שטראָמט שוין וואַרעם רויט בלוט. אונטערן אויפברויז פונם שטאַרקן ווייטאָק, פאַלט מען ווידער צוריק אין דערווירקלעכקייט, דערזעענדיק אַרום זיך דעם אַרומיקן אַלגעמיינעם פאַר אונדז באַקאַנטן פעלד-פּייזאַש.

פונקט ווי אַ שטורם-ווינט צעיאָגט לייכט צעוואָרפענע שטרוי, אַזוי לויפן זיך די מענטשן פאַנאַנדער אונטערן געדונער און געבליץ פון די פייַנטלעכע האַרמאַטן, אונטערן רעגן פון די ביקסן און קוילן-וואַרפערס.

ווער עס קאָן, לויפט אַוועק ווייטער און ווייטער.

און מיר. די פאַרווונדעטע, בלייבן ליגן אויפן רוקן, און קוקן מיט די אָפענע אויגן. דער מוח ווערט אויסקריסטאַליזירט, באַקומענדיק אַן איבערמענטשלעכן אַנטפלעקונגס-גייסט, אָבער עס

פילן זיך אויף פיזישע יסורים, וואָס לאָזן נישט אָפּ, וואָס געבן נישט קיין רו.

דורכגעווייקט אין בלאָטע, וואַרפנדיק זיך אין פיבערהאַפטיקע קאָנוווּלסיעס, הערט זיך אַרום געשרייען, קרעכצערייען פון מענטשלעכע העלדזער וואָס בעטן זיך:

— הימלען! וואָס עפנט איר זיך נישט?!

— — — — — — — —

די ערשטע פּאָר מאָל ביים איבערבינדן די וווּנדן און דאָס רייניקן זיי, פאַרשאַפט אונדז אומגעהויערע ווייטאָקן, צו וואָס מען געוווינט זיך צו* בהדרגה, איינציקוויז, — און איצטער אין שפּיטאָל הייבט מען אָן דערפילן דאָס מען פאַרמאָגט אויך אַ נשמה, און ס׳פעלט עפּעס. — וואָס פעלט?

— אַ פּוס — אַ האַנט...

און ווען פריער, ביזן אַריינקומען אין שפּיטאָל, האָט מען זיך געפונען אין אַ בלוט-קאַלוזשע, דערשפּירט מען איצט, ווי מ׳איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פאַרשטיקטע טרערן געמיטס-קאַלוזשע.

עס ווילט זיך נישט קיין קוק טון אויפן פעלנדיקן אבר — און דאָך, ווי טרויעריק עס זאָל נישט זיין, גיט מען נישט ווילנדיק אַ קלער: צי וועט מען איבערהאַלטן? וועט מען זיך ווען עס איז קאָנען צוגעוווינען?

ווי אַ מיידל, וועלכע האָט אויף אַ שרעקלעכן אופן פאַרלוירן איר אומשולד, און ווייסט נישט קלאָר, וואָס מיט איר איז פאָרגעקומען, פונקט אין אַזאַ ענלעכן צושטאַנד געפינט מען זיך אין משך פון אַ וואָך צייט און מער.

פאַרשטימט, נישט צו ריידן צו קיינעם קיין וואָרט, ווייל דאָס לשון פעלט, די אויגן אַראָפּגעלאָזן צו דער ערד, — אָט אַזוי וואַלגערט מען זיך אויפן געלעגער. און שפּעטער, אַז מען קומט שוין אַביסל צו זיך, אַז דער ווייסער ריינער און רויקער באַראַק דערמאָנט סוף-כל-סוף, אַז מען איז שוין נישט מער אויפן בלוטיקן טויטן-פעלד. פעלט מען עפּעס אַריין אין אַ כסדרדיקן היץ-פיבער.

אָבער אויך דאָס גייט אַריבער.

מען נעמט זיך אַרומקוקן, אָפּשפּיגלען זיך איינער אָן צווייטן.

מיר, די, וועלכע זענען אויסער פיזישע, אויך גייסטיקע אינוואַלידן פאַרבליבן, בייגן די קעפּ פאַרן סוד, וואָס איז אונדז נתגלה געוואָרן — צו זיין דער בוימל, דער נר־תמיד, פאַר דער נאָרמאַלער מענטשהייט, צווישן וועלכע מיר קאָנען שוין קיינמאָל נישט פאַררעכנט ווערן.

מיר, אַן אָביעקט אויף צו ווערן עקספּערימענטירט דורך די דאָקטוירים, וועלכע קאָנען אין אַ נאָרמאַלער צייט נישט האָבן אַזאַ ריזן פּראַקטיק, הגם דער שטיקנדיקער אויר פון די פליסנדיקע מאַטעריע פאַריאָגט זיי, וואַרפן מיר זיך אונטער דעם בלינדן שיקזאַל מיט אַ רויק געוויסן און פאָלגן געהאָרכזאַם דעם געבאָט פונם אומבאַגרייפלעכן דיקטירטן באַפעל:

לעב און קעמף! ווייל דאָס איז דער גאַנצער צוועק פונם דאָ־זיין.

* *

*

אינדערצייט פון אַרבעט, ווען איבער יעדערן געפאַנגע־נעם באַזונדער איז געשטאַנען אַן אויפזעער אַ רשע, אַ נוגש, וועלכער האָט געקוקט פּשוט אויף די פינגער און געבראָטן יע־דערן מיט זיין בייזן בליק — האָט זיך דאָ אויך געפונען אַ ציוויל־געפאַנגענער ערגעץ פון אַ גרענעץ־שטאָט, וועלכער איז פאַרבליבן און זיך נישט געקאָנט, אָדער נישט געוואָלט צוריק־קערן אַ היים ביים אָנהייב פון דער מלחמה. דאָ האָט ער זיך געפילט אַביסל פרייער, ווייל ער איז דאָך נישט געווען קיין זעלנער וואָס איז געגאַנגען אַנטקעגן פיינט.

האָט זיך אַמאָל געמאַכט אַ פאַל, אַז אויך צו אים האָט זיך צוגעטשעפּעט אַ וואַכמאַן, דער שומר איבער די געפאַנגענע און געוואָלט באַווייזן זיין בריהשאַפט און זיין תקיפות איבער אים.

אין אָנהייב האָט ער פּאָר ליב געגומען די רייד פון וואַכ־מאַן מיט זיין בטול-אַנטוואָרט: — „ניכטס צו מאַכן!"

אָבער איינמאָל שטייט דער ציוויל־געפאַנגענער גראָד אין פעלד און אַרבעט. ס'איז געווען שניט־צייט. דער הויך־וווקסי־קער פּאָליאַק, געזונט און שטאַרק ווי אַ ריז, איז פאַרנומען מיט דעם סערפּ אין האַנט — שניידט, וואַרפט אַהין און צוריק די גע־פאַלענע זאַנגען קאָרן. פאַרגלוסט זיך דעם נאָענט שטייענדיקן וואַכמאַן, וועלכער גיט אַכטונג אויף די אַרומיקע קריגס־געפאַנ־גענע, איבער אים אַ מול צו עפענען, און ער צעשרייט זיך אויפן קול:

— ראַש, אַרבייטען!

דער פּויער, ווי ניט אים מיינט מען, טוט דווקא פּאַר־קערט, און ווייל יענער וויל, נעמט ער וואָס אַ מאָל אַלץ פּאַ־מעלעכער באַוועגן מיט דעם סערפּ אין דער האַנט.

דער וואַכמאַן לויפט צו אים אונטער. און בעת דער פּויער הויבט אויף דער סערפּ און צעמאַכצוועט זיך אַראָפּצולאָזן זי קווער אויס איבער די זאַנגען, גיט דער וואַכמאַן אים אַזאַ שטופּ, אַז ער פאַלט האַסטיק אום מיטן סערפּ אויף דער לינקער האַנט, און שניידט איר מאָמענטאַל אָפּ. אַ צערייצטער פונם בליק-שנעלן ווייטאָק, גיט דער פּויער דעם סערפּ אַ וואָרף צוריק, און זי פאַלט אים אויך אויף דער צווייטער רעכטער האַנט און שניידט איר אויך מאָמענטאַל איבער.

אַ פאַרבלוטיקטן און פאַרבאַנדאַזשירטן ברענגט מען אים דאָ אַריין אינם לאַזאַרעט.

ער ליגט אויפן בעט און האַלט אין איין קרעכצן, די ווייטאָקן לאָזן אים נישט אויף קיין רגע איינשלאָפן.

פּלוצלינג, כאַפּט ער זיך אויף פון בעטל און צעשרייט זיך ווי אַ צערייצטער וואָלף מיט אַן אויסערגעווייגלעכער שטאַרקער שטים, און מאַכט דערביי אַ געדרודער מיט די פיס, נעמט זיך וואַרפן, קלאַפּן און צעשליידערט אַלץ אַרום זיך. אַלע מענטשן וועלכע לויפן צו אים צו און ווילן אים באַרויקן, צע־מזיקט ער, צעבייסט מיט זיינע פעסטע, געזונטע ציין — אַז עס

האלט אָן אַ פּחד אויף אַלעמען אין באַראַק. ער האַלט כּסדר אין איין איבעררײַסנדיקן הויך שרייען, און אין איין צעקלאַפּן אַלץ וואָס עס קומט אים אונטער.

אַלע קראַנקע מוזן פאַרלאָזן דעם באַראַק, די פענסטער און טירן צעבראָכן אויף שטיק־שטיקלעך. צענדליקער דייטשע זעל־נער קלייבן זיך צוזאַמען אים אײַנצושטילן און ער לאָזט זיך בשום אופן נישט. שרייט, האַקט און ליאַרעמט, און מ׳קאָן זיך מיט אים קיין עצה נישט געבן.

דאָס משוגעים־העמד, וואָס איז ספּעציעל געמאַכט אַריבער־צעוואַרפן אויף אַזאַ איינעם, כּדי צו פאַרבינדן אים די הענט מיט די פיס, איז אוממעגלעך דאָ צו באַנוצן, ווייל ער האָט דאָך קיין הענט נישט, נור דורכגעווייקטע, הויכע רויט־פאַרבלוטיקטע באַנדאַזשן.

ענדלעך, וואַרפנדיק אויף אים עטלעכע פאַרמאָרפיומירטע נאָז־טיכלעך, האָט מען אים נאָך גרויס מאַטערניש אַביסל אײַנ־געשיכּורט. ערשט איצט האָט מען געקאָנט צוטרעטן צו אים נענ־טער, לאַנגזאַם אײַנשלעפערנדיק אים אינגאַנצן, האָט מען אים פעסט געבונדן די פיס, געשלאָסן זיי אין קייטן און געמאַכט אים אומשעדלעך.

אין אייניקע שעה שפּעטער איז ער צוריק וואַך געוואָרן, און מיט גרויס אימפּעט זיך ווייטער גענומען וואַרפן פונם בעט אַראָפּ און געהאַלטן אין איין געוואַלדצווען און שרייען:

— גאָט! יעזוס כּריסטוס!!

די קולות זײַנע זענען וואָס ווײַטער געוואָרן אַלץ שטאַרקער, ער האָט די גאַנצע צייט נישט געוואָלט עסן און פון שגעון און יסורים זיך געוואָרפן מיט די שאַרפע ציין אויף אַלע, וואָס האָבן זיך דערנענטערט צו אים. ווי אַ שטאָלצער לייב, האָט ער זיך נישט געלאָזט באַהערשן און כּסדר געהאַלטן אין איין שרייען.

צוויי טאָג צייט האָט עס אַזוי אָנגעהאַלטן. דער געפלאַצ־טער איבערגעריסענער אָדער פון דער רעכטער האַנט האָט אים אויף קיין רגע קיין מנוחה נישט געגעבן. קיין מעדיצינישע

היילף האָט מען אים נישט געקאָנט דערלאַנגען, ביז ער האָט גע-גומען גוססן.

ערשט איצט, האָט מען דערלויבט צו קומען אויף אַ באַ-זוך אין שפּיטאָל-באַראַק זיין פרוי און קינדער, וועלכע זענען ביז היינט נישט צוגעלאָזן געוואָרן צו אים. איצטער זענען זיי געשטאַנען ביי זיין בעט און צוגעקוקט, ווי זיינע אויגן עפענען זיך דאָס לעצטע מאָל ברייט אויף, און פאַרמאַכן זיך שוין אויף תמיד.

* *

*

פאַר יעדערן וואַכמאַנס אויג זענען טעגלעך אַדורך כלערליי גרויזאַמע סצענעס, וואָס וועלן לאַנגע יאָרן בלייבן אומפאַרגעס-לעך און תמיד שטיין בולט פאַר יענע אַלע, וועלכע האָבן זיי געזען.

דער עטיקעט פון דער בלוטיקער צייט האָט געפאָדערט, אַז בעת עס האָט גערונען מענטשלעך בלוט ווי וואַסער אויף די פאַרשידענע פעלדער פון די פראָנטן, און אויך דאָ ביים פיינט אין לאַנד איז נישט פיל בעסער געווען, זאָל דאָך אָנקומען אַהער פון רוסלאַנד אַ דעלעגאַציע, כדי צו ברענגען פון דערהיים אַ גרוס און איבערצוגעבן צוריק אַ לעבעדיקן גרוס פון די אַלע קעמפערישע לאַנדסלייט אין די צעוואָרפענע קריגסגעפאַנגענשאַפטן ביים שונא, ציילנדיק דערמיט, פונקט ווי מען וואַרפט אַ טרייען הונט אַמאָל אַ ביין, אַזוי אונדז איצט אין דער טרויעריקער לאַגע פון געפאַנגענשאַפט, אָפצוקערן די געמיטער מיט אַ שטיקל טרייסט—אָט זעט ווי אייער רוסישע מלוכה זאָרגט וועגן אייער שיקזאַל.

עפּעס האָט עס געשמעקט, ווי אַ לייכט ווינטל פון פרידן. אין אמתער רוסישער מענטש ווערט פריי אַריינגעלאָזן אַהער, זיך צו דערוויסן פערזענלעך וועגן דעם מצב פון געפאַנגענע לאַנדס-לייט דאָ אויפן אָרט, נאָכצופאָרשן און דערגיין דעם אמת וועגן די אומגלייבלעכע מעשיות, וואָס זיי האָבן זיך אָנגעהערט.

צו שוידערלעך ווייזט אויס, האָבן זיי אויסגעוויזן די גרוי-

זאַמע שילדערונגען, וואָס שפּילן זיך אָפּ אינם לאַנד פון אויפֿ־בערציוויליזאַציע. דאָס לאַנד אין איראָפּע וואָס האָט אָן אויפהער געשריגן אין די אויערן פון דער וועלט, אַז זי איז אויסן נור די טובה פון די אונטערגעדריקטע פעלקער, אַז נור פאַר זייער זעלבסטשטענדיקייט און פרייהייט קעמפט זי.

מער ווי אַ וואָך צייט האָט געדויערט דאָס רוימען און שייערן פון די באַראַקן און די פּיבערדיקע אַרבעט ריין צו מאַכן אין אַלע ווינקעלעך פון לאַגער, — אומעטום איז געוואָרן ליכטיק, ריין און זויבער — ממש אַ גן־עדן.

איינמאָל אין אַ פרימאָרגן זענען מיר אויפגעוועקט געוואָרן מיט די אָנגעזאָגטע אונדז בשורה טובה, אַז „זיי זענען דאָ".

די דייטשן האָבן געמיטלעך, שטיל ווי די טייבעלעך, גוט־מוטיק אויסגעשטעלט די רוסן אין לאַנגע רייען, די אונטעראָפּי־צירן באַזונדער, און די געוועגלעכע זעלנער באַזונדער.

מיר האָבן געהאַט באַשטימט, אַז ווען דער דעלעגאַט וועט פרעגן ווי עס לעבט זיך דאָ, זאָלן אַלע שרייען אין איין קול אָן פחד: „מיר הונגערן!" און מען זאָל זען שילדערן די אמתע אַלגעמיינע לאַגע ווי ווייט מען וועט נאָר קאָנען.

נאָך לאַנגע שעהן שטיין הונגעריקע און אומגעדולדיקע, ריידנדיק און טראַכטנדיק, ווי היינט וועט מען מסתמא באַקומען אַ מיטאָג מיטן קייזער צוגלייך, און, אַז ווען דער דעלעגאַט וועט באַזוכן די קוך און פרוון דאָס עסן, וועט מען אים זיכער אונ־טערגאַרן, איינרעדנדיק אים, דאָס טאָג טעגלעך קאָכט מען אַזאַ גוט און געדיכט מיטאָג ווי היינט, זאָלן מיר דאַן דרייסט דאָס פרוון לייקענען.

יעדער ביי זיך אין האַרצן האָט באַשטימט, נישט צו קוקן וואָס אַלע וועלן רעדן מיט אַ מאָל, נור ער גופא מוז דערציילן זיין צער און פיין באַזונדער.

ענדלעך האָבן זיך אַ שיט געטון אַ טוץ גענעראַלן פון דער „וואָך", צווישן זיי צוויי פרויען: איינע אַ יונגע, שיינע, בלאָנדע, הויכע, שלאַנקע פרוי, געקליידט ווי אַ קראַנקן־שוועסטער, מיט אַ אָנגעהאָנגענעם זילבערנעם קרייץ אויפן האַרצן, לויטן אָנבלי־

אויף איר פנים, איז געווען צו באַמערקן, דאָס זי איז נישט קיין רוסישע, וואָס עס האָט זיך טאַקע שפעטער ווירקלעך אַרויס־געוויזן; זי איז געווען אַ געבוירענע דייטשקע, אַ פאַמיליענגליד פון רוסישן קייזערלעכן הויף, איצט אַ רוסישע פרינצעסין מיטן נאָמען טאַטיאַנאַ.

זי האָט העפלעך אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ און אָפּגערופן זיך הויך צו אַלעמען:

— זדראַסטוווטיע רעביאַטאַ! (זייט באַגריסט קינדער!)

— זדראַסטוווטיע! (מיר באַגריסן!) — האָבן אַלע ווי איין מאַן, הויך אָפּגעענטפערט.

מיט לאַנגזאַמע, קליינע פרויען־טריט, איז זי אין דער באַ־גלייטונג פון אַ סוויטע דייטשע הויכגעשטעלטע לייט פון לאַגער־נאַטשאַלסטוואָ פאַרבייגעגאַנגען די לאַנגע רייען פון די געפאַנ־גענע, געהאַלטן אין איין שאָקלען מיט אַ באַזונדערן פרויען־חן מיט איר קאָפּ, באַגריסנדיק אַלעמען און איבערחזרנדיק אָן אויפהער די ווערטער:

— בודטיע זדאַראָוו! (זייט געזונט!)

די געפאַנגענע זענען געשטאַנען און זייערע פנימער האָבן זיך באַגאָסן מיט טרערן געמישט מיט פרייד, — עפעס אַ קליי־ניקייט! מ׳זעט פאַר זיך אַן אייגענעם מענטשן פון רוסלאַנד.

און אַ צער האָט זיך ביי אַלעמען אין געהיים געפילט...

עפעס מערקט זיך ביי יעדערן, ווי דאָס לשון איז פון אים פלוצלינג אַוועקגענומען געוואָרן.

שטיל, ווי דערשראָקענע פייגל, איז מען געשטאַנען. קיי־נער האָט נישט געהאַט קיין העזה אַרויסצורעדן הויך דאָס איינ־ציקע וואָרט: „זייט וויסן!״...

ביין! — קיינער האָט זיך די דרייסטקייט נישט גענומען דאָס צו טון. עפעס האָט מען בעסער געפרווט איינצוהאַלטן ווי ווייט מעגלעך דעם קוואַל פון טרערן, וואָס האָט געהאַלטן אָט באַלד אין אויסגיסן און איבערפלייצן יעדערנס פנים.

ווען זי האָט געענדיקט אַרומגיין צווישן אַלע אויסגע־שטעלטע רייען געפאַנגענע, האָט זי צווישן אַ קופּע הויכע לייט

צוגערופן א דייטשן איבערזעצער, וועלכער האָט אין נאָמען פון דער רוסישער רעגירונג אַלעמען באַרויקט:

— אין גאָר אַ קורצער צייט, ביז ניי־יאָר 1918 וועט שוין יעדער זיין ביי זיך אינדערהיים — האָט ער אויף אַ הויך קול אויסגערופן.

— שאַפקי דאָלאָי! (די היטלען אויסגעטון!) — האָט דער איבערזעצער אַ באַפעל געגעבן.

און מאָמענטאַל, נישט ווּיסנדיק פון ווו ס'דערנעמט זיך, האָט געשאַלט די שטימע פון טויזנטער מענטשן:

— „באָזשע צאַריאַ כראַני!" (גאָט היט דעם קייזער).

ווען דער רוסישער הימן האָט זיך געענדיקט, איז דער גאַסט פון רוסלאַנד, די פּרינצעסין שוין געשטאַנען אין אַן אָפּע־נעם עלעגאַנטן לאַנגן אויטאָ, פון ביידע זייטן נעבן איר זענען געזעסן צוויי דייטשע גענעראַלן.

איינבייגנדיק זיך צו אונדז זייער העפלעך, האָט זי גע־האַלטן אין איין פאָכן צו אונדז מיט אַ ווייס טאַשנטיכל, אויס־רופנדיק:

— דאָ סווידאַניאַ! דאָ סווידאַניאַ! (צום ווידערזען!)

אזוי האָט זי זיך פון אונדז אָפּגעשיידט, איבערלאָזנדיק אונדז געפאַנגענע אין אַ געדריקטער שטימונג.

פאַנאַנדערגייענדיק זיך יעדערער אין זיין באַראַק, האָט מען אויסגעהונגערטע צוגעכאַפּט זיך צום עסן, און ווי דערשטוינט איז מען פאַרבליבן, ווען אויך היינט אין דעם „פּיל ערוואַרטנ־דיקן טאָג" האָט מען באַקומען נישט קיין געדיכטערע זופּ ווי אַן אנדערש מאָל.

— אויך היינט — האָט יעדער געמורמלט: — האָט מען אונדז אָפּגענאַרט..

פאַרשעמט איז יעדער געזעסן אין זיין ווינקל און גע־ביסן די ליפּן פאַר שאַנדע און ווייטאָק.

* *

עס גייט צו די ימים-נוראים. יידן דאָבן באַקומען די מעגלעכקייט איינצוואָרדנען אַן אייגענע שול צום דאַוונען און אַ סך יידן האָבן זיך באמת גענומען גרייטן תשובה און תפילה צו טון, אין די הייליקע טעג.

אין לאַגער האָט זיך געפונען אַ יידישער געפאַנגענער מיטן נאָמען מוסע גאָוולאָוו. געווען איז ער פון די טיפע ווייטע רוסישע גובערניעס. קיין יידיש וואָרט האָט ער נישט געקאָנט אַרויסריידן, נאָך אויסשליסלעך רוסיש וואָס ער האָט געקאָנט און איז ביי אים אויך געווען זיין מוטער-שפּראַך. אין איר האָט ער זיך דערצויגן, אין איר האָט ער געטראַכט און געחלומט, די רוסישע הייליקע געבעטן האָט ער פונקט ווי דער געבוירענער רוס געקאָנט אויסנווייניק.

קומענדיק אַהער, אין אַ יידישער סביבה, וואָס איז אים ביז איצט געווען פרעמד אינגאַנצן, האָט ער זיך איצטער גענומען גוט און היימישער פילן, קומענדיק אַזוי אַרום אין נאָענטע באַציונגען מיט זיין שטאַם, צו וועלכן עס האָט אים געצויגן און ביז היינט, איידער ער איז אַהערגעקומען אין געפאַנגענשאַפט נישט געהאַט די געלעגנהייט צו באַקאָנען זיך מיט זיי.

געבוירן ביי רייכע לייט, אין דער יוגנט איז אים געשטאָרבן זיין פאָטער. נאָכן פאָטערס טויט איז ער זיך מיט זיינעם אַ דערוואַקסענעם ברודער פאַנאַנדערגעגאַנגען אין מיינונגען. דער ברודער איז געווען אַ רעוואָלוציאָנער-טעראָריסט. לויט דעם פאַרטיי-באַפעל האָט ער דערמאָרדעט דעם פאָליצמייסטער פון שטאָט און מ'האָט אים דערפאַר געהאָנגען. און ער, דער יונגערער ברודער מוסע, איז צוליב זיין תמימות געבליבן אונטערשטעליק אינם פאָליטישן זין, דערפאַר איז ער געווען אַ מענטש מיט אַ ריינער נשמה, וואָס מ'האָט עס דערקאָנט אין זיינע מעשים. אים האָט געצויגן צו רעליגיע, דאָס דאַוונען די טרויעריקע ערנסטע ניגונים פון די תפילות, האָבן אים אַריינגעבראַכט און אַנטציקונג.

דאָ אינם לאַגער, האָט ער זיך כסדר געלערנט פון אַ סידור די תפילות, און געפרייט זיך ווי אַ קליין קינד מיט יעדער קלענסטער דערגרייכונג.

ס'קומט אָן דער הייליקער טאָג יום-כיפור, אינדערפרי, קומט ער אין שול פון די ערשטע. די באַקומענע פייקע ברויט פון די פיר-הונדערט גראַם, האָט ער אויסגעלייגט ערגעץ אין שול אין אַ ווינקל און אַ גאַנצן טאָג האָט ער געהאַלטן אין איין דאַוונען אָן אָפּרו.

נאָכן תענית ביים ענדיקן מעריב ווען מען האָט נאָר געהאַט אָנגעצונדן די ליכט, איז ער צוגעגאַנגען אָפּזוכן זיין שטיקל באַהאַלטן ברויט, אָבער צו זיין גרעסטער דערשטוינונג האָט עס עמעצער פון די דאַוונער באַמערקט און נישט קאָנענדיק באַצווינגען זיין תאווה, האָט ער עס פאַר זיך צוגענומען און אויפגעגעסן.

מיט היסטערישע הילכיקע אויסגעשרייען, האָט ער זיך אָנגעהויבן רייסן די האָר פון קאָפּ און געפאָדערט ביי אַלעמען יושר:

— ווו איז דאָס ברויט אַהינגעקומען? ווער האָט עס זיך געקאָנט דערוועגן אינם הייליקן טאָג צוגנבענען אַזאַ בלוטיקע זאַך?

אַהיימגעגאַנגען איז ער פון שול מיט גאָרנישט. קיינער האָט אים נישט פאַרשטאַנען, וואָס איז דאָס פאַר אַ הימל-שרייענדיקע אומרעכט? גענומען, אויפגעגעסן און פטור — האָבן זיך דערהערט שטימען — צוליב אַ קרישקע ברויט איז מען ביכולת דעם צווייטן צו דערהרגענען, ווייל אין אַזאַ צייט לעבט מען און ווען דער הונגעריקער האָט דעם נסיון נישט געקאָנט ביישטיין, קומט דען אים עפּעס דערפאַר? ווען־דיק דעם פאַרברעכן אויסמיידן, האָסטו באַדאַרפט דאָס ברויט אין מלבוש וואָס דו טראָגסט אויף זיך, פעסט באַהאַלטן, נישט ברענגען אַ מענטשן צום עובר זיין אויפן לא תחמוד. ווען נישט ווילנדיק, ווען נאָר די אויגן האָבן געזען ברויט, האָט דער נעמער אַ קאָפּ-שווינדל באַקומען, אומבאַוווסטזיניק נישט וויסנדיק וואָס ער טוט, האָט דער מאַגן אים באַוווינגן דאָס צו טון, — גיי און באַשולדיק אַ פאַרפירטן מענטשן.

אָבער ער, מוסע גאַוולאָוו האָט דידאָזיקע רייד נישט גע־קאָנט באַנעמען.

אים האָט מען דערנאָך געטראָפן אַ מעלאַנכאָלישן, אַ פאַר־שטימטן, ארומשפרייזן איבערן לאַגער, וואַרפנדיק אויף אַלעמען פאַרצווייפלטע בליקן, אָדער שטייענדיק אויף אַן אָרט ווי אַ גולם, נישט רירנדיק מיט קיין עבר האָט ער מיט דער רעכטער האַנט זיך געקלאַפּט אין שטערן, זאָגנדיק אויף אויסנווייניק יידישע תפילות געמישט מיט פּראַוואָסלאַוונע געבעטס פסוקים.

פיל האָבן אין אים דערקענט אַ פרישן קרבן פון לאַגער־לעבן, צו וועלכן די צרות האָבן דערפירט.

* *
*

אהער אין לאַגער, האָט זיך פאַרוואַלגערט פון רוסלאַנד איינער, וועלכער איז פאַר אַלעמען געווען אַ מין רעטעניש. געווען איז ער אַ סובאָטניק. געבוירן אין סיביר אין אַ דאָרף פון בלויז סובאָטניקעס, ווו מהאָט זייער שטרענג געהאַלטן פון דער תורה־שבעל־פה, אָפּהיטנדיק שבת, מילה און נאָך אַנדערע מצוות.

משדך זענען זיי זיך בלויז צווישן זיך, יידן טאָרן זיך מיט זיי נישט מתחתן זיין, און מיט די רוסן, מיט די סלאַוון, זענען זיי זיך ווידער נישט משדך. באַשעפטיקן זיך בלויז מיט ערד און בהמות־האָדעווען. זיי זענען אַלע געזונטע פעסט־געבויטע ברייט־פּלייציקע פּויערים. די קינדער דערציען זיי אין אייגענע שולן, ווו מ'לערנט מיט זיי העברעיש, און אויך דאַווענען.

דער יינגערמאַן פון דערדאָזיקער סעקטע, וועלכער איז גע־ווען ביי אונדז אין קריגס־געפאַנגענשאַפט, האָט זיך תמיד געהאַלטן אין דער געזעלשאַפט פון די רוסן, ווייל מיט דער שפּראַך איז ער געווען נענטער צוגעבונדן צו זיי, — אָבער אין גייסט, אין דענקען, האָט ער זיך דאָך געפילט נענטער צו די יידן. און דאַריבער איז ער דאָ פאַרבליבן מאָדנע פאַראיינזאַמט און קיינער האָט נישט געפּרוּווט טיפער אַריינדרינגען און זיין טראַ־גישער נשמה, וועלכע האָט דאָ מאָדנע געליטן.

איינע פון די גרעסטע פאַרגעניגנס זיינע איז געווען, ווען אין לאַגער־שול, בעתן דאַווגען אין די שבתים, האָט מען אים אויפגערופן צו קריאת־התורה. אייגנווייקלענדיק זיך אין אַ טלית, האָט זיין פּנים געשיינט פון גליק, פילנדיק זיך דערפון צופרידן דעם גאַנצן טאָג, וואָס ער האָט געהאַט די זכויה גלייך מיט אַנדערע יידן אויפגערופן צו ווערן צו דער תורה.

זיין מזל האָט אים באַשטימט דאָס ער זאָל זיין ביי דער אַרבעט אַ „דענטשיק" אינם הויז פון אַ דייטשן גענעראַל, וועלכער איז געווען די גאַנצע צייט פון קריג אויפן פראָנט.

ער האָט באַדאַרפט אויספירן פאַרשידענע הויזלעכע אַרבעטן ביים גענעראַלס פאַרבליבענע פאַמיליע אין דער גאַנטער שטאָט.

יעדן פרימאָרגן איז ער אַוועק אַהינצו ביז אָוונט, פונוואַנען ער פלעגט נאָכדעם צוריקקומען אין לאַגער אונטער דער באַגלייטונג פון אַ וואַכמאַן.

און אָט איז דער שטילער עטיש־געשטימטער יונגער מענטש געוואָרן אַ שפּילעכל ביי עטלעכע פרייליינס, וועלכע פלעגן אַריינקומען דאָרט צו דער פרוי פונם גענעראַל. אינדערצייט ווען דער מין מאַנספּערזאָן איז ביי זיי געווען ממש דער גאָט פון זייער עקזיסטענץ און ווען קיין אייגענע דייטשע יונגע־לייט זענען אין שטאָט נישט געווען בנמצא, אויסער אַלטע גראָע רעזערוויסטן, האָט מען זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם באַחנטן אומעטיקן מענטשן.

אויף שטום־לשון האָט מען זיך באַלד גענומען דערקלערן אים—דעם שיין געבויטן יונגערמאַן מיטן קאָפּ בלאָנדע געקרייזלטע האָר, אויפן קלאָר ווייסן פּנים, מיט די פּאָר גרויסע בלאָע אויגן, וועלכע האָט זיי פאַרכישופט, — אין ליבע און טרייהייט.

צוויי פרויענצימער האָבן גענומען צווישן זיך קאָנקורירן ווער ס'ציט מער אויפמערקזאַמקייט אויף זיך פונם שיינעם „ברויטיגאַם".

און ער האָט גאָרנישט באַמערקט די לויערנדיקע סכנה, דאָס ער איז געוואָרן אַ שפּילעכל צווישןביידע פרייליינס, וואָס

וענען געוואָרן אויפגערעגט און באַליידיקט פון איפערזוכט און נאַרישע רכילות.

איינמאָל האָט איינע פון זיי, אים דערלאַנגט אַ גלאָז וויין צום טרינקען. ער, אַ דורשטיקער צו אַזאַ מין פיינעם שמעקעדיקן געטראַנק, האָט זיך אָן שום חשד, אָן איבערלייגונג צוגעכאַפּט צו דעם, אויסגעטרונקען מיט איין זופּ — און אַוועקגעפאַלן אויף דער ערד.

מ׳האָט אים געברענגט אין לאַזאַרעט און געפּרוּווט אויספּלומפּען די קישקעס, און אויסשווענקען דעם מאָגן מיט גאַנצע קאַנען מילך, אָבער ס׳איז געווען אומזיסט, ער איז געבליבן שטום און טויט, נישט אַנטפּלעקנדיק פאַר קיינעם זיין טראַגישן סוד.

דער קראַנץ בלומען, וואָס איז אויף אַ געהיימניספולן אופן אַוועקגעלייגט געוואָרן נאָך דער לויה אויף זיין קבר, האָט פאַר פיל פון אונדז געפאַנגענע קלאָר געמאַכט דאָס געשעענע...

# דאָס פּילאָזאָפן־געסל

צווישן די צענדליקער הילצערנע האַלב־שטאָקיקע לאַנגע באַראַקן מיט אָן אַ שיעור פענסטער, וואָס האָבן מיט זייער לופטיקייט און העלקייט געדאַרפט פאַריאָגן די אימה און פּחד פון די געפאַנגענע לכל־הפּחות דאַמאָלט, ווען מען האָט זיי אָפּגעלאָזן נאָך דעם שווערן טאָג אַרבעט אויף די עטלעכע שעה מנוחה איידער די נאַכט איז אָנגעקומען, האָט מען פונדעסטוועגן אויך דאַמאָלט קיין מנוחה נישט געהאַט, תּמיד איז יעדער געווען פאַרנומען מיטן זאָרגן, מיט וואָס פאַר אַן אופן זיך איינצושאַפן דאָס שטיקל ברויט צו דער זאַט. — און דאָסדאָזיקע צו דערגרייכן איז נישט געווען אַזוי לייכט, מען האָט געמוזט זיין וואַכיק, קוקן מיט צען אויגן כדי עפּעס נישט צו פאַרזען...

ווייט אָן אַ זייט, אַרום די באַוווינטע באַראַקן, האָבן זיך געצויגן פּוסטע, גראָזיקע פעלדער, וווּ די שטילקייט האָט פאַרשפּרייט איר ממשלה, קלאָר און דייטלעך האָט זיך געלאָזט פאַרנעמען דאָס זומען פון די בינען אין זומער, און דאָס קראַקען פון די קראָען אין ווינטער.

די אַלע קריגס־געפאַנגענע תּושבים, וועלכע האָבן זיך כּסדר געפונען דאָ אין לאַגער, זענען ס'רוב געווען אומפעיִקע צו שווערער פיזישער אַרבעט אָדער אַזעלכע, וועלכע זייענדיק שוין אויף אַרבעט, האָט זיי דער יאָך פון די איבערלעסטיקטע אַרבעט אויסגעמאַטערט, און זיי זענען אַלס אומטויגלעכע צוריקגעשיקט געוואָרן אַהער.

דעריבער האָט מען ס'רוב אַלס שוואַכע קרעפטן זיי צוגעטיילט

צום אַמטלעכן-לאַגער-פּערסאָנאַל, אין די פאַרשידענע ביוראָס און דאָס גלייכן.

פון איבערגעזעטיקטער לאַנגווייליקייט, פון נישט האָבן וואָס צו טון מיט די איבערגעבליבענע פרייע צייט, זענען זיי שיעור נישט צעמישט געוואָרן. מ'האָט זיך אויסגעזוכט אייגענע באַשעפטיקונגען, יעדער אײנער לויט זיין אייגענעם געשמאַק, ווי פלערליי מאַלערייען שניצערייען און הויזלעכע קונסט-אַרבעטן, וואָס מ'האָט אויסגעפּאַרטיקט און עס פאַרקויפט פאַר אַ שפּאָט ביליקן פרייז דער אַרומיקער ציוויל-באַפעלקערונג פון די נאָענטע שטעט און שטעטלעך.

צווישן זיי האָבן זיך אויך געפונען אַ זעלכע, וואָס אין די טיפסטע שטילקייט פון פרימאָרגן, איידער די זון האָט זיך נאָך באַוויזן אויפן הימל, פלעגן זיי זיך שנעל אַרויסשלייערן פון די בעטן און נישט אומצוקוקנדיק זיך אויפן איבריקן עולם, פאַרקליבן זיך ערגעץ אָן אַ זייט, צווישן יונגינקע, ערשט נישט לאַנג איינגעפלאַנצטע דינע ביימלעך וואָס האָבן זיך געשאָקלט לייכט ביים קלענסטן שאָרך פון אַ מינדסטן ווינטל, ווי די מענטשן-שאָטנס צו השכמה.

שפּרייזנדיק דאָ אויף אַ שמאָלן פרייען-פלאַץ אַרויף און אַראָפּ שעהנלאַנג האָט מען זיך פאַרנומען מיט די אייגענע מחשבותן און געהאַלטן אין איין טראַכטן און איבערקלערן וועגן אַלץ און אַלעם.

ס'רוב זענען דאָ געווען ערנסט-געשטימטע אינטעליגענטע סטודענטן, וועלכע האָבן קיין אינערלעכן רו נישט געפונען. צוקוקנדיק זיך צו אַלעם, וואָס עס קומט דאָ פאָר פאַר זייערע אויגן און געפלאָגט פון געוויסן, האָט עס זיי אַהערגעטריבן. דאָ אין איינזאַמקייט מיט זיך, האָט יעדער אין אַן אַנדערע פאָזע זיך פאַרטיפט, פאַרמוטשט אין דעם ווילדן רעטעניש: וואָס איז לעבן, זיין ציל און צוקונפט.

פאַרשידן איז געווען זייער גאַנג, ווי בשעת-מעשה זייער טראַכטן.

ערנסט קלערנדיק איז מען געגאַנגען מיושבדיק מיט לאַנג-

זאַמע טריט, און מיט אַן אָראָפּגעבויגענעם קאָפּ גייסטיק און פיזיש זיך געקלאַפּט „על חטא" אין האַרצן.

און ווען די פאַנטאַזיע האָט זיך צעהיצט, באַטראַכטנדיק וויאַזוי אָפּצוראַטעווען זיין פאָלק אין דער צוקונפט, פאַרשטעלנ־דיק זיך גליקן און צעפרידנקייט, האָט מען געשפּרייזט פונקט ווי אַ מענטש אַ בורח, וועלכן מ'קאָן בשום אופן נישט דעריאָגן.

דאָ האָבן אויך אַרומגעוואָגלט די אַזוי־גערופענע גייסטיק־צעבראָכענע אינטעליגענץ. ס'רוב האַלב פסיכיש־קראַנקע מיט איבער־געשפּאַנטע נערוון.

נישט קאָנענדיק צוזען דאָס שלעכטס און אכזריותדיקייט וואָס פּאַסירט דאָ אין געפּאַנגעשאַפט, האָבן אַ טייל פון זיי זיך צו־געכאַפּט צום קאַטעכיזם, ווי צום לעצטן מיטל, און אַ טייל גאָר צום עקסטרעמען געדאַנק פון קאָמוניזם און אַנאַרכיזם.

געגאַנגען איז מען ווי די פייגעלעך, אויסמיידנדיק איינער דעם צווייטן. נישט קריגנדיק זיך, נישט שטערנדיק איינער דעם צווייטן, ווי שטומע שאָטנס האָט מען זיך געדרייט און געפּלאָנ־טערט, און דאָך זיך נישט פאַרלאָנטערט איינער אינם צווייטנס גבול.

מיט זיי צוזאַמען האָבן געוואַנדערט די יחודים פון אַלע פעלקער און ראַסן, וועלכע האָבן געהאַלטן אין איין קלערן וועגן זיין אייגענעם גורל, וועגן דעם וווילשטאַנד און פרייהייט פון זיין אייגן פאָלק אין לאַנד.

חדשים און דערנאָך שוין יאָרן זענען פאַרביי און יעדן פרימאָרגן האָט מען געטראָפן דרייען זיך אין די שטעגן פון די באַראַקן גרינע פנימער.

און מאָמענטן ווען מ'איז מיד געוואָרן פון שפּאַנען, האָט מען פאַרגאַפּטע מיט קליינע פעדער־מעסערלעך, אין די ברעטער דורך און אַדורך אויסגעקריצט טיפע לעכער, געבנדיק אַזוי־אַרום די נייגעריקע־ציווילע מענטשן פון דרויסן, פון דער פריי, די מעגלעכקייט אריינצוקוקן אַהער.

לויפנדיק האָבן זיי אויסגעזען אין זייערע אויגן ווי ווילדע חיות, דרייענדיק זיך צערייצטע פון הונגער אין זייערע שטייגן.

ווי דער אָפּקלאַנג פונם ווידערקול אין דער מדבר, האָט זיך געהערט יעדער פאָר שעה פון דרויסן אַ הילכיק גערודער, אַ פייפן זי דער פייף פון אַ צוג־ווינט צווישן קרייצוועגן. — דאָס איז גע־ ווען דער האַסטיקער לויף פון די פאַרבייאיילנדיקע באַן־וואַגאָ־ נעס מיט מיליטער. אַוועקרייסנדיק זיך דאָ אַהין צום רוסישן פראָנט און דאָ אַוועק צום מערב־פראָנט.

ווי מיט אַ שפּיז אין מאַרך האָט עס יעדערן געטראָפן, ווי אַ בליץ האָט עס געטון פאַר די אויגן אַ נייער בלוטיקער פאַס פון מענטשלעכע פיין און ליידן. — און פאַרשטומט איז יעדער פאַרבליבן.

און אָט, דידאָזיקע פאַרצוקטע מענטשן האָבן זייער ביטער־ קייט געטון פאַרשיכורן מיט דעם, וואָס זיי האבן געזוכט צו פאַר־ ווייַלן די טויזנטער געפאַנגענע אין לאַגער מיט טעאַטער־פאָרשטע־ לונגען אַבי זיך די נערוון אַביסל צו באַרויקן און די לאַנגווייַ־ ליקייט צו פאַרטרייבן.

פון צייט צו צייט, פלעגן זיי פאָרשטעלן פאַרשידענע קאָ־ מעדיעס און לייכטע דראַמעס, אַריינלייגנדיק אין דעם זייער גאַנצן פלייט און ענערגיע, אַרויסרופנדיק ביי אַלע צושויער באַגייסטערונג און התלהבות.

אַ פייכטער שוויס האָט פיל געפאַנגענע באַדעקט; דער אָטעם איז פאַרכאַפּט געוואָרן, דערזעענדיק אויף דער טעאַטער־סצענע די קורצע קליידלעך פון די ערזאַץ־פרויען... וועלכע די אַרטיסטן האָבן געטראָגן, אויספירנדיק זייערע עלעגאַנטע פרויען־ראָלן. אונ־ טער דעם אַלגעמיינעם געזאַנג פון אַלע געפאַנגענע פון לאַגער פלעגן זיי טאַנצן:

— ליובאָוו, ליובאָוו, ליובאָוו! ליובאָוו ניע קאַרטאָשקאַ! (ליבע, ליבע, ליבע! ליבע איז קיין קאַרטאָפל!) — האָט געשאַלט איבערן זאַל.

עפּעס האָט עס פאַריאָגט, הגם אויף אַ קורצער צייט, דאָס אָפּגעלאָזנקייט און אומצופרידנקייט פון זייערע געזיכטער און די אומנוצלעכע שנאה, צו אַלע דאָזיקע, וועלכע האָבן אַנדערש גע־ טראַכט און אַנדערש פאַרשטאַנען ווי זיי.

## אויף דער שוועל פון באפרייאונג

די צייט איז אָנגעקומען, ווען דעם פיינט איז ענג געווארן אפילו דאָס שטיקל ערד צו באַגראָבן אונדזערע טויטע, — ס'איז נויטיקער געווען צו פאַרזייען קאַרטאָפל. האָט מען דעריבער גענומען לייגן צו צוויי מאַן אין איין קבר.

דער הונגער איז אַלץ נישט קלענער געוואָרן, הגם דער שלום איז שוין געווען אונטערגעשריבן כלומרשט אין געהיים.

די טויטע פלעגט מען פאַלמעסן...

די דייטשע דאָקטוירים מיט די רוסישע פעלדשערס זענען זיך צונויפגעקומען אינם „מתים-שטיבל" כדי צו שטודירן די קראַנקהייטן און אָפט — יאָ, אָפט האָט אויסגעפעלט ביי וועמען פון די מתים דאָס אינעווייניקסטע, ווי א שטייגער: די לונגען, הארץ א. ד. גל. וואָס די הונגעריקע געפאַנגענע, די מתים-באַדינער האָבן צוגעגנבעט, אָפגעקאָכט און אויפגעגעסן, וואָס האָט אויף אַלעמען געמאַכט א שוידערלעכן איינדרוק. בלויז אויף א געוויסע טייל פון די דאָקטוירים און אָפיצירן, שטאָלצע און איינגערעדטע ביי זיך — זיי האָט עס נישט געהאַרט, ווייל זיי האָבן זיך באַצויגן צום זעלנער זייערן, ווי פריער אין דיגסט, ווי צו עפעס א נידעריקע ברואה, שולדיק אין די אַלע אומגליקן.

עפעס האָט זיי נישט געשמעקט, ווען זיי האָבן געזען פאַר זיך מענטשן, ערשט-געקומענע, געפאַנגענע פון קערענסקיס אַרמיי, ביי וועלכע מען האָט מער נישט באַמערקט יענע זעלנערישע דיסציפלין, אָן וועלכער — לויט זייער באַגריף — קאָן קיין שום

מלוכה-אָרדנונג בשום אופן נישט עקזיסטירן. דאָ האָבן זיי גע-
זען עפּעס משונהדיקס, מען רעדט צו די עלטסטע מיט אַ לשון
פון: חבר אָפיציר, חבר דאָקטאָר... עס האָט זיי אויסגעוויזן
מאָדנע, דאָס שטאָלצע באַוווסטזיין פון דעם פרייען בירגער און
דאָס האָט זיי געשטאָכן אין די אויגן.

און צעפרידענע זענען זיי אויך פאַרבליבן, ווען דער פיינט
האָט אויף זיי אַרויפגעלייגט אַ געלע לאַטע אויפן אַרבל מיט אַ
גרויסן שיפרירטן נומער, וואָס האָט פון זיי צוגערויבט אַלע
מענטשלעכע רעכט און זיי געמאַכט פאַר אונטערטעניקע מענטשן.

* *
*

געפונענדיק זיך צווישן מיינע לאַנדסלייט רוסן, וועלכע
האָבן אויף זיך דורכגעטראָגן געגנוג שלעכטס און אכזריות, בין
איך נייגעריק געווען צו וויסן פון וואָס רעדן זיי? וואָס פאַר-
נעמט זייערע געדאַנקען?

פּאַרט גאָרנישט! — און דער עיקר, נישט דאָס, אין וואָס
מ'דאַרף אין אַזאַ צייט פאַראינטערעסירט זיין.

ס'רוב זענען דאָס געווען פּראָסטע דאָרפישע פּויערים, מיט
גרויסע ליידיקע בייכער פון די כסדרדיקע זופּן, וועלכע וואָס
מער מען עסט, אַלץ הונגעריקער בלייבט מען... אויסערלעך באַ-
קומען זיי אַן אויסזען ווי מעוברתדיקע ווייבער אין די הויכע
חדשים. שטענדיק נישט צעפרידענע פונם עסן צו ווייניק קאַר-
טאָפל, צי אפילו — גראָז.

ברויט — מן דבר שמו, אַ מין לוקסוס זאַך.

מ'איז צעפרידן, וואָס מען איז אויסגעלייזט פונם פראָגנט,
אָבער — דער „זכרנו את הדגים" לאָזט נישט רוען. מען דער-
מאָנט זיך, אַז זייענדיק אפילו שוין ווייט פון די ערשטע פּאַ-
דערשטע ליניעס, האָט מען זיך דאָך אָפּגענומען פאַר דער הונ-
געריקער צייט — און איצט זעט מען עס צומאָל נישט אין חלום.

אַלע נישט געשטויגענע אויסגעטראַכטע מעשיות וועגן יידן
גלייבט מען באמונה-שלימה. אומעטום איז יד יהודי באמצע...

אלע מפלות און אנדערע פורעניותן שרייבט מען צו דעם יידן...
ווי עפעס א דורכפאל, ווי עפעס אן אומגעלומפערטקייט פונם רו-
סישן מיליטער, — האט מען אויף דעם קיין אנדער תירוץ נישט.
זיי מסתמא איז פארמישט אין דעם א ייד אלס שולדיקער.

ווען מען ליגט שוין א לונגן-קראנקער אינם באראק נו-
מער צוועלף ערב גסיסה, ווען מען קאן שוין אפילו די צוויי
גריזענע זעמעלעך, גרויס ווי אייער, די דייטשע לוקסוס-פלעגע,
נישט פארדייען, ליגן זיי ביי אים אונטערן שטרויענעם קישן —
ער זאל כאטש פון וויטן פילן דעם טעם פון ברויט, — אויך דא-
מאלט בלייבט ער נאך אלץ דער אייגענער...

וואס קאן מען אבער פון זיי פארלאנגען, די ריינע אפגע-
הארציקע, אומשולדיקע נשמות?...

פראסטע, פארגרעבטע מענטשן; תמיד אין יעדער שעה,
אינדערצייט פון ארבעט, האט מען נור איין פארלאנג — עפעס
צו פארייכערן. אבער בשעת מען ארבעט, איז וואס פעסטער,
אן שום תרעימות, אן א שום ריכטליניע, טוט מען דאס, און
אזוי איז אלץ און אין אלעם.

די רוסישע אינטעליגענטן, האבן אין לאגער געשפילט א
גרויסע ראל. אינדערצייט ווען דער פחד פארן הונגער, פאר
דער קעלט און ארבעט האט אלעמען ארויסגעיאגט פון לאגער,
האבן די ארבעט אין די קאמאנדעס אויסגעמיטן, מיטן אויסנאם,
ווען צוליבן ווייבלעכן געשלעכט האט זיך געלוינט צו בלייבן
אויסערן לאגער אויף ארבעט.

ווי נישט איז, אויסגעלערנט זיך אביסל דייטש רעדן, האבן
זיי די פרייע צייט פארברענגט אין זארגלאזע געשפרעכן און זיך
לייכט צוגעפאסט צום ארומיקן לעבן.

ס׳רוב פון זיי אבער, האבן נאך א קורצן פארזוימען זיך,
צוריקגעקערט אינם לאגער — אבי נישט צו ארבעטן פארן פאר-
ביסענעם שונא, פילנדיק זיך בעסער אינם לאגער. ווו מען איז
געווען שפארזאם און מ׳האט זיך באנוגנט מיט א מינימום —
אבי אויסצומיידן די אומזיסטע ארבעט. מיט געלט האבן זיי זיך
אן עצה געגעבן. מען האט אויסגעבארגט אויף „קאנטע” ביי די

באַקאַנטע „זעמליאַקעס״ — אַלס רייכע קינדער פֿונדערהיים, אַלס היימישע אינטעליגענץ אין דער צוקונפֿט.

צו דער אַרבעט האָט מען זיי נישט געיאָגט, ווייל זיי זענען ס'רוב געווען געבילדעטע און געצענדיקט הויכשולן. די צייט האָט מען פֿאַרבראַכט אין שמועסן. אין שפּילן אויף מאַנדאָלין, טויזנט מאָל איבערחזרנדיק פֿלערליי מאַרשן אונטעראַנאַנדער. אַנדערע ווידער — אין שניצערייען און מאָלערייען. די איבעריקע צייט זענען זיי געלעגן פֿויל אויף די בעטן, געשלאָפֿן אָדער געלייענט.

היימלעך איז געווען ביי זיי אין די באַראַקן. בעת אין די אַלגעמיינע באַראַקן פֿאַר די רוסן איז ווינטער נישט געהייצט געוואָרן, און נישט קאָנענדיק איינליגן אין די בעטן פֿון קעלט איז מען אַ סך מאָל וואַך געווען גאַנצע נעכט, שוידערנדיק, אַרומשפּאַצירנדיק האַסטיק אויף און אָפּ אין די לאַנגע באַראַקן ביז פֿאַרטאָג. ביי די אינטעליגענטן דאַקעגן, איז דווקא געווען גוט געהייצט און אפילו עסן האָבן זיי זיך געמעגט קאָכן פֿאַר זייער אייגן געלד אין זייערע אייגענע קעסלען, ווי קאַרטאָפֿלזופּן און אַנדערע שפּייזן, וואָס די האַנטווערקער־געפֿאַנגענע, וועלכע זענען יעדן טאָג אַוועק אין שטאָט אויף אַרבעט האָבן איינגעקויפֿט, און אין אָוונט, אַהערגעבראַכט מיט זיך פֿאַר זייערטוועגן.

די באַקומענע זופּן פֿון דער לאַגער־קיך האָבן זיי אַוועקגעשענקט די אָרעמע געפֿאַנגענע. וועלכע האָבן זיי באַדינט. יעדער איינער פֿון זיי האָט געמוזט האָבן זיין באַדינער און דער פּראָסטער געפֿאַנגענער האָט זיך געפֿילט איבערגליקלעך צו קאָגען רייבן ביים פּלומפּ די קעסלעך און דערפֿאַר באַקומען אַ פּאָרציע „לאַגער־זופּ״. ס'רוב זענען די באַדינער געווען פֿון די קראַנקן־באַראַקן, אַזוי צו זאָגן, געזונטע אינוואַלידן.

זומערצייט האָבן די אינטעליגענטן פֿאַרבראַכט אין גימנאַסטישע איבונגען, אין פֿוטבאָל, און איבערהויפּט פֿאַרנומען זיך מיט אַרומלויפֿן שעהנווייז האַלב־נאַקעט איבער אַ ספּעציעלן פּלאַץ, כּדי צו באַוועגן די מוסקולן פֿון די הענט און פֿיס.

אין אַלגעמיין האָבן זיי זיך ביים פֿייגט געפֿילט אַ סך

לייכטער נישט אַרוּנטערפּאַלנדיק אונטערן אַלגעמיינעם דרוק און צוואַנג וואָס האָט געהאַלטן אין קלעם אַלע אַנדערע געפאַנגענע.

געלט און בילדונג האָט אין לאַגער דאָ, געהאַט די גרעסטע קראַפט און דער פּיינט האָט זיך פאָרט גערעכנט מיט דער אינטעליגענץ, ביי וועמען די זעלבסטווירדע איז געווען שטאַרק אַנטוויקלט, הגם מען איז געווען שוואַכקעפּיק.

אַ טייל האָבן געגלייבט אין אַלע מעשיות בנוגע דעם אַנטייל פון יידן אין אַלע מפּלות, ווען אַפילו זיי האָבן מיט די אייגענע אויגן צוגעזען די איבערגעגעבנקייט פון זייערע לאַנדסלייט — יידן, צווישן וועלכע עס געפינען זיך אַ היבש ביסל געפאַלענע, פאַרוואונדעטע און אינוואַלידן, וועלכע ליידן פונם פיינט גלייך מיט זיי.

יעדע גרופּע רוסן, האָט זיך געהאַט זייגע אייגענע סימפּאַטיזירנדיקע יידן, צו וועלכע מ׳ווייזט ארויס איבערגעטריבענע ליבע און אויף דעם חשבון פאַרהאַלט מען זיך צו אַלע איבריקע יידן אויף דער וועלט, ווי צו טויט-פיינט...

דיסקוטירנדיק איבער דעם יידן-ענין אין דער פרייער צייט, קומט מען כסדר צום אויספיר, אַז דאָס איז אַ האַרטע נוס, וואָס עס איז שווער איינצובייסן און מען פאַרבלייבט ביים אָמפּערן זיך אָן אַ צעפרידנשטעלנדיקן געהעריקן ענטפער...

* *

*

אַלע פאַרשידענע פעלקער פון אַמאָליקן רוסלאַנד האָבן דאָ געהאַט זייערע פאַרטרעטער.

אוקראַינער, כאָכאָלן פון וואָלינער ביז קיעווער גובערניעס, גראָבע, פינסטערע ברואים. צו יידן באַציען זיי זיך שלעכט, לויטן באַפעל פון דער אייגענער אינטעליגענץ. ס׳רוב זענען זיי געווען וויניק געבילדעט, אַז מ׳רעדט אַרויס אַ פּאָר אוקראַינישע ווערטער, פרייט מען זיך מיט דער ווי מיט דער גרעסטער שמחה. ס׳מאַכט נישט אויס, אפילו אַביסל גרייזיק... מען רעדט וועגן „טאַראַס בולבאַ״, וועגן זייער לאַנד אוקראַינע, וואָס די קאַצאַפּן

האָבן אונטערגעזיאָכט און אַז מ׳פּרעגט זיי, וועגן דעם אונטערשיד צווישן זיי און די גרויס־רוסן — ווייסן זיי נישט מער, נאָר, אַז עפּעס האָבן זיי אים פּיינט מבטן ומלידה.

פּאָליאַקן — וועלכע רעדן כסדר צווישן זיך און חלומען, ווי צו ווערן פּריצים, מיט אַן אייגן פעלד, פערד און בהמות. דער אינטעליגענט צווישן זיי האָט ליב געהאַט צו פלירטעווען, צו פּוצן זיך און עלעגאַנט זיך צו האַלטן.

צווישן זיך דיסקוטירן די פּאָליאַקן כסדר, פּאַרוואָס אַלע רייסן זיך צוליב זיי: דער דייטש, אי דער עסטרייכער, אַלע ווילן זיי איינשלינגען, הגם אויסערלעך שענקט מען זיי אויטאָנאָמיע, אָבי צו פאַרבלענדן מענטשן די אויגן און אַליין טרויעט מען זיך נישט זעלבסטשטענדיק צו ווערן... עפּעס פּילט מען ביי זיי אַ הייסע נאַציאָנאַלע ליידנשאַפט און אַ געפאַלנקייט, פּאַרוואָס יעדער רייט אויף זייער קערפּער.

לאַטווער, — הויכגעוואַקסענע ברייטביינִיקע און געזונטע, רעדן אויף עטלעכע שפּראַכן ס׳רוב זענען אַלס איבערזעצער און אויפזעער געווען אָנגעשטעלט ביי די רוסישע געפאַנגענע און זיך ארויסגעוויזן אַלס האַרטע און ענערגישע מענטשן, וועלכע לאָזן זיך נישט מיטן געפיל לייכט פאַרפירן...

צו יידן האָבן זיי זיך באַצויגן נעגאַטיוו, אָבער מער אויס נקמה — זענענדיק און זיי קאָנקורענטן אויף יעדן געביט.

ליטווינער, — וועלכע האָבן אַליין נישט קלאָר פאַרשטאַנען, וואָס אַזעלכס זיי ווילן און זיך געדרייט ווּהין דער ווינט בלאָזט.. מיט יידן האָבן זיי געלעבט ווי מיט אייגענע ברידער.

עסטאָנער, — וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער ווייכער נאַטור, ווי מיט זייער ווייכן אַקצענט. צו יידן האָבן זיי זיך באַצויגן, ווי צום הייליקן ביבל־פאָלק, מיט רעספּעקט אין יראת־הכבוד.

אַרמענער, — שטענדיק גרייט אָנצובלאָזן זיך פון כעס און ביטערקייט, וואָס מען קאָן באַמערקן בולט ביי זייער ערשטער באַקאַנטשאַפט.

גרוזינער, — רגזנים, בייזע, געמישט מיט פריילעכקייט וועל־

כע האָבן גערן צו שפּילן אויף זייערע אייגנאַרטיקע אויסגעשניצטע „באַלדעס“ אַזאַ מין פידעלע, וואָס זיי מאַכן אַליין, און זינגען און טאַנצן כסדר אָן דאגות און אָן איבריקע זאָרגן...

טאַטאַרן, — געיאָגטע און געפאַלענע ביי זיך פון דער אייביקער אונטערדריקונג, וועלכע שטאָלצירן דאָך מיט זייערע עטלעכע סטודענטן, וואָס שטודירן אין פּעטערבורג און דורך וועלכע זיי האָפן, אַז דאָס טאַטאַרן-לאַנד וועט ווידער אויפגעריכט ווערן אויפסניי...

מאַלדאָוואַנער, קאַזאַקן און קירגיזן — אַזעלכע ברואים, וועלכע זענען בכלל נישט ענלעך צו קיין מענטשן לויט זייער כאַראַקטער און שכל. גרויסע פּחדנים און אַבערגלויבער, קיינער האָט זיך מיט זיי נישט גערעכנט און אַפילו די רוסן, זייערע זעמליאַקעס, האָבן זיך באַצויגן צו זיי ווי צו ווילד-פרעמדע...

זיי אַלע האָבן זיך באַצויגן צום יידן נייטראַל און גלייכגילטיק, אַ חוץ די מאַלדאָוואַנער, וועלכע האָבן זיי בכלל נישט געקענט און האָבן אויך דאָ קיין באַזונדער ליבשאַפט נישט אַרויסגעוויזן צום יידן...

ווייטער האָבן זיך געפונען דאָ אַ סך אַנדערע פעלקער, ווי אַ שטייגער:

פראַנצויזן, — שטענדיק האָבן זיי אויסגעזען פאַרכמורעט, ווי עפּעס איבערגעבליבענע יתומים פון אַן אָפּגעבערענט שטעטל, וועלכע די אַרומיקע האָבן כסדר געהאַלטן אין איין באַדויערן, באַטראַכטנדיק זיי, ווי דער שעיר-לעזאזל פון דער וועלט-מלחמה...

יעדער פון זיי אָן אויסנאַם, האָט זיך געהאַלטן שטאָלץ און גאווהדיק און איינגערעדט זיך, אַז זיי זענען עס די אמתדיקע רעטער פון דער ציוויליזאַציע, באַוווּסטע און ליידנסטע צווישן אַלע פעלקער. אויף די דייטשן האָבן זיי געהאַלטן אין איין קוקן בייזווי אויף דם שונאים, און קיין שום פאַרענטפערונג נישט צוגעלאָזן פון יענעמס צד...

צווישן זיך האָבן זיי זיך געפילט אויסערגעוויינטלעך צוגעבונדן איינער צום אַנדערן ווי איבערגעשראָקענע מענטשן, וועלכע געפו-

נען זיך אין אַ הילצערן הויז בעת אַ שׂרפה, אַזוי פאַרצווייפלט האָט מען זיך געפילט.

יעדער האָט געהאַט צו דערציילן עפּעס גוזמהדיקע העלדנטאַטן פונם שלאַכטפעלד, גאָר נישט ווערנדיק אָנגעטרענגען און איבערשפּאַנען די נערוון, סיי די אייגענע און סיי פון די איבעריקע חברים, האָט מען זיך געוויילט מיט געפּעפּערטע מעשׂיות פון די עלעגאַנטע גראַציעזע שיינע פאַריזערינס, וועלכע זיי האָבן איבערגעלאָזט אינדערהיים יעדער צו עטלעכע, פאַרכאַפּנדיק ביי יעדערן דעם אָטעם פון קנאה...

און ווען איינמאָל אין אַ וואָכן־טאָג, איז אַ גרופּע געפאַנגענע פון עטלעכע שלאָסאַרעס געגאַנגען אויף אַרבעט, האָט איינער פון זיי געפּאָכעט מיט דער האַנט צו אַ מיידל, וועלכע איז געשטאַנען ביי אַ פענסטער און אַרויסגעקוקט. דעם וואַכמאַן וואָס האָט זיי געפירט, האָט עס פאַרדראָסן וואָס אַ פיינטלעכן פאַרגלוסט זיך צו אַמוזירן מיט אַ דייטשיש מיידל און אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט, דער וואַכמאַן האָט אויסגעשאָסן און דער פראַנצויז איז געפאַלן אַ טויטער.

דאַן האָט זיך עס אַביסל געקאָכט ביי די פראַנצויזן אין לאַגער! פּונקט ווי ביי ווייבער ווען עס פּאַסירט זיי עפּעס אַן עוולה. זיי האָבן זיך געבונטעוועט. געוואַלטעוועט, די מיילער האָבן קיין מינוט נישט גערוט, זיי האָבן זיך דאָס גאָרנישט געקאָנט שענקען.

און ווען? אין אַ צייט ווען ביי די רוסן איז עס געווען אַ געוויינטלעכע טעגלעכע זאַך, מ'זאָל זיי פאַר אַ גאָרנישט דערשיסן, און ווען מ'איז פון קוילן נישט געפאַלן, איז מען דורך הונגער און פאַרשידענע עפּידעמיעס אויסגעשטאָרבן צענדליקער אַ טאָג. און דאָ האָט מען איין פראַנצויז אומשולדיק דערהרגעט, האָט מען אַ צייט לאַנג זיך נישט געקאָנט באַרויִקן. לאַנג, לאַנג, האָט ביי זיי געהערשט צום פיינט אַ באַזונדער „קריגס־שטימונג” און אַזוי גיך נישט פאַרשוווּנדן.

אויף די רוסן האָבן זיי געקוקט ווי אויף ווילדע חיות, אַפילו די איבערגעבליבענע ברעקלעך פון זייערע פּעטע און געשמאַקע מאכלים, וואָס יעדער איינציקער פון זיי האָט געהאַט אַן איבער-

פלוס פון די אָפט באַקומענע פּאָסט-פּאַקעטן פון דערהיים, ווילן זיי אויך גאָרנישט אַוועקשענקען.

צו די אינטעליגענטע רוסן באַציען זיי זיך אַביסל פריינטלעכער און גלייכצייטיק מיט באַדויערונג, צוליב דער אומדערצויגנקייט און אָפּגעלאָזנקייט פון זייערע פּראָסטע ברידער און מיטמענטשן.

צו יידן פאַרהאַלטן זיי זיך מיט האַס, הגם זיי זענען די איינציקע נאָך די איטאַליענער, צווישן כל-ערליי פרעמדע פעלקער, וואָס דאָס מזל האָט צונויפגעטריבן צום שונא /דאָ אַהער, וועלכע פאַרשטיין און ריידן זיך מיט זיי צוזאַמען אויף פראַנצויזיש. דאָך קוים טרעט דער ייד אָפּ פון זיי, האַלט מען כסדר אין איין אויסריידן אויף אים דאָס ערגסטע.

בעלגיער, — וועלכע האָבן אויסגעוויזן ווי פון אַן אויסגעהאַקטן וואַלד איבערגעבליבענע שיינע ביימער, הויכע, שלאַנקע און אָנזעעוודיקע.

עפּעס האָבן זיי זיך געפילט ווי מיוחסים צווישן אַלעמען, ווי עפּעס פאַרביקע שיינע קאַנאַריקעס צווישן אַלע אַנדערע פייגל און זיך גפּיעשטשעט און געצערטלט.

צו יידן האָבן זיי זיך באַצויגן ווי צו קעסט-איידימלעך, וועלכע האָבן קיין דעה נישט אין שטאָט-ענינים און קיין באַשטימט געפיל נישט אַרויסגעוויזן צו זיי.

איטאַליענער, — געזונטע ברייט-פּלייציקע יינגען, וועלכע האָבן צוערשט נישט באַנומען די סיבה פון זייער אָפּקומעניש ביים געוועזענעם פאַרבונדעטן, האָבן גאַלד פאַרגעסן איינגאַנצן די איבערגעקומענע פיין פון שלאַכטפעלד, קאָנקורירנדיק צווישן זיך מיט די „העלדזער” האַלטנדיק אין איין זינגען, עפּעס פילנדיק זיך ווי א פינפטער ראָד צום וואָגן — צו וואָס עפּעס א מלחמה מיטמאַכן? נור, אז מען האָט אזוי באַפוילן איז מסתמא ריכטיק. מען געפינט זיך דאָך ביים געוועזענעם חבר פאַרבונדעטן, אַזוי פיל אומות ולשונות, באַדאַרף מען אויך מיטזינגען.

צו יידן פאַרהאַלטן זיי זיך „פּאַרווע” אָן א באַשטימטער מיינונג.

ביי זיך אין לאַנד, אחוץ אין די עטלעכע הויפּט-שטעט, וועט מען קיין יידן נישט, אָבער אַלע תּרעומות וואָס מען האָט צו זיי זענען מסתּמא ריכטיקע — א סימן, אז א ייד מיטן נאָמען נאַטאַן, האָט זיך אַריינגעכאַפּט בגנבה קיין רום און דאָרט זיך געמאַכט פאַר אַ בורגמייסטער...

רומענער,—פראָסטע, ס׳רוב נישט קאָנענדיק רעכט שרייבן, פינסטערע, אָפּגעריסענע און תּמיד הונגעריקע, כסדר באַשעפּטיקט מיט דער אכילה. יידן באַשולדיקט מען אין אַלעם שלעכטן. אינטעליגענץ האָט מען ביי זיי ווייניק באַמערקט. ראָך איז דער ייד געווען ביי זיי פאַרטרעטן אין אָפיצירן-ראַנג.

סערבן, — כיטרע לייט, דער אייגענער סלאַווישער שטאַם וואָס רוסן, נאָר פיזיש געזונטער, הויכע ווי די דעמבענע סטאָל-פּעס און שטאַרק פאַטריאָטיש געשטימט.

זייער שטיקל ערד מוזן אַלע גלייך פאַרטיידיקן, אַלט ווי יונג, ביז זעכציק-יאָריקע זקנים מיט גרויע קעפּ האָר — טעהנהדיק, אז אפילו די ווייבער ביי זיי פאַרטיידיקן דאָס פאָטערלאַנד און די שאָף אפילו וועלן זיך נישט לאָזן פאַשן פון קיין פרעמדע אינם לאַנד.

עפּעס זענען זיי אין כעס אויף די רוסן, וועלכע זענען,— ווי זיי זאָגן, — צו ווייך, ווייניק העלדיש און פאַרשאַפן זיי קיין נחת נישט דידאָזיקע ברודער — סלאַוון.

צו יידן האָבן זיי זיך באַצויגן נישט איבריק גוט, פיינ-דיק אין זיי אַ מיטבאַשולדיקטע אין רוסלאַנדס מפּלה... בעת דיסקוטירן איבער יידן האָבן זיי געהאַלטן אין איין טענהן: מיר פאַרשטיין דאָ גאָרנישט, זאָל מען נאָר אונדז אָפּגעבן צוריק אונדזערס, אונדזער קעניג, אונדזערע פעלדער, אונדזערע חזירים צו פאַשען, און ווייטער איז נישט אונדזער עסק, מיט אונד, האָט עס נישט קיין שייכות.

ענגלענדער,—וועלכע האָבן זיך באַלד געגעבן צו באַמערקן אַלס פּראַקטישע רייפע לייט, רויקע, פלעגמאַטישע און אז א פרעמדלענער האָט מיט וועמען פון זיי גערעדט, האָט זיך גע-דאַכטן, אז זיי זענען אַביסל טויבלעך. אין קיין שום איינרעדעניש,

און איבערגעטריבענע זאַכן האָט מען נישט געגלייבט, קיינמאָל נישט געלאָזט זיך פאַרפירן פון געפּיל און שטימונג, תמיד פריי-לעכע פּנימער, אָן א סימן פון געפאַלנקייט, שטענדיק פאַרברענגענ-דיק אין געשפּרעכן וועגן פוטבאָל, פאַרשידענע גימנאַסטישע אי-בונגען. זיי קליידן זיך ריין און ציכטיק.

א שווער פאַרוואונדעטן, אַז מען האַלט אים ביים באַהאַנדלען אויפן אָפּעראַציאָנס-טיש, ווייזט ער נישט אַרויס קיין שום ווייטאָק און נעמט אַלץ פאַרליב, רויק און געדולדיק. און שטענדיק איז מען געווען בטוח אינם ענטגילטיקן זיג. נישט גערן זיך געאַמ-פּערט וועגן פּאָליטיק און מיט יידן זיך דווקא גוט פאַרהאַלטן — נישט געקלאָגט זיך ווי אַלע אַנדערע פעלקער אויף „זייערע יידן״... לייכטזיניק האָבן זיי זיך באַצויגן צו די אַלע מעשיות וועגן דער אומטריישאַפט פונם יידן און געפירט מיט זיי דעם גאַנצן מסחר און אויך גוט זיך מיט זיי פאַרווײַלט.

אַמעריקאַנער, — זיי זענען אַהער אַריינגעפאַלן שוין גאָר צום לעצטן, פאַרן אַלגעמיינעם שלום, ווי די בשורה-אָנזאָגער פון דער באַלדיקער ישועה.

אָפּגעאַרבעטע, מידע, פון פאַרשידענע ראַסן, פּמעט פון יעדן פאָלק, וועלכע האָבן זיך דעמאָלט געפונען ביים פיינט. יעדער איז גלייך אָוועקגעלאָפן צו זיין שטאַם, צו זיינע ברידער, ווו מען האָט זיך געפילט היימיש און אייגן.

די ערשטע געקומענע אַמעריקאַנער געפאַנגענע האָבן גע-שאַפן שטימונג. די נערוון זענען געווען שוין צופיל איבער-געשפּאַנט, אַז אָט, אָט, דער באַלאָן מוז פּלאַצן...

א סוף און אן ענדע — האָבן זיך געטרייסט די עלטערע שווער-קראַנקע, וועלכע האָבן געציילט די לעצטע עטלעכע טעג פון זייער לעבן, ווייל ביי יעדן מענטש מיט א פּולס, האָט זיך געשאַפן א פרישע האָפענונג, ווען ער האָט דערזען די פריש אָנ-געקומענע אַמעריקאַנער.

ווייטער האָבן זיך אויך דאָ געפונען שוואַרצע פון די אַפרי-קאַנישע קאָלאָניעס, וואָס האָבן זיך נישט געקאָנט איינער מיטן צווייטן צונויפריידן, תמיד טרייסלענדיק זיך פון קעלט אפילו אין אב

און אלול, בעת די גרעסערע היצן. איינזאַמע, נישט וויסנדיק, ווי זיי געפונען זיך און וואָס מען וויל פון זיי...

טונקל-ברוינע געפאַנגענע פון טוניס, וועלכע זענען אַהער עקספּעדירט געוואָרן צוזאַמען מיט די פּאָרטוגאַלער. — זיי האָבן אויסגעזען, ווי איבערגעשראָקענע סטאַדעס שעפּסן, יעדעס שעפּסל קוקט מיט א „מעע״ אויפן פלוצלינג אַריינגעלאָפענעם מענטשן, פרעגנדיק זיך מיט אַ תמימותדיקע מינע: וואָס וויל מען פון זיי האָבן...

די אַלע פעלקער אינאיינעם ווי יעדער איינציקער באַזונדער פון זיי, האָט גאַנץ ווייניק זיך אינטערעסירט מיטן תוך פון לעבן, א חוץ יהודים פון יעדן פאָלק, און וועגן עפּעס העכערס, וועגן עפּעס א ציל און א פּועל יוצא פון אַלעם, צוליב וואָס מען האָט דורכגעמאַכט א שווערן און ביטערן קריג — האָט מען זיך נישט פאַרטראַכט צומאָל.

וואָס האָב איך אָבער געזען ביי מיינע אייגענע ברידער יידן?

די רוסן, וועלכע דער גורל האָט זיי דאָ אַלעמען צונויפגעטריבן אויף הונגער, קעלט און אָפּקומעניש, תמיד צו לעבן ווי אונטער א קליאַטקע, מיט דער שטרענגער באַציונג צו זיי פון אַלעמען, וועלכע האָבן באַקומען די מאכט צו רייטן אויף זייערע מיטמענטשן אומבאַצוווּנגען און אומפאַראַנטוואָרטלעך. פאַרוואָס האָבן זיי זיך, די יידישע איבערזעצער „דעה-זאָגערס״ נישט מילדער באַצויגן צו די ליידנדיקע אומבאַהאָלפענע קינדער. געווען איז עס ס׳רוב יידן פון ערגסטן און נידעריקסטן מין, ווייל צופעליק האָבן זיך די איידעלע און פיינערע נישט געוואָלט אַנגאַזשירן אויף פאַראַנטוואָרטלעכע שטעלעס ביים פיינט, כדי נישט צו ברענגען צו פאַרשידענע בלבולים, אז אויך דאָ אין גיהנום-פייער האָט מען שלעכט געהאַנדלט קעגן זיי. אַלע שטעלעס זענען דווקא אַריינגעפאַלן צו אַזעלכע, וועלכע האָבן אונדז ווייניק כבוד פאַרשאַפט.

פוילישע יידן, — מיט זייערע בלאָע פאַרהלומטע אויגן און ס׳רוב מיט א ווייכן כאַראַקטער, לאָזנדיק זיך טרעטן פון יעדערן

ווער עס איז צו דער מאַכט געקומען, לעבנדיק אין פאַנטאַסטישע האָפענונגען אויף דער שפּעטערדיקער צוקונפט.

ליטווישע יידן, — מיט זייער קאַלטן געזעצטן שכל, וועלכע זענען געקראָכן אומעטום, צי מען האָט זיי באַדאַרפט צי נישט, נישט איבערקלערנדיק צופיל... שטענדיק דרייסט און קיין „טאָר נישט" איז ביי זיי נישט פאַראַן. אפילו דאָ אין שטייג פון מענטשלעכע יסורים, האָט מען אים גלייך דערקאָנט מיט זיינע הויכע געגלאַנצטע שטיוועלעך און קלאָרער ווייסער ראָבאַשקע, אַ מויל מיט צוויי רייען גאָלדענע ציינער, מעשה העלד. אָן שום בושה צעקריגט מען זיך און מען בעט זיך גלייך איבער און מען טוט ווייטער דאָס אייגענע. מענטשן אָן נשמה און אָן האַרץ... זייער קלוגהייט און זייער בריהשאַפט, מיט זייער פלינקער חריפות האָט די דייטשן שטאַרק אימפּאָנירט און מען האָט זיי אוועקגעזעצט אומעטום אויף דער כסא-מלוכה...

אוקראַינישע יידן, — וועלכע האָבן זיך צעטיילט אויף עטלעכע מינים ס'רוב גוטע, אָבער לייכטזיניקע, וואָס זענען פאַרפירט געוואָרן פון זייער חיהשן אינסטינקט און האָבן אויסגעפירט די שטרענגסטע דייטשע באַפעלן.

רוסישע יידן, פון די טיף-רוסישע גובערניעס, זענען ס'רוב געווען העכסט פּאַטריאָטיש געשטימט פאַר זייער רוסיש פאָלק און נישט מישנדיק זיך צווישן יידן האָט מען זיך תמיד געפונען צוזאַמען מיט דער רוסישער אינטעליגענץ.

צוזעענדיק די אויפירונגען פון א טייל מאחינו בני ישראל אויף די שוואַכע אומבאַהאָלפענע מענטשן אין לאַגער, האָט עס מיך געבראַכט צו א משונהדיקן מצב, זיך פון אַלעמען צו דערווייטערן און צו פאַרבלייבן אַליין מיט זיך איינזאַם דורכשמועקלענדיק די צייט בעל כרחך, עפּעס ווי איבערגעוואַלט. איך האָב מיך געפּרוווט צעשטרייען, מבטל זיין אַלץ, אָבער אומזיסט, שטענדיק האָט זיך שוין געמאַכט עפּעס, וואָס האָט אָנגעטריבן אויף מיר א טרויער און לאַנגווייליקייט.

* * *

אויפן פראָנט האָט דאָס לעצטע בלוט זיך געפּרעגלט אויפן פייער. טויזנטער פאַרוואונדעטע, שווערע און לייכטע, זענען פּאַרטיעסווייז אַראָפּגעבראַכט געוואָרן צו אונדז אַהער אינם לאַגער־לאַזאַרעט. דער דייטש האָט דעמאָלט צוליב פּאָליטישע טעמים איינגעטיילט די רוסן אויף עטלעכע גרופּעס: קליין־רוסן, ווייס־רוסן, פּוילישע, און די באַלטישע לענדער באַזונדער. אָבער גרויס רוסן צו וועלכע ער האָט זיך לעצטנס באַצויגן פריינטלעך, שוין גאָר פריינטלעך. די אינוואַלידן האָט מען אָפּגעזונדערט און די לייכטקראַנקע האָט מען גלייך אַהיימגעשיקט, איבערהויפּט יענע, וועלכע האָבן אָנגעהערט צו די דעמאָלסט אָקופּירטע געביטן. אויך איך בין איבערגעשיקט געוואָרן אין אַ נאָענטן לאַגער צו דער פּוילישער גרענעץ קיין היילסבערג, פון וואַנען איך האָב געזאָלט באַלד אַהיימגעשיקט ווערן.

אַהערקומענדיק נאָך היילסבערג בין איך אינגאַנצן איבעראַשט געוואָרן, דערזעענדיק די שטרענקייט, וואָס האָט דאָ געהערשט אין אַ צייט, וואָס אָט—אָט איז דער שלום אויף דער שוועל, אין דעם זענען אַלע שוין געווען זיכער — און דאָ זיצט מען נאָך אינם פעסטן שטרענגן לאַגער, מיט אונטערערדישע באַראַקן און שטאַרק פאַרפעסטיקטע דראָט־פאַרצוימונגען, בעת אין אונדזער פריערדיקן לאַגער האָט זיך געפילט אַ געוויסע פאַרלייכטערונג פאַר די רוסן אין דער דיסציפּלין, ווו יעדער האָט זיך געפילט בעסער, ווי אין די ערשטע גרויזאַמע צייטן.

און דאָ פּלוצלינג, ווי עפּעס אַראָפּגעפאַלן פון דער הויך, האָבן זיך די מענטשן איבערגעקוקט צעשראָקענע, צעטומלטע, און די שטרענגע באַציונג פון די דייטשע פעלדפעבלס, זייערע געשרייען אויף די דערשראָקענע, אומבאַהאָלפענע, ווי די שקעלעטן אויסגעדאַרטע רוסן, זייער דראָען מיט די רעוואָלווערן אין די הענט און זייערע קולות:—אַרבעטן! און דערצו זייער שטרענגע אכזריותדיקע פּנימער.

יעדן טאָג איז אַריין אין לאַגער דער אויבערקאָמענדאַנט, אַ גענעראַל רייטנדיק אויף אַ ווייס פערד. אַ שרעקלעכער כעסן און אַ קאַלטער מערדער, וועלכער האָט זיך איצט נאָך ברוטאַלער

באצויגן אַקעגן אונדז רוסישע געפאַנגענע, אַהערגעקומענע פון אַן אַנדערן לאַגער, וועלכע האָבן זיך געמוזט צוריק צוגעוויינען צו דעם שטרענגן רעזשים, פון וועלכן מיר האָבן זיך נאָר וואָס גע־האַט אָפּגעוויינט און יעדער איז ווידער אַמאָל אויפגעציטערט גע־וואָרן פונעם בית־עולם, וואָס האָט זיך געצויגן צעוואָרפן איבער אַ וואַלד בערך אַ גאַנצן וויאָרסט, ווי די שטומע בערגלעך האָבן געשריגן, ווי די ערד וואָלט זיך געהויבן, אויפגעבלעזלט פון כעס און רחמנות. די דייטשן אָבער, האָבן אונדז געשפּיגן אין פּנים אַריין און האָבן ווי מיט אַ האַמער געקלאַפּט אין די קעפּ אַריין.

— קיין גוטס וועט איר פון אונדז נישט דערלעבן — האָבן זיי געטענהט, — הגם עס האָבן זיך דאָ אויך גלייכצייטיק גע־פונען עטלעכע טויזנט פראַנצויזן, צו וועלכע מען האָט זיך באַ־צויגן לייכטער און בעסער, געלאָזן זיי זיך פרייער באַוועגן און נישט געיאָגט זיי און גערודפט, ווי די שוצלאָזע רוסן...

די רוסן פאַראַכט פון די פראַנצויזן, וועלכע האָבן זיי אַרומ־געטריבן ווי די הינט, האָט אַ הונגעריקער רוס פאַרבלאָנדזשעט צו אַ פראַנצויז און געבעטן ביי אים אַ ביסקוויט, — איז געווען הימל עפּן זיך.

און דאָס איז פאָרגעקומען צוליב דעם שלום זייערן אין בריסק. די לאַנגווייליקע צייט האָט זיך געצויגן ווי אַ נישט דער־וואַרטנדיקע דערגרייכונג פון דער אויסלייזונג.

סוף־כל־סוף האָט די פינסטערקייט, וואָס מען האָט געקאָנט מיט די הענט אָנטאַפּן שוין געהאַלטן ביים צעשטרייען זיך און פאַרט צווישן אונדז אַן אומגעדולדיקייט פאַרשפּרייט.

* *

*

ווי קינדער, וואָס שפּילן זיך אינעם אויפבויען אַ טורעם פון זאַפּאַלקעס, אַריבערלייגנדיק איינע אויף דער צווייטע און קוים גיט מען נאָר אַ ריר איין זאַפּאַלקע פאַלט דער גאַנצער בנין אום, אַט אין אַזאַ מצב האָט זיך דייטשלאַנד געפונען נאָך די עטלעכע יאָר מלחמה. אַלץ איז געווען געקניפּט און געבונדן

צווישן זיך, קיין איינער האָט זיך נישט געקאָנט אויסשליסן פונם מעכאַנישן פּלאָנטער וואָס האָט אָנגעפירט אַזוי שטרענג מיליטע־ריש מיטן כּלל דייטשן און געהאָפט סוף־כּל־סוף אויפן ענטגילטיקן נצחון.

אָבער, ס'איז שוין נישט מער געווען קיין כּוחות. די אָנגעצויגנקייט האָט פון שטייפקייט און ענגעניש גענומען פּלאַצן און געוואָרן שוואַך ווי שפּינוועבס.

מ'האָט געוואַרט.

וואָס און ווען האָט קיינער נישט פאַרויסגעזען, דאָך האָט מען מיט אומגעדולד געוואַרט אויפן מאָרגן. — — —

דער איבערברוך איז ענדלעך געקומען, מיר האָבן דאָס דערפילט איינמאָל אין א פרימאָרגן פון די קאָלאָסאַלע ענדערונגען וואָס איז געקומען.

דייטשע זעלנער האָבן פּלוצלינג צווישן זיך הויך געטון רעדן און דאַדורך איז עס אונדז אויסגעקומען געהיימניספול.

פאַרשוווּנדן זענען דער אָפיצירן־שטאַנד, מען האָט זיי מער נישט געזען. אויף די ווענט פון דער לאַגער־וואַך איז אַרויסגעהאָנגען א מעלדונג, דאָס ס'איז אין לאַנד פאָרגעקומען א כּפאַרסאַקישע איבערקערעניש און עס גרינדן זיך סאָלדאַטן און אַרבעטער־ראַטן.

מיטאָג־צייט איז שוין געווען א מעלדונג, דאָס ס'ווערט גערופן די ערשטע פאַרזאַמלונג פון לאַגער־זעלנער, קלייבנדיק א „זעלנער־ראַט".

מיר געפאַנגענע זייענדיק אין געפאַנגענשאַפט נאָך פון די צאַרישע צייטן אָן, האָבן זיך קאַלט געטון צוקוקן, וואָס דאָ קומט פאָר — וואָס? ווען?

זאָל זיין ווי עס איז! דאָך ענדלעך פּטור געוואָרן פון די דייטשע פעלדפעבלס, וועלכע האָבן אונדז אין בלינדקייט אַריינגעשליידערט, בארויבנדיק אונדז די „ראיה" סיי די פיזישע און סיי די גייסטיקע.

אָבער די זעלנער פון קערענסקי'ס אַרמיי, קומענדיק צו אונדז אין געפאַנגענשאַפט נאָך דער רוסישער איבערקערעניש, זיי

האָבן זיך אויסטערליש געפילט, צונויפזאַמלענדיק זיך אין גרופּ־קעס. מיט אַ געזונטע נאַטירלעכע מענטשלעכע שמחה, איז מען אַנטקייגן־געלאָפן די דייטשע זעלנער מיט זייערע רויטע בענדער איבער די אַרבל, די „חלוצים" פון די ערשטע דייטשע באָלשע־וויסטישע איבערקערעניש.

די דייטשן אָבער. מיט אַ באַזונדער קאַלטקייט אין אַזוינע מינוטן, ווען דאָס משוגעת פון שמחה האָט געהערשט ביי די געפאַנגענע האָבן געגעבן אָנצוגעהערן די רוסישע „קערענציקעס" ווי מען האָט זיי גערופן:

— ברודער! האָט געדולד! וואַרט אונטער! מיר וואַרטן אויף ווייטערע דירעקטיוון!

און די רוסן ווידער, איבערלעבנדיק אין רוסלאַנד דעם געבורט פון באָלשעוויזם, האָבן זיך געפילט ווי אַ שיכור ווען מ׳גיט אים אַ טויט־זעץ, דערפילט ער דאָך אין זיין אומנאַטיר־לעכן, נישט נאָרמאַלן צושטאַנד, דעם קלאַפּ.

האַ! — אויך איצט איבערגעגעבנקייט! ניכטערקייט! —איצט ווען „דושאַ ראַזגאַריעלאַז" (די נשמה האָט זיך צעהיצט) און דאָ באַדיר ווייטער צוגעגעסענע טרויער־שטימונג...

— האַלט! —האָט זיך דערהערט דער ענטפער פון דייטש—רע־וואָלוציע איז רעוואָלוציע און אָרדנונג איבער אַלעס!

און ווען מ׳האָט זיך אין ווילדקייט נישט געקאָנט דער־טרונקען פון פרייד, האָט מען זיך געמוזט באַנוגנען מיט די באַריכטן, וואָס עס האָט זיך אַריינגעגנבעט צו אונדז פון שטאָט, און זענען פאַרשידנאַרטיק געוואָרן אויסקאָמענטירט.

דער קייזער ווילהעלם איז אַנטלאָפן! אין בערלין אַן איבערקערעניש! — מ׳האָט געוואַרט אויפן מאָרגן, וועלכער וועט אַלץ אויפקלערן.

ביינאַכט איז מען אין ליבלעכע זיסע חלומות געשלאָפן. עפּילעפּטיקער האָבן די ערשטע נאַכט שוין קיין היסטערישע אָנ־פאַלן נישט באַקומען. אַלעמענס נערוון האָבן זיך געפילט באַרוּיקט, ווי אַ חתן אין זיין חופּה־טאָג.

אויפכאַפּנדיק זיך אינדערפרי פון מיין געלעגער, האָב איך

גלייך באַמערקט דאָס מיינע קאמאשן זענען מיר צוגעגנבעט געוואָרן.

מאָדנע טרויעריק האָב איך זיך גענומען פילן. נישט געהאָט קיין אנדערע ברירה ווי אָנצוטון זיך אויף די פיס הילצערנע „קאַלאָטקעס", וועלכע זענען מיר נאַטירלעך צו גרויס געווען און נישט פּאַסיק.

כ'בין געגאַנגען ווי אַ פיצל קינד וואָס שטעלט די ערשטע טריט. אייגן געלט צו קויפן זיך שיך האָב איך נישט געהאט און גענומען עמפּאַנגען אַ וועלט־רעוואָלוציע אין הילצערנע שיך, וועלכע צווימען איצט מיינע געדאַנקען, מיין גאַנג, די באַוועגונגען! אַ הייס־קאַלטער פיבער האָט מיך באַהערשט, דאָס האַרץ האָט אין מיר מאָדנע געטון קלאַפּן...

אַ דאַנק דעם צופאַל, וואָס מיינער אַ טרייער חבר, אַ רוסישער מענטשן־פריינט, האָט זיך שטאַרק איבערגענומען מיט מיין לאַגע, נישט גערוט אין לסוף דערגאַנגען ווו זיי געפונען זיך.

דער גנב איז אַנטפּלעקט געוואָרן, אַ רוס פון 30—40 יאָר אַלט, וועלכן דער סטעמפּל פון צרות האָט אים צוגעגעבן אַ אויסזען פון 50 ביז 60 יאָר. ער איז געשטאַנען פאַר אַ פאָלקס־געריכט פון 100 רוסן וועלכע האָבן פאַרמשפּט דעם „שולדיקן"— אַ מענטש, וואָס האָט זיך דערוואַגט אין די ערשטע הייליקע נאַכט פון די וועלט־רעוואָלוציע אינדערצייט ווען מען שטייט שוין אויף די שוועל פון אומקערן זיך „נאַ ראָדינאָ" (אין די היימאַט), צו גנבענען, פאַרדינט אַ טויט־אורטייל, מיט אַ באַדינג פריער צו פרעגן מיין פאַרלאַנג און אַזוי ווי איך וועל הייסן וועט מען טון.

נאַטירלעך האָב איך געהייסן באַפרייען אַ מענטש, וועלכער נישט באַזיצנדיק גוטע ערצויגענע מידות, וויל ער זיך פאַרגרינגערן, לינדערן צייטווייליק די טרויעריקע מאַטעריעלע לאַגע, דעם ביטערן שיקזאַל, דורכן געניסן פון אַ גנבה.

אים כאַפּט מען יאָ! און די טויזנטער מענטשן, וועלכע די איצטיקע אָרדנונג האָט זיי געשאָנקען דאס מזל צו זיין געשולטע, געשיקטע רויבער, פראַנק און פריי צו לעבן אַ פאַר־

שווענדעריש לעבן, יעניקע וועלכע באַזיצן די קונץ פון קיינמאָל נישט אַנטדעקט צו ווערן און מיט חוזק שפּעטן זיי אָפּ פון די יורידישע געזעצלעכע אָרדנונג, כאַפּט מען קיינמאָל נישט.

פאָלגנדיק מיין פאַרלאַנג אים צו באַפרייען האָט מען אים דאָך „מקיים־פּסק'' געווען, שלאָגנדיק אים אויף „טרוקן'' פון זיין קאָפּ האָט גערונען פון די צעריסענע שטיקער הויט, רויט בלוט.

דורך בלוט האָט מען אויסגעקויפט די ערשטע הייליקע רויטע נאַכט פון די דייטשע רעוואָלוציע.

* *

*

פלוצלינג, ביים „עפענען די טויערן''. האָט מען ערשט דערזען, ווי דאָס מלבוש צעקריכט זיך צווישן די פינגער און עס איז ממש גאָרנישט מיט גאָרנישט.

און מיר, די דרייסטערע, האָבן מיט געוואַלט געלאָזט זיך דערגרייכן די פרייהייט.

הונדערטער, טויזנטער געפאַנגענע האָבן זיך געלאָזט צום באַן און די פאָרשטייער פון זעלנער־ראַט האָבן אונדז געגעבן צו דער דיספּאָזיציע אַ ספּעציעלן צוג.

פאַרפלאַמטע און צעהיצטע האָבן מיר זיך דאָרט אַריינגעקליבן אין ענגשאַפט און אין געדראַנג; ביי יעדער פרישער סטאַציע זענען צוגעקומען אַלץ פרישע, אַלץ נייע געפאַנגענע, צווישן זיי אַ סך פּוילישע לעגיאָנערן, וואָס זענען פאַרנומען געוואָרן פון די פּאָזיציעס אין פּוילן.

מיר דערנענטערן זיך צו פּויזן. די דייטשן ווערן אונדז פלוצלינג פאַרלוירן פון די אויגן. עפּעס פילט מען ווי נעבעכדיק און צעשראָקן די דייטשע זעלנער טראָגן זיך פאַר אונדז פאַרביי, זיי ווערן אַלץ ווייניקער און ווייניקער. — — —

אין פּויזן גופא האָבן מיר שוין כמעט זעלטן געטראָפן אַ דייטשיש־מונדירטן זעלנער — ווי זיי וואָלטן פלוצלינג נעלם געוואָרן און אויס!

די באַן־קאָנדוקטאָרן אפילו האָבן זיך געביטן, סיי לויטן פּנים, סיי לויט דער מונדירונג. די פירונג איבער די וואַגאָנען האָבן איבערגענומען פּויליש־רעדנדיקע ציוויל־לייט.

אין פּויזן אויפן וואָקזאַל — אַן אומגעהייער ריזיקע האַלע, כמעט אַ פּוסטע. מחנות פּוילישע לעגיאָנערן איילן דורך, מען ווייסט אַליין נישט וווהין; און נישט עס אינטערעסירט אונדז...

אַ בלינדער קאַליקע מיט אַ קאַטאַרינקע אָנגעהאָנגען אויף אַ הילצערן פיסל שטייט און שפּילט, דרייט ביי דער קאָלבע „יעשטשע פּאָלסקאַ ניע זגינעלאַ" און אַ פּויליש שיקסל האַלב באָרוועס טאַנצט אונטער צום טאַקט...

דער עולם פאַרשיכּורט פון דער אומגעריכטער זעלבסט־שטענדיקייט און באַפרייונג, טאַנצט און זינגט אונטער... עפּעס פילט זיך דער עולם אומבאַשטימט און נישט זיכער... עס איז אַ שמחה געמישט מיט טרויער, און די אויגן־אַפּלען וואַרפן זיך כּסדר אין אומגלויבן אויף אַלע זייטן, ווי בעת אַן ערעסטאַנט, וואָס ווייסט. אַז ער איז פאַרמשפּט אויף לעבנסלענגלעכע תּפיסה קומט פלוצלינג אונטער אַ באַפרייונגס־באַפעל. די ערשטע עטלעכע מינוט לאָזט עס זיך נישט צוגלייבן, צי עס איז אמת, צי גאָר אַ חלום...

וואָס איז? איז טאַקע געקומען משיח פאַרן פּוילישן פאָלק?

עפּעס געטרויעט מען עס זיך אַליין נישט... נישט די אויערן און נישט די ליפּן... עפּעס וואַרט מען אונטער נאָך אַ ביסל, מאָרגן, איבערמאָרגן...

אָט אַזוי אינם טומל און האַרמידער, שטופּט מען זיך ווייטער צונויף אין פול געפּאַקטע וואַגאָנען, וואָס שלעפּן אונדז אין ענגעניש און הונגער קיין דאַנציג, ווו די פאָרשטייער פון דעם זעלבער־ראַט האָבן זיך מי געגעבן צו באַרויִקן די צעווילדעוועטע רוסישע געפאַנגענע, וואָס האָבן זיך געריסן אַ היים אין די רוסישע גובערניעס, וועלכע האָבן זיך נישט גע־

קאָנט באַהערשן, טויזנטער הערצער האָבן געטאָן פיבערדיק קלאַפּן פון אויפברויז און אומגעדולדיקייט.

מען האָט זיך געלאָזט צוריק אהיים צו דער מאַמע רוס-לאַנד, פאַנטאַזירנדיק וועגן דער נייער גאולה, וואָס דערוואַרט דאָרטן אינם געשטאַלט פונם פרישן משיח, וועלכער האָט זיך דאָרט אַנטפּלעקט, און מיט אַ מונטער אומגעדולדיק, שפּאַנענ-דיק געפיל איז יעדער געפלויגן אַהין. — — — — — —

# אין לאַנד פון גלייכהייט

הגם מען האָט זיך געשלעפּט אַ שפּאַר ביסל צענדליק וויאָרסט צופוס, האָט דאָס איצטיקע וואַנדערן אויסגעוויזן גאָר אַנדערש ווי די אַמאָליקע כּסדרדיקע פּאָכאָדן ביים פראָנט, ווּ עס האָט זיך אויסגעדאַכטן פון מידקייט, אַז עס וועט שוין קיינמאָל קיין סוף נישט נעמען...

און אויב עס האָט שוין ווען אַ מאָל אַ כּוף געגומען, איז נאָך ערגער געוואָרן, זיך אַריינלייגנדיק לעבעדיקערהייט מיט קלאַפּנדיקע הערצער אין די נאַסע בלאָטיקע גריבער, דערוואַרטנדיק יעדער מינוט דעם אַנטגילטיקן פּסק-דין פוּגם עלנטן דאָזיין.

אָדער אויפן וועג נאָך, אונטערן פראָנט, צוזעענדיק, ווי פרויען, אַלטע לייט און פּיצלעך קינדער, קומען בעטלען אַ טרוקן שטיקל שוואַרץ ברויט — בעת פון זייערע כאַטעס און כּל-טוב איז מער נישט איבערגעבליבן אַלס זכר, ווי דער הוילער צעבראָכענער ליימענער קוימען, וואָס וואַקלט זיך ווי אַ מצבה איבער דורות-לאַנגע מענטשלעכע אַרבעט. דורשטיקע כאַפּט מען אַ טרונק פון דאָרטן, ווּ די פערד אפילו ווילן נישט אַ שמעק טון, מענטשן אָבער, גאָטס קרוין, טרינקען יאָ, אפילו מיט אַ פאַרקרימט פּנים, אַבי צו זעטיקן דעם דורשט-חלשות.

דאָס מעסטן די ערד מיט די אייגענע פיס אָן אָפּהאַלט, אָן אָפּרו, אָן אויפהער, איז שוין אַ סך בעסער געוועזן ווי אַזאַ

לעבן. ווי ניט איז, גיט מען אַ כאַפּ עפּעס ביי מענטשן צו שטילן דעם הונגער.

איצט אָבער, איז מען פאָרט עפּעס געגאַנגען מיט אַ דערהויבענעם קאָפּ צעבנדליקער וויאָרסטן ווייט, און מען האָט קיין מידקייט, קיין הונגער, קיין דורשט ניט געשפּירט, ביז מען האָט דערזען דעם ערשטן רויטן רוסישן זעלנער.

אָנגעקומען איז מען נאָנט צו קאָווגע. אייניקע וויאָרסט ווייטער, אויף יענער זייט שטאָט האָט מען געשפּרייזט, אַרום האַלבע נאַכט, מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם.

אויפן וועג אין אַ קליין הייזל, האָט מען אָנגעטראָפן אַ קליין פּייערל. דאָרטן איבעווייניק האָט זיך פאַר אונדז באַוויזן דער ערשטער רויטער רוסישער סאָלדאַט, דער „נאַש-זעמליאַק", וועלכער האָט אָנגעזאָגט, אַז מען געפינט זיך ביי אייגענע.

ווידעראַמאָל דער אייגענער נאַזוער רוכישער זעלנער. מיטן גרויען מאַנטל און צו גרויסן ניט געפּאַסטן אוניפאָרם אויף זיך, אויסערלעך קיין האָר ניט געענדערט אפילו.

אַן אָפּגעשניצט שטיקל ברענענדיק שפּענדל, וואָס אַ צווייטער זעלנער האָט געהאַלטן אין אַ כסדרדיקן צורעכט מאַכן, האָט באַלויכטן די גאַנצע שטוב. ביי אַ גלעזל „קיפּיאַטאָק", בלאַסע טיי, האָט מען געפירט געשפּרעכן, פון וועלכע מען האָט בשום אופן קיין טאָלק ניט געקאָנט אַרויסבאַקומען, וואָס עס האָט געטראָפן און וואָס עס קומט פאָר אין רוסלאַנד.

זיי האָבן פון גאָרניט געוווסט, אַ חוץ עטלעכע שפּאָגלנייע ווערטער, פראַזן און אויסדרוקן, וואָס האָבן אונדז אַריינגעבראַכט אין באַוואונדערונג מיט זייער משונהדיקן אויסרעדעכץ, אומפאַרשטענדלעכע גימטריות — אַ מין צעמישונג פון מענטשלעכן לשון.

פון שמחה און איבעראַשונג, ניט צו קאָנען זיך פאָרשטעלן פאַקטיש, אַז אין דער ווירקלעכקייט איז מען איצט שוין פאַרבונדן ווידער מיט דער אַמאָליקער פאַרמלחמהדיקער היים, וואָס איז ווי כמעט אינגאַנצן אַרויס פון זכרון, האָט מען זיך אַלע, ס'רוב מחנות ערשט וואָס צוריקגעקומענע געפאַנגענע, ניט

געקאָנט בשום־אופן באַהערשן, און פאַרוואַנדלט די אַרומיקע שטילקייט אין אַ פאַרשטיקט קלאַנג זיך און צלמען.

ס׳באַווייזט זיך אַ באַפעלצטער זעלנער, לויטן אויסזען אַן אינטעליגענטער אַרבעטער. ער צערעדט זיך צווישן אונדז, און מיר אַלע הערן אים נייגעריק אויס:

„אַ רעוואָלוציע איז געקומען, אַ בלוטיקע רעוואָלוציע, אַ ווידערשטאַנד קעגן דער ווייטערדיקער מלחמה, וואָס סוף־כּל־סוף האָט געמוזט צו דעם קומען.

די פּויערים און אַרבעטער, וואָס זענען אַזוי לאַנג גע־פּייניקט געוואָרן אונטער דער כּסדר דראָענדיקער רוט, האָבן גע־מוזט אַרויס פון די האָליביעס, איבערדרייענדיק אַלץ מיט די פיס קאַפּויער.

די לויטערע ריינע נשמה פונם פּראַוואָסלאַוונעם מענטשן, האָט געמוזט ווערן זיין אייגענער באַפרייער און דער אַוואַנגאַרד פון דער פעלקער־באַפרייונג אויף דער גאַנצער וועלט. מיר רוסן, אונדזער גייסט איז אַ גאַנץ אַנדערער, אַן אייגנאַרטיקער אין דער אַרומיקער וועלט. און אַלעמען להכעיס מוזן מיר זיין און וועלן זיין די ערשטע צו איבערצייגן זיך און אויך דער וועלט, אין אונ־דזער אויפריכטיק גוטן ווילן. אויב עס שטראָמט נאָך גענוג אומ־זיסט בלוט, זענען עס די פאָלגן פון דער רויט־געשטרייפטער ליניע, וואָס פירט צו דער קומענדיקער וועלט־רעוואָלוציע.״

דער געפאַנגענער האָט זיך צוגעהערט צו דעם רעדנער, און זיינע אויגן זענען אים אַלץ ברייטער געעפנט געוואָרן. ער האָט נישט געגלייבט און נישט געקאָנט גלייבן.

— ווייסט איר דען נישט פון וואַנען מיר קומען איצט? — האָט זיך אַ דרייסטער אָפּגערופן — פון וואַנען זאָלן מיר וויסן אַזעלכע זאַכן? מיר ווייסן פון גאָרנישט און גלייבן קיינעם קיין זאַך נישט מער. די בלוטיקע ווירקלעכקייט, וואָס מיר האָבן מיט־געמאַכט האָט אַלץ פאַרווישט. ווער און וואָס מיר הומאַניטעט און גלייכהייט! די עטלעכע פאָר יאָר געפאַנגענשאַפט האָבן אין אונדז פאַרטעמפּט דאָס ביסל מענטשלעכע געפיל וואָס מיר האָבן ווען עס איז פאַרמאָגט.

— יאָ! — האָט זיך אָפּגערופן אַ רויטער זעלנער — אָט דאָס מיינען מיר טאַקע! אַליין מיט די אייגענע הענט דאַרף מען איבערבויען די אייגענע היים, וואָס האָט גרייט פאַר אונדז אַלדאָס גוטס! הגם איר פּטרט אַלץ אָפּ מיט בטול און גרינגשעצונג, מחמת אייער נישט געשטילטער הונגער בעפינט איר זיך איצט אין אַ סטאַדיום פון אויס מענטשן...

די געפאַנגענע האָבן צוגעשאָקלט מיט די קעפּ, גאַנץ און האַלב רעזיגנירטע.

אַ וואַרעמער שטראָם איז אַדורך אַלע אברים און די צאַנקנדיקע באַלייכטונג האָט צוגעגעבן אַ מין תשעה-באָב שטימונג ביי קינות ערגעץ אין אַ יידישן מנין אין אַ פאַרוואָרפן קליין שטעטל.

מען איז געזעסן פאַרטרויערט און שטום אינם האַלב-טונקעלן צימער. אויסגעסדרט און צונויפגעטוליעט ענג אויף דער ערד, נישט צו קאָנען די פיס גלייך אויסשטרעקן און געהאַלטן אין איין דערציילן זיך מעשיות און לעגענדעס אָן שום צוזאַמענבונד.

ווי נאַר ;עס האָט אַ שימער געטון דער ערשטער בליאַסק פון פרימאָרגן; האָט מען אַלץ געלאָזט הינטער זיך און ווייטער געשפּאַנט וואָס נענטער צו דער ערשטער גרויסער שטאָט.

נאָענט ביים וואָקזאַל אין קאָוונע אין לאַנגע הילצערנע באַראַקן, ביי געדעקטע טישן, האָט מען די געפאַנגענע אויפגענומען און אונטערגעלענט די הערצער. די אויפזעער זענען סרוב געוועזן סטודענטן און גימנאַזיסטן. הגם דאָס עסן איז געוועזן נישט גאָר געהויבן, איז דאָך געוועזן גענוג דעם ערשטן הונגער צו שטילן. מער האָט דער עולם נישט באַדאַרפט און נישט געהאַט קיין צייט צו פאַרלאַנגען.

אַלץ האָט געאיילט וואָס גיכער אין וועג אריין, וואָס נענטער צו זיין צווישן אייגענע; און ווער האָט געקאָנט האָבן אין זינען אַזעלכע פּראָזאַישע זאַכן, ווי אַ באַטעמט עסן...

— נאַ פלעוואַס! — האָט זיך געהערט פון אַלע זייטן, און ווי פאַרסמטע מייז איז מען מחנותווייז אַרויס פון די דער-

פער און צעשפרייט זיך איבער די ווייטע טראקטן, וועגן און סטעזשקעס. די באַן איז נישט געגאַנגען מער ווי איינמאָל אין וואָך און דאָס אויך נאָר פאַרן אייגענעם מיליטער — ווער האָט זיך אויף דעם געקאָנט פאַרלאָזן. די וועגן זענען געוואָרן איבערגעפלייצט מיט געדיכטע מאַסן פּוסגייער, מחנות געפּאַנגענע, האַלבנאַקעטע, מיט הילצערנע „קאָלאָטקעס" אויף די באָרוועסע פיס.

אַלץ האָט געאײַלט, געיאָגט וואָס ווייטער, נענטער צו זיך אַהיים, צו די אייגענע, ערגעץ אין קובאַנער, אירקוצקער אָדער באָוואָגראָדער צי וואָלגאָטסקער גובערניעס. די ווייטקייטן, דער מרחק, האָט קיין שום ראָל נישט געשפּילט. נייע כּוחות, פרישע מוט און אַ באַפליגלטער גייסט האָט אַלעמען ווי אונטערגעטראָגן און באַקרעפּטיקט אינם ווייטן וועג אַריין.

— כאַ-כאַ-כאַ! — האָט מען געהערט אַ פריילעך געלעכטער זיך קייקלען איבער די לאַנגע שיטערע וועלדער פון ווייסרוסלאַנד.

מענטשן, וועלכע האָבן געזען בחוש „ווי יעשטשאָ זשיוויאָם!" (מיר לעבן נאָך!) האָבן זייערע אייגענע אויגן נישט געגלייבט און יעדער ווילע איינער דעם אַנדערן אַרומגעכאַפּט, געשטופּט זיך, געקנייפּט, אַרומגעשטיפט און געקיצלט, אַבי זיך איבערצוצייגן, אַז עס איז נישט סתם עפּעס אַ פּוסטער חלום.

דאָך האָט זיך קיינער נישט דערלויבט אַרויסצוכאַפּן זיך מיט אַ וויץ, אַ באַנאַליטעט, אַ פרעך וואָרט.

עפּעס האָט מען זיך געשראָקן נישט צו פאַרשוועכן די אומבאַגרייפלעכע יום-טובדיקייט פון דער אייגענער נשמה.

— ווער ווייסט, וואָס פאַר אַ סכּנה עס קאָן נאָך אונטערקומען? ווייל די ווירקלעכקייט האָט אומברחמנותדיק און פרעך אונדז אָפט געטון פּאַטשן.

מיר זעען פאַר זיך די רויטע קאַוואַלעריע, וואָס איז דורכגעריטן, די פאַרבייפאָרנדיקע וועגעלעך מיט די מידע זעלנער, וועלכע זענען אין זיי געזעסן און געזונגען, האָבן נישט אַרויסגעוויזן די אַמאָליקע פריילעכקייט און האַרציקייט, וואָס פלעגט

אפילו די דורכגייענדיקע ציוויל-מענטשן מאַכן לאַכנדיק און אויפגעהייטערט. היינט רופט עס עפּעס אַרויס אַ ווידער-געפיל מיט זייערע משוגעדיקע ניגונים: „גייט אַ יאָלד אין אַ קאַפּעלוש"... און ד. גל.

קיינער האָט אונדז נישט באַגריסט, קיינער האָט אונדז נישט אויפגענומען ווי מען דאַרף. עפּעס האָט מען אויסגעזען ביי זיך ווי באַנדעס בעטלער און שלעפּער. אָפּגעריסענע, באָרוועסע, מיט הילצערנע טרעפּעס אויף די מיט ווונדן באַדעקטע פיס און ליידיקע טאָרבעס אויף די אויסגעקרומטע אַקסלען.

אַזוי האָבן אויסגעזען די געוועזענע קריגס-העלדן און איצטיקע קאַליקעס מיט געלע, גראָע, טויטע פּנימער. אַלע האָבן אונדז באַטראַכט גלייכגילטיק און קאַלט און ווייטער אַוועק זייער וועג. קיינער האָט זיך מיט אונדז נישט פאַראינטערעסירט. עפּעס ווי מיר וואָלטן געקומען צו זיי אַלס ווילד-פרעמדע מענטשן. אָט אַזאַ קבלת-פּנים האָבן מיר באַקומען און עפּעס איז אונדז געוואָרן קאַלעמוטנע אויף דער נשמה. דאָך האָט מען זיך געהאַלטן, נאָך אין איין טרייסטן, אַז ווייטער מסתמא וועט זיין אַנדערש, אָבער אומזיסט. — — — — — — — —

זעענדיק דורכרייטן די רויטע קאָזאַקן מיט זייערע רויטע פענער און דאָס הילכיקע שאַלן פונם רעוואָלוציאָנערן הימן דורך דער מוזיקאַלישער קאָמאַנדע, באַגלייט מיטן געזאַנג פון נייע רעוואָלוציאָנערע לידער, מיט אויסרופן: נידער! עס לעבע! א. א. וו. — האָט מען זיך געטראַכט מיט חידוש:

וואָס קאָן עס זיין?... ערשט מיט חדשים צוריק, ווי די אייגענע חברים-קאָזאַקן האָבן אַרויסגעוויזן אַזוי פיל אכזריות און שלעכטקייט קעגן די שוצלאָזע יידן ביים פראָנט, שיסנדיק און קאַטעוועדיק ביזן טויט, לויטן בלויזן אָנווייזן פון די קריסטלעכע ציוויל-עדות אויפן „דייטשן פריינט"...

די אייגענע, וועלכע האָבן אויפגעריסן די טירן פון די יידישע קראָמען און קעלערס, צולאָזנדיק פריי ראַבירן דאָס אָרעמע ביסל גוטס... צעטראַטעוועדיק אפילו דאָס הייליקסטע, די

יידישע ספרים און פאַנאַנדערטיילנדיק עס צווישן די קריסטלעכע געוועלבער, אַלס פּאַק-פּאַפּיר אויף הערינג און חזיר-פעטס...

און גלאַט, — ווער געדענקט עס נישט זייער פאַרהאַלטן זיך צו דער פּיעכאָטע-אָפּטיילונג, וואָס איז די ערשטע געווען פאַרמשפּט צום טויט, אַלס וואַנדערער צו פוס... און זיי, די שטאָלצע, די פּריווילעגירטע, וועלכע האָבן דרייסט און געשיקט, לויטן אייגענעם אייגנזין, אויסגעפּירט די אומעגלעכסטע זאַכן אינדערוועלט, אָפּטועודיק אַלץ, וואָס עס האָט זיך זיי פאַר-גלוסט און נאָך באַקומען פאַר דעם, דעם גרעסטן יישר כוח — האָבן זיי זיך באַצויגן צום פוסגייענדיקן-זעלנער, ווי אַ וואָלף צו אַ שעפּסל. דעם אויסגעהונגערטן „פּיעכאָטניק", וואָס איז טיילמאָל פאַרבלאָנדזשעט צו זיי, האָט מען אָפּגעזאָגט צו געבן עסן זייערע געשמאַקע פעטע מאכלים, מיטן תירוץ, אַז אַזעלכער איז עס נישט ווערט. פאַרוואָס? דער קאָזאַצקער יושר האָט זיך אַליין פון דעם קיין חשבון נישט אָפּגעגעבן.

און איצט — צוקוקנדיק זיך צו זיי, האָט יעדער אויפ-ריכטיקער מענטש געמוזט מודה זיין, עפּעס איז פאַרט מיט זיי פאָרגעקומען אומפאַרשטענדלעכס און ווער ווייסט, וואָס זיי וועלן נאָך באַווייזן אין די שפּעטערדיקע צייטן.

להיפּך, האָבן מיר געזען די צוריקקערנדיקע דייטשע זעל-נער וועלכע זענען אַנטלאָפן פון אוקראַינע ווייס-רוסלאַנד. ווי רויק און בנעימותדיק זיי פאָרן צוריק אין זייער היימלאַנד. אַנטוואָפנטע, אָבער גוט און פריינטלעך באַגלייט.

די דייטשן מאַרשירן אָפּ, אונטערן קלאַנג פון מוזיק, באַ-גלייט מיט רעדעס פון די באָלשעוויסטישע גדולים אויף אַ משונה-דיקן דייטשן זשאַרגאָן, וועגן דער וועלט-רעוואָלוציע. אָט, אָט, וועט פאַנאַנדערבלאָזן זיך אין דייטשלאַנד דאָס פייער פון קאָמוניזם און באַלד פלאַמט עס אויף ווייטער איבער דער גאַנצער וועלט איני-דערלענג און איגדערברייט.

און די דייטשע גראָב-בייכיקע פעלדפעבלס און אָפיצירן האָבן געהאַלטן אין איין שרייען מיט התלהבות און באַגייסטע-

רונג: „עס לעבט! עס לעבט!" און דער בלאַז-אָרקעסטער האָט געשאַלט די „מאַרסעליעזע"...

אַז דער קריגס-געפאַנגענער האָט דאָס צוגעקוקט, איז אים דאָס בלוט אין האַרצן פאַרשטאַרט געוואָרן און עס האָט אים געצויגן צו נקמה פאַר די אומשולדיקע פאַרגאָסענע טייכן-בלוט פון זיינע ברידער, וועמענס ביינער עס פוילן יונגערהייט אין דער ערד...

און דאָך, כאָטש מען האָט זיך געוואָרפן, געצאַפּלט ווי אַ פיש, האָט מען געמוזט שווייגן, דען וואָס פאַר אַ ראָל האָט געקאָנט שפּילן ביי די „רויטע" בעת מען האַלט אין צוגרייטן אַ וועלט-רעוואָלוציע, עטלעכע צענדליק טויזנט הרוגים און קאַליקעס אַנטקעגן אַ וועלט-באַפרייונג.

און דער געפאַנגענער האָט געפילט, אַז אויך איצט איז ער דער „קרבן" ביי זיינע אייגענע ברידער, וואָס לאָזן אים נישט קיין הויך וואָרט רעדן, קיין איבריקע טענות און תביעות איבער די ליפּן ברענגען. דער אָקאָרשט געוועזענער אין געפאַנגענשאַפט מוזן אויך איצט שווייגן און האַלטן דאָס מויל...

* *

*

איך געפין זיך אין ווילנע, אינדערצייט פון ליטוויש-וויים-רוסישער ראַטן-מאַכט, אונטער די הערשאַפט פון חבר מיצקעוויטש-קאַפּסיקאַוו אין די רייען פון דער רויטער אַרמיי, אין חודש יאַנואַר פון יאָר 1919 אין אַ מיליטער-אָפּטיילונג, וואָס איז געשטאַנען אונטערן שטאָט אויף אַ ליידיקן פּלאַץ אין אַן אויפגעשטעלטער ברייטער געביידע, אַרומגעמויערט מיט אַ פינף-איילנדיקן הויכן צוים, ווו עס האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט ווי אין אַן אָפּגעשטאָרבענעם מענטשן-ישוב.

אַריינקומענדיק אינעווייניק האָב איך דערזען אַ מאָדנע געמויערטע געביידע, ווי דורך אַ טיר קומט מען אַריין אין אַ קאָרידאָר מיט עטלעכע טירן. רעכטס איז פאַראַן אַ פּאַליש דורך וועלכן מען קומט אַריין אין אַ גרויסן פּראַוואָסלאַוונעם „סאָבאָר"

פאַר מנישקעס, וועלכע פלעגן דאָ אָפּריכטן טאָג-טעגלעך זייערע תּפילות. איצט איז עס געשטאַנען אָפּגעלאָזן, ווי נאָך אַ פּאָגראָם, עפּעס מאָדנע זענען מיר פאַרגעקומען די איינגעאָרדנטע שטובלעך דאָרטן, וואָס האָבן אויסגעזען ווי טיפע לאַנגע קאָרידאָרן, וואָס זענען פאַנאַנדערגעטיילט אויף קליינע שמאָלע צימערן, אָפּגערוקט איינס פון אַנדערן אויף אַ קנאַפּער אייל. גאָר הויך ביים באַלקן, פאַרזען מיט אַ פענסטער און באַזאָרגט מיט אַ גרויסן אייזערנעם אויוון, מיט אַ ברייטן ווייכן פאָטעל און אַ הילצערן אַלטמאָדיש בעט, די ווענט פאַרהאָנגען מיט הייליקע בילדער און געשניצטע געמעלן, די טירן האַלב-רונדיק ווי אין די בעקערייען. אָט אין אַזאַ אומגעבונג האָבן פאַרבראַכט די רוסישע מנישקעס זייערע לעצטע טעג, אָוועקוואַרפנדיק מיט פאַרביטערונג דאָס עולם-הזה לעבן.

ווי צעמישט האָט מען אַרומגעבלאָנדזשעט אויף די קרייץ-וועגלעך און טרעפּלעך צו די אַרומיקע שטובלעך, וואָס זענען ספּעציעל געמויערט געוואָרן, אָן סיסטעם און אָן אַ סדר, ווי אַ געהיים וווינאָרט פאַר געהיימע מענטשן-ברואים.

פאַרבראַגנגענדיק דאָ אַ צייט לאַנג, האָט מען זיך דאָך נישט געקאָנט גוט אָריענטירן אין די מאָדנע קאָרידאָרן און קאָרידאָרלעך, און נישט געקאָנט זיך גענוג אָפּוווּנדערן פון די אויסטערלישע איינפאַלן פון די הייליקע מענטשן, אַז וואָס אַ שטאָק העכער, האָט דער בנין אויסגעזען אַלץ מער געהיימניספולער און לאַבירינטישער.

איצט — זענען זיך אַלע צעלאָפן, אַלע טירן — צעעפנט און אויפגעפראַלט, די בעטן צעבראָכן, די קינסטלעכע, הייליקע בילדער צעבראָכן, די פאָטעלן איבערגעקערט און צעבראָכן. אַלץ האָט דאָס פייער דערנאָך צוגענומען אַ חוץ עטלעכע אַלטע מנישקעס, וועלכע האָבן זיך ווי מפקיר געווען און דאָ פאַרבליבן כּדי אַלץ אָפּצוהיטן.

איינע פון די מנישקעס האָט געהאַלטן אין איין שרייען אויפן קול:

— ניין! ניין! נישט אַזוי וועט איר די וועלט איבערבויען.

דאָס טויזנטיעריקע גלויבן ווילט איר מיט אַזעלכע מעשים אויס־וואָרצלען? ניין! מיר וועלן נאָך צוריקקומען צו אונדזער מאַכט, און עס וועט ווידער אַלעמען באַוועלטיקן די ליכטיקייט און מיר וועלן ווייטער אונדזער ווידערגעבורט באַקומען. מיר וועלן זיך אויפסניי באַפעסטיקן, און איר?...

אָבער איינע אַליין איז זי איבערגעבליבן מיט איר תוכחה.

* *
•

כ׳לאָז מיך צום באַנהויף, ווייטער אין וועג אַריין, אַ קוק געבן טיפער אינעם אינערלעכן רוסלאַנד, וווּ עס שמעקט שוין מיט באָלשעוויזם.

טאָג ביי טאָג גיי איך צום באַן, זע, ווי הונדערטער מענטשן קומען און וואַרטן אויף די דורכאיילנדיקע צוגן און זעלטן, זעלטן קאָן זיך ווער מיטכאַפּן, מיטשלעפּן זיך אין די איבערגע־פּולטע, ענג־געפּאַקטע וואַגאָנען.

אַ טייל צוגן שלעפּן זיך דורך לכתחילה פּאַר בלויז אויס־געווײלטע רויטע־אַרמייער און — נישט צוצורירן זיך צו זיי חס־וחלילה...

ענדלעך זיץ איך אין אַ וואַגאָן, וואָס גרייט זיך אין וועג אַריין.

וווּהין? ווייסט קיינער נישט...

די קאָנדוקטאָרן סודן זיך עפּעס צווישן זיך, ווי זיי וואָלטן באַשטימט אונדזער גורל, זיך באַראַטן אין וואָסער ריכ־טונג צו קערעווען די מאַשין.

איינער דעם אַנדערן פרעגט איבער:

- וווּהין פאָרט מען?

— קיין פּעטראָגראַד -- באַשטעטיקט איינער.

— קיין מאָסקווע — ענטפערט אַ צווייטער.

די וואַגאָנען זענען איבערפּולט, שווער פּשוט אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם. מען איז צונויפגעקנוילט ווי הערינג אין אַ פּעסל און מען גענעצט פאַרשלעפּערטע און הונגעריקע איינער דעם

צווייטן אין מויל אַריין. נישטאָ קיין איין שטיקל פרייער פּלאַץ וואס זאל נישט זיין פאַרנומען. אויף דער פּלאַטפאָרם אין דרויסן, אויף די טרעפּ, אַרום די רעדער, און אויף די האָקעס, אויף די דעכער. אומעטום איז באַזעצט און באַהאָנגען פון מענטשלעכע ברואים.

נאָך אַ גליק וואָס דער לאָקאָמאָטיוו אײַלט זיך נישט אַזוי האַסטיק פון סטאַציע צו סטאַציע, ווען נישט, ווער ווייסט וויפיל אומגליקן עס וואָלטן זיך געטראָפן, וויפיל הרוגים עס וואָלטן געפאַלן.

זעלנער און ציוויל-לייט, דרייסטע און אומדערשראָקענע קלעטערן איינער איבערן אַנדערן. מ׳הענגט זיך אָן פאַר אַ טרעפּ פאַר אַ פענסטער, פאַר אַ קליאַמקע פון אַ טיר און מ׳שלעפּט זיך שעהנווייז, טעג גאַנצע, פון אָרט צו אָרט; אַלץ נענטער אַהין וווּ מען דאַרף.

אַ סך אומגעדולדיקע קאָנען נישט צוקוקן ווי די צוגן שלעפּן זיך, לאָזן זיי די באַן הינטער זיך און שפּאַנען, לויפן, אײַלן צו פוס, אַבי וואָס גיכער דערגרייכן זייערס.

מיר נאָר, די היימלאָזע, געבוירן אין רוסיש-פּוילן, אויסגעהונגערט נאָך דער אַמאָליקער רוסישער נאָגטער גאַסטפריינטלעכקייט, פרייוויליק אויסגעמיטן אונדזערע אַלטע ווינערטער, רייסן זיך צו דער פרייער דעמאָקראַטישער גלייכבארעכטיקונג פאַר אַלע פעלקער אויף דער רוסישער ערד.

דאָס פאָלק, וועמען קערענסקי האָט געהאַט געשאָנקען די פולע פרייהייט, לויטן אמתן ברייטן רוסישן גוט-הארציקייט,—דאָס פאָלק האָבן מיר געוואָלט קוקן גלייך אין פנים אַריין.

יעדער ווייל איז דער צוג פלוצלינג געבליבן שטיין. אַלטע פּאַסאַזשירן זענען אַראָפּגעשפרונגען פון נודנעקייט און זייער אָרט האָבן פאַרנומען צען אַנדערע, אויסגעמאַטערטע און מידע.

און אַ כאָאָס, אַ צעררודערונג איז געווען, אַז איין גאָט זאָל שומר ומציל זיין!

הונגעריקע, וואָס האָבן מיט זיך ערגעץ אפילו מיטגעשלעפּט ברויט, האָבן מורא געהאַט עפּעס טעלעך צו עסן...

און ביי יעדער נייער סטאַציע האָט מען געדאַרפט זיך אָפּשלאָגן פון די טוריזנטער פריש צוגעקומענע וואָס האָבן געפּרוווט אַריינקריגן זיך אין די ענג פאַרשפּאַרטע וואַגאָנען. נישט איין שוואַכער איז אַרויסגעשטופּט געוואָרן, אָדער אַליין אַנטלאָפן, אַבי איבערצולאָזן פּלאַץ פאַר אַ צווייטן, מער אויסהאַלטעוודיקן. די צעווילדעוועטע געשרייען זענען ווי אין אַ שעכטהויז.

צווישן זיי אַלעמען האָב איך זיך אַרומגעפּלאָנטערט, נישט וויסנדיק וואָס ס'קומט מיט מיר פאָר. פאַרוואָס גיי איך נישט צווישן יידן אין שטאָט, נאָר געפון זיך פרייוויליק אין דער רויטער אַרמיי?

ווייל דאָך, טיף אינערלעך האָב איך איצט געשפּירט, דאָס יעדער איינציקער וואָס איז געלעגן חדשים, יאָרן אויפן שלאַכטפעלד, געפאַנגענלאַגערס — דער מוז קומען צום אונטערנאַציאָנאַליזם.

אין אַ סאַרקאַסטיש געלעכטער האָט געכיכעט אין מיין האַרצן — איך, רעליגיעזער בן רעליגיעזער מענטש, דער געטרייער בן ישראל, פּרוביר צו לייקענען אין קיום היהדות?

איז דאָס מעגלעך?!

יאָ! — האָט דרייסט אַ קעגן-שטימע הויך פּראָטעסטירט. איך לייקן אין מיין אויסדערוויילטקייט!

ווער בין איך? ווען נישט ווי אַלע! — אַ מענטשן-וואָרעם, וועלכע יעדעס פאָלק מיט זיין נאַציאָנאַלע בחירה לייקנט אין צווייטנס אויסדערוויילטקייט.

פון די פאַרשידענע פראַגן וואָס האָט זיך מיר געשטעלט בין איך געוואָרן אַ פאַרוויטאָקטער, אַן אומבאַרויקטער.

איך האָב זיך גענומען צוקוקן צום רוסישן פרייעם לעבן. די זכיה געהאַט צו זען, פאַקטיש מיט די אייגענע אויגן צו וואָס אַ פאָלק קאָן קומען, ווען עס ווייסט נישט פון קיין צוים איבער זיך.

דער באָלשעוויסטישער אָפּגאָט האָט אַלעמען פאַרשיכורט מיטן באַוויזענעם מופת, אַז נאָר מיט קראַפט, מענטשן מיט אַ שטאַרקן כאַראַקטער, זיי באַקומען די איבער-

הערשאַפט איבער די מאַסן מיט אַ שוואַכן כאַראַקטער. זון אויס־לאַכנדיק די ראָמאַנטיק, די סענטימענטן, די בענקשאַפט און חלומות, האָט עס געהייסן: שוואַכע, צענטער־געשטימטע, באַהאַלט אייך און טרעט אָפּ אַ הינטער! מחמת פּעטשע, עקס־געשטימטע, נאָר אַזעלכע וועלכע האָבן קיין חס נישט, קיין פּחד נישט אפילו לגבי ברידער און עלטערן, בעת דער באָלשעוויסטישער אָפּגאָט פאַרלאַנגט זיי זאָלן קומען און שטעלן זיך אַלס אַפּאָסטאָלן פון דער וועלט־באַפרייונג, אַלס שטירצער פונם קאַפּיטאַל און גריני־דער פון דער נייער אמונה, וואָס באַטאָנט אַז נאָר דער כּלל, דער רבים עקזיסטירט און נישט דער יחיד, וועלכער מוז סוף־כּל־סוף פאַרכלינעט ווערן פונם הייסן רויטן לאַווע שטראָם, וואָס פליצט פאַנאַנדער און באַדראָט אַלץ און אַלעם.

איצט אין צווייטן יאָר פון רעגירן, אין סאַמע ווירוואַר־צייט פון פּראַקטישן פאַרווירקלעכן דעם באָלשעוויזם, האָט גע־הערשט אין אַלע געביטן אַ פאָלקאָמע מאָראַלישע פאַרווילדערונג.

דאָס ווידערגעבורט פון אַ ניי ברידערלעך לעבן, האָט די ערשטע שפּראָצונגען באַדאַרפט געבן און שאַפן אַן אייגענע באַ־ציהונג צו יעדער זאַך.

דער געוועזענער מיטלשטאַנד און נאָך מער, די געוועזענע רייכע גוט איינגעפונדעוועטע קלאַסן, האָבן זיך נישט געקאָנט שענקען, זעענדיק בולט די „ווירקלעכקייט” פאַר זייערע אויגן.

מ׳האָט זיי אַוועקגערויבט דאָס רייכטום, צו וואָס זיי זענען געווען צוגעוווינט, ווי צום נאָרמאַלן אָטעמען פון אַ געזונטן מענטשן.

מ׳האָט זיך נישט געקאָנט באַרויקן, זעענדיק ווי מיט אַ טעאַטער פאַרטוישט מען דאָס בוך און מיט צייטונגען, וואָס מען פאַרפלייצט אומזיסט, געשריבן דורך לייכטזיניקע נישט ערנסטע זשורנאַליסטן, וויל מען ערציען דעם נייען דור.

די אינטעליגענץ האָט זיך די האָר פון קאָפּ געריסן — וואָס איז דאָס אַזוינס? גיט אַ גלויבן! שאַפט געבאָטן! און באַרויבט נישט דעם גייסטיקן צול פון מענטשן.

זיי, די סקעפּטיקער זענען זיך מיט דער צייט, באַוואלטצ,

צעפּאָרן אין די פאַרשידענע אויס'ענדישע לענדער אַפריקטן גלות-מיטן געדאַנק אַז אַ חודש, אַ יאָר און ס'מוז פּלאַצן — איז מען אַוועק.

— מיר וועלן באַלד צוריקקומען! — האָבן זיך געהערט אויסרופן ביים פאַרלאָזן די וווינ-ערטער.

* *

*

איך האָב נישט געהאַט קיין „זיץ-פלייש" און כ'בין געלאָפן ווייטער מיט אַזעלכע ווי איך.

מ'איז אַריינגעלאָפן אין שטאָט איבערנעכטיקן אין די פון די רעגירונג איינגעאָרדנטע נאַכט-הייזער פאַר דורכוואַנדערער, ווו ס'איז געווען תמיד אַן איבערפלוס פון מענטשן, וועלכע פלעגן צוריקציען צו זייער היים קיין פּוילן, ליטע און ווייסרוסלאַנד.

אַן אויסערגעוויינטלעכער טשאַד און אַ שטינקענדיקער גערוך האָט באַהערשט דעם לאָקאַל, ווו דער דלות האָט אַלעמען פאַראייניקט, ווייל מענטשן מיט געלט האָבן דאָ איין מינוט נישט געקאָנט זיך האַלטן.

יינגעלייט, וואָס די שרעק פון בלוט און טויט האָט זיי אויסגעמיטן, האָבן נאָך געהאַט מוט זיך צו אַמוזירן מיט די רויטע, פולע מוידן פון דאָרף.

אויגן האָבן זיך געוואָרפן פון ליידנשאַפטלעכן אינסטינקט אויך דאָ אינם ענגשאַפט צו זינדיקן, אָבער די עלטערן האָבן דורשטיק שאַרף נאָכגעקוקט זייערע אומדערפאַרענע טעכטער און באַקאַנטע, דאָס מער ווי צום שפּאַסן איז נישט צוגעלאָזן געוואָרן.

פון מינסק געלאָזט זיך ווייטער קיין סמאָלענסק און אין די דערנעבנדיקע געגנטן.

אומעטום זענען מענטשן דערשראָקענע ווי פאַרסמטע אַרומגעלאָפן, ווערנדיק באַרויבט פון נישט קאָנען האַנדלען און פאַרמיטלען. דאָס געלט איז געוואָרן וואָס ווייטער ווערטלאָזער, ס'האָט שוין געהאַלטן ביי געלט-רובלס „קערענסקי № 2"

פאַר סחורה און אַרבעט האָט מען געצאָלט מיט אַנדערע

נויטיקע סחורות. מענטשן אָבער אָן באַשעפטיקונג זענען אַרומ־געלאָפן ווי מייז און גענישטערט.

מ'האָט געפילט, דאָס מען שטייט פאַר וווּנדערלעכע סיו־פּריזן, אומבאַוווּסטע ספינקסן וואָס די צייט וועט ברענגען מיט זיך.

ס'האָט האַסטיק געררוישט פון פּאָליטישן משוגעת, פון איינ־וואָרצלען אַ נייע אָרדנונג און אַ עקסטרעמען גייסט, וואָס דער רוסישער מענטש באַזיצט, ווען נישט עקסט־שוואַרץ איז עקס־רויט...

מיט אַ פאַרפלאַמט, צעהיצט, רויט פּנים, מיט אַ פעסטן צונויפגעביילטן פויסט און אין אַ גרויסן צעשויבערטן קאָפּ האָר האָבן מענטשלעכע לייבן־שטימען געשריגן: „זאָל זיין אַזוי!"

און מיט אַ רויט פּנים, פלאַמענדיק פון היץ, און זוכנדיק איבעראַשונגען, האָב איך געהאַלטן אין איין אַרומלויפן פון איין אָרט אויף אַ צווייטס. אַלץ געוואָלט זען מיט מיינע אייגענע אויגן.

זעלנער זענען געשטאַנען און כסדר געהאַלטן אין איין שיסן „נאַ־וויוואַט", ווי די הענער, ווען אייגער גיט אַ קריי, דאַן חזרן אַלע הענער איבער.

אויך דאָ, ווי אָפּגערעדט זיך, ווען מען האָט אויף איין אָרט געשאָסן, האָט מען פון אַלע זייטן אָפּגערופן זיך מיט אַ געדיכט שיסעריי.

מענטשן זענען הפקר געוואָרן, גייענדיק איבער די גאַסן, ווי ביקסן־קוילן זענען געפלויגן אָן אַ ציל.

מען האָט גענומען אַ לעב טון מיט די אויסגעלאַסענע פרויען, וועלכע זענען יחסנים געוואָרן, דורך דעם, וואָס זיי זע־נען די ערשטע געווען צו וועלכע די פרייע ליבע איז האַסטיק אויסגענוצט געוואָרן.

שטייענדיק אויף דער וואַך האָט מיך די לאַנגווייליקע צייט געבערענגט צום טראַכטן, נישט קומערנדיק זיך ווען נישט איינמאָל בין איך אַ הונגעריקער פאַרבליבן.

איין טאָג איז געווען, איך קום פון גאַס אין מיין קאָ־מאַנדע, הונגעריק ביז גאָר, איך לויף צו מיין קאָמיסאַר מיט

און אָנקלאַגע, אַז מ'האָט מיר נישט איבערגעלאָזט קיין מיטאָג, קיין ברויט נישט באַשטימט.

ער טוט אַ שאָקל מיטן אָקסל און גייט זיך ווייטער.

אָבער איך האַלט ביים פאָדערן ס'מיינִיקע. דער מאָגן וויל נישט וואַרטן, דער געדאַנקען-גאַנג איז פאַרלוירן, אין איין פונקט קאָנצענטרירט זיך דער געפיל, צו באַקומען עפּעס עסן.

און קיין איינציקער מענטש קוקט זיך אויף מיר נישט אום, מ'האָרכט מיך אויס, אָבער מ'גייט אַוועק מיט באַדויערונג, אָדער מיט אַ כיכיקן געלעכטער אויף מיין נאַרישן פאַרלאַנג.

איך ווער צערייצט. דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן פּאַ-סירט, ווען איך דערשפיר, דאָס איך מוז שרייען, האַקן אין טיש, ווייל דאָס האָט טאַקע געפּועלט.

מ'האָט מיר דערלאַנגט עסן און געטראַכט האָב איך ביי דעם:

אויך דאָ בלייבן שטילע מענטשן הונגעריקע, נישט דער-הערטע, אויך דאָ מוז מען מיטן בייזן קולאַק גיין.

און וועלנדיק באַקומען גייסטיקע רו, צו לעבן מיט ריינע עטישע געפילן, מוז מען אויך פון דאַנען אַוועקלויפן, ווייט, ווייט — וווהין? דאָס האָב איך אויגנבליקלעך נישט געקאָנט באַשטימען, אָבער דער געדאַנק האָט מיך שוין נישט געטאָן אָפּלאָזן.

איצט, האָט שוין טיף אין מיין האַרצן געעגבערט אומצוקערן זיך צו היימישע, עלטערן, און קרובים.

איך האָב געפילט, אַז קיין שום גוטס וועט מיך נישט באַפרידיקן. זאָל איך כאָטש דערגרייכן דעם ציל, נאָך אַ קוק צוטאָן אויף אַלעם, וואָס דערמאָנט מיך עפּעס ראָמאַנטיש און איז מיר ליב.

און דערנאָך ווייטער לויפן אינדערוועלט, זוכן, נישטערן מיין נאַטור נאָכגעבן.

און ווי אַ „פּאָקוטניק" (בעל תשובה) צו פוס, אָן שום מיטלען, זיך געלאָזט אַ היים, נאָך פוילן צום גייסטיקן צענטער פון גלות...

# אַ היים

אין רוסלאַנד האָב איך נישט געפונען דאָס, וואָס מיין פֿאַנטאַזיע האָט מיר אויסגעמאָלן צו געפונען דעם ענדע־ציל פון דער געטלעכער הימלישער גערעכטיקייט אויף דער ערד... און אָפּטרייסלענדיק זיך לסוף פון אַלעם, האָב איך מיך אויפגעהויבן אין אַ שיינעם נאָכמיטאָג און זיך ווייטער געלאָזט אין וועג אַריין. געגאַנגען בין איך איינער אַליין, אָן אַ שום באַגלייטער, אָן אומ־געהייערע צאָל דראָזשקעס און פורן געפּאַקט פול מיט מענטשן און אומצאַליקע געפּעק האָבן זיך געצויגן איבערן טראַקט. דאָ האָט זיך געפונען גענוג גאָלד, צירונג און געלטער און אַנ־דערע באַהאַלטענע טייערע חפצים, מיט וואָס דער עולם האָט זיך געיאָגט דורכצוקומען וואָס גיכער די גרענעץ, פֿאַנטאַזירנדיק אַז אויף יענער זייט וועט מען פֿאַרט לייכטער אָפּאָטעמען... דערווייל אָבער, האָט מען זיך געשלעפּט ציטערנדיק פון שרעק און אומרויִקייט און איז ווער גיכער אַוועקגעפאָרן, האָט מען האַסטיק אונטערגעטריבן דעם פורמאַן גאַלאָפּירנדיק און אונטעריאָגנדיק די פערד מיט אימה און פחד... אַלץ האָט געשוויגן און דעם אָטעם איינגעהאַלטן, אפילו די קינדער האָבן זיך איינגעטוליעט אומבאַוווּסטזיניק און קיין פּיפּסל נישט געגעבן... און איך האָב געוואַנדערט מיט אַלעמען און ווייט פון אַלעמען בערים וחוסר כול...

טעג, מעת־לעתן און וואָכן גאַנצע האָב איך געשפּאַנט לייכט, אָן געפּעק, אין דער ריכטונג מיט דער באַן־ליניע צווישן

די גרויסע לאַנגע צענדליקער וועלדער פון ווייס-רוסלאַנד, איבער דער טויט-שטילער אומבאַוווינטער און מענטשן-פאַרלאָזטער געגנט ווו נישט איינמאָל איז מיר אויסגעקומען איבערצוגעכטיקן אין אַ פוסטער פאַרלאָזטער וועכטער-בודקע, ערגעץ ביי אַ צעבראָכענעם וועג-ווייזער, וואָס איז דאָ איבערגעבליבן ווי אַ סימן, אַז נישט איינמאָל האָט עס אָפּגעהאַלטן פון אַן אומגליקס-צופאַל ביי די פאַרביילויפנדיקע באַן-צוגן... ווי געשמאַק און וואַרעם האָב איך מיך דאָ אָפּט אויסגעשלאָפן און אויסגערוט פונם ווייטן מידן וועג... אָפּטרעטנדיק פון צייט צו צייט אין די זייטיקע דערפער אַרום, אַבי אַ שטיקל ברויט זיך צו פאַרשאַפן...

צוקומענדיק צו די גרויסע צעבראָכענע בריק איבער דער דווינע האָב איך אַ קלער געטון: — אַ נו... איז נישט בעסער אפשר אַריינצוּשליידערן זיך אין די וואַסערן — און אַ סוף!... אַ סוף צו מיינע אַרומוואָגלענישן... זאָלן די רוישנדיקע וואַסער-כוואַליעס מיך טראָגן און פאַרשלעפּן אַוועק, ערגעץ אין דער אומענדלעכקייט אַריין. — — —

אָבער —

עס האָט געעגבערט עפּעס טיף, טיף אינם מוח — עס איז דאָך אינטערעסאַנט צו לעבן און צו זען, וואָס וועט אַרויסקומען ווייטער פון מיין בלאָנדזשען...

גייענדיק אַזוי קאַלט-בלוטיק און גלייכגילטיק אויף דער פּול-באַשנייטער, ווייסער, פאַרפרוירענער, האַרטער, טרוקענער ערד, ווו עס האָט זיך בלויז באַמערקט דער איינאַוּנאיינציקער מענטשלעכער טריט-צייכן, וואָס מיינע פיס האָבן איבערגעלאָזט, איינשניידנדיק זיך מיט טיפע שניט אינם פוכיקן ווייסן שניי... ווו נישט ווו האָבן זיך געוואַלגערט אומגעוואָרפענע טעלעגראַפן-סלופּעס, וואָס האָבן איצט שטים געשוויגן, נישט לאָזנדיק פון זיך הערן זייער אַמאָליקן געברום, ווי אין די רויקע פרידלעכע צייטן... ווו נישט ווו האָט אַרויסגעשטעקט פון אונטערן שניי אַ געפּגרט ליגנדיק פערד, וואָס זיין ריח האָט זיך כאָטש אין דער שאַרפקייט פונם ווינטערדיקן קאַלטן וועטער געשפּירט אויף וויאָרסטן... און ביי די זייטן האָבן זיך פון צייט צו צייט גע-

ווײַזן אויסגעקרימטע צלמים איבער די ברידער־קברים פֿון די געפֿאַלענע נאַציאָנאַלע העלדן אין דער וועלט־מלחמה... שפּרײַזנדיק דורך די טיפֿע ליטווישע געדיכטע וועלדער, האָט מיך ווי אַרומגענומען אַ טיפֿע שטילקייט... עפּעס האָט זיך געדאַכט, אַז מער קיין וועלט עקזיסטירט נישט אינגאַנצן... האַסטיק האָט זיך אין דער שטילקייט דאָס האַרץ באַוויגן און דער אָטעם האָט באַגלייט צום טאַקט דאָס קלאַפּן פֿונם דופֿק... ווי אַ זייגער עפּעס אין אַ מרה־שחורהדיקער שלאָפֿלאָזער נאַכט, האָבן די טריט מײַנע הילכיק באַגלייט דעם טיק־טאַק פֿונם ווײַטן עכאָ... אַ זייער דין שטיל שטימעלע פֿון אַ פֿייגעלע ערגעץ אַ פֿאַרוואָגלטס, ווי דער אָפּקלאַנג פֿון אַ זילבערנע, דינע ציטערנדיק׳ער רוט, וואָס פֿאַלט אויף עפּעס קלינגלדיקס, האָט זיך געצויגן דער וואָס אַמאָל אַלץ נידעריקער טאָן...

טיק־טאַק, טיק־טאַק, טיק־טאַק... אַ מאָל העכער אַ ביסל, אַ מאָל פֿיינער, און כּסדר רויק, געמיטלעך און לאַנגזאַם, איבער־חזרנדיק זיך אין די אויערן ווייך און געהיימני־ספֿול, לייגנדיק זיך מיט געשמאַק אויפֿן געמיט... עפּעס האָט זיך געדאַכטן, ווי אַ געטלעך ווידער־קול רעדט און ווינקט צו מיר אַזוי צאַרט, איידל און מאָנט... איך אָבער, איינער אַליין מיט מײַן קליינער מענטשלעכער השגה, האָב די שטומע שפּראַך נישט פֿאַרשטאַנען, כאָטש איך האָב זיך פֿאָרגעשטעלט אין מײַן פֿאַנטאַזיע, אַז דאָס רעדט צו מיר עפּעס העכערס, אַלוועלטלעכס, וואָס ווײַזט מיר און לערנט מיך מײַן ריכטליניע, אויף וואָס פֿאַר אַן אופֿן צו לעבן ווײַטער אין דער צוקונפֿט.

דאָס גייַן כּסדר פֿון פֿרימאָרגן ביזן אָוונט, איז סוף־כּל־סוף מיר געוואָרן איבערדריסיק און דאָך האָט מען געמוזט ווײַטער שפּאַנען, ווײַטער גיין, אָן אָפּרו אָן אויפֿהער... עפּעס אַ געהיימע אומנאַטירלעכע פֿרייד האָט מיר אויפֿגעשיינט אין מײַן פֿאַרטעמפּטער גלײַכגילטיקייט—איך גיי צו מײַנע עלטערן, צו באַקאַנטע... עפּעס אומנאַטירלעך אָנגענעם, האָב איך דערפֿילט ביים פֿאַרשטעלן זיך, אַז אָט, אָט, נאָך די אַלע וואָגלענישן און וואַנדערונגען, שפּאַן איך צוריק, צו די פּאַטריאַרכאַלער ערנסט רעליגיעז־געשטימטע סביבה, צו דער פּאָן, די הייליקע „זנאַמיע" פֿון מײַן האַרצן, די

מוטער... דאָס אַהיימקומען, דאָס אויפֿנעמען מיך. עפּעס האָט זיך געוואָלט, אַז שוין, מאָמענטאַל, געשווינט, מיטן פֿאַנטאַזיע־אַעראָפּלאַן, זאָל עס געשען... שוין, זאָל מען זיך האַלדזן, קושן און וויינען... וויינען אָן אויפֿהער...

* * *

קומענדיק צו דער פּוילישער גרענעץ, ווו טויזנטער מענטשן האָבן צוריקגעוואַנדערט צו זיך אין לאַנד אַריין, בין איך ענדלעך אָנגעקומען מיט זיי צו דער סטאַציע לאַפּי. פֿון דאָ אָן, האָט קורסירט אַ נאָרמאַלער באַן־פֿאַרקער ביז וואַרשע.

אַ מידער פֿון וועג, בין איך אַריין אין וואָקזאַל און זיך אַנידערגעלייגט אויף דער האַרטער פּאָדלאָגע, וועלנדיק זיך אָפּרוען. איך זע, ווי עס דרייען זיך אַרום פֿיל פּוילישע זשאַנדאַרמען, וואָס באַקוקן און שטערן אומעטום. יעדן רעמיגראַנט קוקט מען דרייסט אין פּנים אַריין, וועלנדיק אַראָפּלייענען פֿון אים, וואָס פֿאַר אַ פּאָליטישע אַנשויונג יענער האַט.

און אויף מיר האָט זיך גראָד שטאַרק פֿאַרנומען איין זשאַנדאַרם, איך בין אים זייער פֿאַרדעכטיק אויסגעקומען. ער פֿירט מיך אין דער זשאַנדאַמעריע־אַמט אַריין. עס קומט פֿאָר אַ שטרענגע חקירה ודרישה, מ'פּרוּווט פֿון פֿאַרשידענע פֿאָטאָגראַפֿיעס, וואָס איך פֿיר מיט זיך, געוואָר ווערן מיין באַציונג צו די באָלשעוויסטישע פֿירער, וואָס זיי זענען אויף מיינע קאַרטן אָפּפֿאָטאָגראַפֿירט.

איך גיב אַ קוק, רעכטס פֿון מיר עפֿנט זיך אַ טיר, ווו עס געפֿינט זיך אַ נאָרע, די לענג, ווי אַ לאַנגער טיש. נעבן אים שטייט אַ געהיימני ספּולער מענטש, ווי אַ ליימענער גולם, מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט, אין זיין רעכטער האַנט האָט ער געהאַלטן אַ רוט, מיט וועלכע ער פֿלעגט קאַלטבלוטיק שמייסן און געקוקט אויף מיר, וואַרטנדיק אויף אַ באַפֿעל, מיר די באַשטימטע לייב־שמיץ צו דערלאַנגען פֿאַר מיינע פּאָליטישע חטאים.

ער האָט אָבער פּלוצלינג פֿאַרהאַקט די טיר פֿאַר מיינע

אויגן, ווייל מיין גורל איז באַשטימט געוואָרן ניצול צו ווערן פון זיינע הענט; כאָטש פון אויפרעקונג און פאַרצווייפלונג בין איך גרייט געווען אַריינצוגיין צו אים און וואָס ער וואָלט געטון מיט מיר, וואָלט איך געמוזט פאַרליב נעמען, ווי די פיל אַנדערע צענדליקער צוריקוואַנדרער, טעגלעך, וואָס זענען פון זיינע שמיץ נישט אויסגעמיטן געוואָרן.

דער פראָקוראָר האָט זיך ערנסט צוגעהערט צו מיינע רייד, ווו איך שוידער זיך אָפּ פון „גן עדן" פון וועלכן איך קער זיך איצט אַ היים. און די איבריקע בייזיצנדיקע זשאַנדאַרמען „אין ראַט" זענען מיט אים איינשטימיק און איך ווער באפרייט.

איך קער זיך אום אין וואָקזאַל, באַקלערנדיק דאָס גליק, וואָס האָט מיך אויסגעמיטן אינטערנירט צו ווערן אַלס באַלשע-וויק אין אַ לאַגער פון געפאַנגענע האַרט ביי פויזן.

ליגנדיק איינִיקע מינוט, נישט רעכט אַ דזשים טועגדיק, קומט צו מיר צו אַ צווייטער זשאַנדאַרם און אונטער אַ שטרענגע שמירה פון עטלעכע זעלנער מיט ביקסן אין די הענט, ווער איך ווייטער אָפּגעפירט אין זשאַנדאַרם-אַמט.

מען דערקענט מיך דאָרט, דעם אָקאָרשט געוועזענעם, דאָך הייבט זיך אויפסניי אָן אַ פרישער פאַרהער אונטער אַ קרייץ פון שטעכעדיקע מענשלעכע אויגן, וועלכע האָבן פון מיר געוואָלט אַרויסבאַקומען דעם ריכטיקן „אמת" און נישט געגלויבט דאָס וואָס איך זאָג.

לסוף אָבער ווער איך אויך איצט באַפרייט. מ'געפונט נישט קיין חטא ביי מיר.

איך קום צוריק אויף דער באַן-סטאַציע, מענטשן ליגן און כראָפּן געשמאַק. די וואַכנדע פון זיי, קוקן אויף מיר מיט פאַר-דאַכט: ווער בין איך, וואָס מ'פירט מיך שוין דאָס צווייטע מאָל אַוועק און איך קום צוריק? אינדערצייט וואָס אַלע אַנדערע אַוועקפאָרנדיקע ווערן אין אַ קאַרצער איינגעזעצט, ווו צוריק קערן זיי זיך שוין מער נישט אום.

איך ליג צוקאָפּנס מיין ראַקזאַק מיט פאַרשידענע טראַנטעס איז מיין קישן. איך קאָן נישט אַנטשלאָפן ווערן, איך בין וואַך...

די אויגן זענען אָפן. איך געפֿון זיך אין אַ געפּילונגס-שטימונג. וואַרעמע, היימלעכע געדאַנקען לאָזן מיינע אויגן נישט אויף קיין סעקונדע צומאַכן.

— דו! — הער איך אויף פּויליש — שטיי אויף און קום מיט מיר.

עס שטייט ווייטער אַ זשאַנדאַרם אין באַגלייטונג פֿון עטלעכע זעלנער מיט אָנגעלאָדענע ביקסן.

— וואָס איז? ער ליגט זיך גאָר !—שרייט ער אויף מיר און לאַכט פֿון איבעראַשונג, וואָס איך וואַג דאָ צו ליגן און די אויגן אויפצוהאַלטן ווי גאָרנישט.

די ווינטער נאַכט האָט שוין געהאַלטן ביים פֿאַרשווונדן ווערן. די לעצטע פינסטערע כמאַרעס האָבן שוין גענומען צאַנקען, אָט, אָט, ס'הייבט שוין אָן צו טאָגן. און מיטן פֿאַרגיין פֿון די נאַכט, ווען דער פרימאָרגן האָט זיך שוין באַלד באַוויזן האָבן פֿאָרט מיינע אויגן געוואָלט שלאָפן עטלעכע מינוט, און דאָ מוז איך זיך ווייטער אויפהייבן און גיין אונטער אַ שמירה צוריק אין דער זשאַנדאַמעריע אויף אַן אויספֿאָרשונג.

איך קום אַריין. אין אָנהייב אָריענטירט זיך שלעכט איינער אין צווייטן. מ'פֿרעגט דעם זשאַנדאַרם וואָס האָט מיך אַהערגעבראַכט, פֿאַרוואָס ברענגט מען מיך אַ דריט מאָל אַהער, אינדערצייט ווען די באַן גייט שוין אין אַ שעה אַרום אָפּ נאָך וואַרשע. און מען האָט מיך באַלוינט מיט אַן אומזיסטן בילעט.

אויף דער פֿראַגע, פֿאַרוואָס צי איך אַזוי די אויפֿמערקזאַמ-קייט, דאָס יעדע שעה ברענגט מען מיך צוריק אהער, פֿאַרענט-פֿערט זיך דער זשאַנדאַרם אין אַ חוזק טאָן, מיט אַ עפּיזאָד, וואָס ער האָט געהאַט: איינמאָל, פֿאָרנדיק אין באַן צווישן אַ פֿול געפּאַקטן, העל באַלויכטענעם וואַגאָן פֿון לויטער מאַנסלייט, זענען געזעסן צוויי פֿרויען: איינע פֿון זיי, אַ יונגע, שלאַנקע ברונעטקע מיט אַ פּאָר שוואַרצע גליענדיקע אויגן, וואָס זייער ליכטיקייט און שאַרפֿקייט האָט ווי מיט אַ פֿלאַקער אַלעמענס אויגן צוגעצויגן צו זיך.

אַלע מאַנסלייט זענען אָנמעכטיק געבליבן, דורך זייערע בליקן, וואָס האָבן זיך נישט געקאָנט אָפּרייסן פֿון איר. און שוואַך

חי די פליגן האָבן זיך דאָ אין וואַגאָן געפּוּגען אַלע מאַנסלייט.

— דער יינגערמאַן -- האָט ער אָנגעוויזן אויף מיר — האָט אויסנאַמווייז פון אַלע אַנדערע אין וואָקזאַל, געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון מיר, ווייל זיינע אויגן האָבן גערעדט... זייער גלאַנץ האָבן מיך איבעראַשט. און ווען אויגן רעדן מוז מען די דינסט-פליכט דערפילן און וויסן וואָס זיי האָבן צו זאָגן...

גלייך פון דאַנען, בין איך אַ באַפרייטער אַוועק צו דער באַן, ווו איך האָב זיך אריינגעזעצט אין אַ פּולגעפּאַקטן וואַגאָן מיט מענטשן, געפילט זיך באַרויקט, אַ חוץ וואָס דאָס כסדרדיקע מאָנאָטאָנע קלאַפּן פון דער באַן האָט מיר צערייצט די נערוון.

עפּעס האָבן זיך די וואַגאָנען געשלעפּט צו לאַנגזאַם, צו פאַמעלעך... מיר האָט זיך עפּעס געדאַכט, אַז זי שטערט מיר די האַרמאָניע צו פאַנטאַזירן געשווינטער... מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די באַן קריכט צו געלאַסן, און צומאָל נישט ווי אַ פּאַסאַזשיר-צוג... מיר האָט זיך געוואָלט מאָמענטאַל, אָט אַזוי ווי איך שטיי און גיי, שוין זיין אינדערהיים...

ווי דאָס רעאַלע באַרויקט דאָס האַרץ, אַזוי זענען אָנגעקומען די אומגעדולדיקע מינוטן, ווען דער צוג האָט זיך אָוועקגעשטעלט מיט אַ פייף און אַ קלונג, און מיט אַ לייכט געמיט, פילנדיק זיך גרינג ווי אַ פויגעלע, בין איך אַרויסגעשפרונגען פון צוג און געלאָזט זיך אין שטאָט אַריין, צו זיך אַהיים.

*　　*

*

גייענדיק אויף די טרעפּ, דערנענטערנדיק זיך צו דער טיר פון דער אייגענער דירה, בין איך ווי באַרוישט געוואָרן פון שיכורן-צושטאַנד. דאָס בלוט האָט מיר האַסטיק אַ זעץ געטון אין קאָפּ אַריין... ציטערנדיק, ווי אין אַ פיבער-צושטאַנד, האָב איך אַ קלאַפּ געטון אין טיר און, ווי פאַרשטיינערט, געבליבן אויפן אָרט...

— ווער איז — האָט דעם טאַטנס קול זיך אָפּגערופן.

אין שטוב איז געווען פינסטער. די ליכט זענען שוין געהאַט אויסגעגאַנגען — ס׳איז גראָד געווען שבת.

און איך האָב געצאַפּלט ווי אַ פיש, וואָס מען נעמט פון וואַסער אַרויס. עפּעס ווילט זיך אַזוי זען דאָס פּנים פון דער מאַמען, אַזוי פיל יאָרן, זי נישט געזען... אין האַרצן טרייסלט עפּעס און אַ בענקשאַפט נאַגט. איך בין טיף גערירט פון אירע וואַרעמע, צערטלעכע בריוולעך, וואָס זי האָט מיר געשיקט.

עפּעס ווילט זיך אויסשרייען: אַ ליכט! אַ ליכט אָנצונדן!... אָבער — שבת, מען טאָר נישט!

און ליגנדיק אונטער דער קאָלדרע, ווי אַ געבונדן קאַלב, מיט אָפענע אויסגעשטאַרצטע אויגן אינם אַרומיקן חושך, האָב איך געפּרוווט מיר פאָרשטעלן און דייטלעך אָנטפּלעקן אַלץ, וואָס עס איז פאַר מיר נאָך געווען דאָ פאַרהוילט. — — —

נישט קאָנענדיק ווערן אַנטשלאָפן, איז מיר אַ קאַלטקייט אַדורך איבערן לייב... מיין אויפנעם, לויט דער פאַנטאַזיע, האָט נישט געשטימט אינגאַנצן מיט דער קלאָרערווירקלעכקייט...

צומאָרגנס, און דערנאָך, וואָס שפּעטער, באַמערק איך, דאָס יעדער באַזונדער, האָט מיך עפּעס טיף אָנגעקוקט, ווי וועלנדיק וויסן, וויפל געלט איך האָב מיטגעבראַכט פון דאָרטן, פון וואַנען מענטשן זענען אַראָפּגעקומען באַגליקטע און באַגילדטע. געוואָר ווערנדיק מיין אמתן מצב, האָבן זיך אַלע אומבאַמערקטערהייט אָוועקגעשאַרט, און מיך איבערגעלאָזט אַן איינזאַמען און פאַרכמורעטן...

— וווּ איז דאָס געלט ? — האָט יעדנס בליק שטום געפרעגט, מיך דורכנעמענדיק ביזן מאַרך ווי אַ זשאַנדאַרם.

— מען האָט עס ביי מיר צוגענומען — פּרוון איך מיך כּלומרשט קאַלט פאַרענטפערן.

— אַ שוטה! — ציט מען אויף מיר מיט די אַקסלען — געקומען גאָר מיט די ליידיקע הענט!

* *

*

אַרייַנפאָרנדיק אין מיין געבורט-שטעטל, אין מיין באַליבטן, ראָמאַנטישן און אינטערעסאַנטן שטעטל טורעק, ווו יעדער האָט שוין געוווּסט פון מיין אַהיים קומען, האָבן מיך אַלע אויפגענומען וואַרעם און האַרציק. דערוויסנדיק זיך אָבער, אַז מיינע טאַשן זענען פוסט, האָט יעדער מיט מיר גענומען אייַנטעגהן אויף זיין באַזונדער שטייגער:

— סטייטש... וואָס שייך ?... געווען אין געפאַנגענשאַפט, אין רוסלאַנד, אין איצטיקן רוסלאַנד... און לסוף געקומען אָן געלט!... — האָט מען אויף מיר געקוקט מיט אַ קרומע מינע און זיך אָפגעקערט פון מיר ווי פון אַ לא-יצלח. דער און יענער האָט מיטגעבראַכט אוצרות... געמאַכט אַ לעבן... און דו?!

פאַרלירנדיק אַזוי אַרום דעם חן ביי אַלעמען האָב איך מיר געטראַכט :

...ווען קאָן מען עס געבן צו פאַרשטיין, וואָס אַזעלכס די מלחמה האָט פון מיר געמאַכט.

וואָס בין איך דען באמת? פאַר וועמען איז דען פאַראַן צו אַנטפּלעקן מיין נשמה?... בעסער באַגראָבן צו ווערן מיט מיינע באַשיידענע געדאַנקען, איידער צו עפענען פאַר וועמען עס איז, מיינע טיפע ווייטאָקן און יסורים.

און דערנאָך, זיצנדיק אַלס שמוגלער אין די שלעפּ-צוגן, ס'רוב צווישן קריסטלעכע מיטרייזנדער, ערגעץ אויף וועמענס אַ פּעקל מעל, האָב איך ערנסט און שטום זיך צוגעהערט צו די זידלערייען און קללות, צו די פאַרשידענע טענות-ומענות אויף די יידן, פון די כלערליי שמוגלערס פון די קליינע שטעטלעך און גרויסע שטעט, וועלכע האָבן געפירט עסנוואַרג פאַר די גראָב-בייכיקע מענטשן — און געפילט ביי מיר, ווי איך גופא ווער געטראָטן פון אַלעמען ווי אַ „טשוטשעלע”... אויף וואָס מען האָט זיך אַמאָל געלערנט שטעכן מיט די באַגנעטן, ביים רוסישן מילי-טער. וואָס איינער וויל, שאַפט ער מיט מיר, און איך מוז שווייגן...

און איך האָב מיר פאָרגענומען צו געפונען אַ טרייסט אין

די עטלעכע בלעטער, וואָס איך וועל פון צייט צו צייט אָנשרייבן, פאַרנאָטירן פאַר זיך, פאַר מיין „איך“.

זיי וועלן לייכטער מיר מאַכן מיין האַרץ, און מיך גרינגער לאָזן אָפּעטעמען אין דער שווערער עפּאָכע, אין וועלכער איך טרעט אַריין...

# וואס די פרעסע האט וועגן
# דעם בוך געשריבן

. . . ה׳ היישריק איז א פיינער באָבאַכטער און צייטנווייז אויך אַנאַליטיקער. זיינע איבערלעבונגען אין דער מלחמה און אין געפענקעניש האָבן אים אויסגעלערנט צו דערקענען וועלט און מענטשן ווי געהעריק איז און דערביי דאָס וווּנדערבאַרע: די האַרטסטע און די שרעקלעכסטעווירקלעכקייט האָט נישט אָפּגעטויט אין אים דעם טרוימער און דעם גלויבער. ער זעט אַמקלאָרסטן, וואָס עס איז דאָ און דערביי פאַרגעסט ער אויף קיין איין מינוט נישט דאָס, וואָס עס דאַרף זיין, ווייל ער דער מחבר, האָט אַזאַ הויכע און ריינע פאָרשטעלונג פון דעם וואָס עס האָט באַדאַרפט זיין, רעדט ער מיט אַזאַ שטאַרקער פאַרביטערונג וועגן דעם וואָס איז דאָ איצט.

**הלל צייטלין**

„מאָמענט“ 109 №, 1924.

. . . קוקט מען אָבער אויף דעם אַלעם נישט און מען נעמט לייענען דאָס בוך קאָן מען זיך פון אים נישט אָפּרייסן. דאָס בוך ציט אייך צו מיט זייז אויסערגעוויינלעכער אמתדיקייט און פשטות, מיט דער קלאָרער און אויפריכטיקער שילדערונג פון די שווערסטע און שרעקלעכסטע מלחמה־איבערלעבונגען. מען דאַרף דורכויס זיין קינסטלעריש באַגאַבט אום אַזוי צו זעהן ערשיינונגען ווי עס זעט זיי ה׳ היישריק, און מען דאַרף דורכויס זיין אינערלעך ריין און ערלעך ווי ער, אום צו רעאַגירן אויף זיי. ס׳איז אויך דאָ זייער פיל באַאָבאַכטונג, שטאַרקייט פון עמפינדונג און דער עיקר — אמת פון לעבן.

**הלל צייטלין**

„מאָמענט“ 120, № 1928.

. . . אַט דער ספר איז געשריבן געוואָרן דורך אָן ערלעבן מענטשן, נישט צוליב פאַרגעניגן נאָר אויס שטאַרקע יסורים.

דאָ גייט אויף אַ קול פון צווישן די בערגלעך הרוגים פון דער וועלט מלחמה, דער ווי-געשריי פון מענטשן-שאָף, וואָס איז געבונדן געוואָרן צו שחיטה, נישט ווילנדיק פאַרוואָס און צוליב וואָס און דאָס צאַפּלעניש פון אָן אַנגעווייטאָקטער נשמה, וואָס רופט צום לעבעדיקן גאָט און גיסט אויס דאָס האַרץ פאַר יעדערן, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן בצלם אלקים.

ווער עס וועט זיך אַריינטראַכטן אין אָט דעם מענטשלעכן ווידוי, וועט אין אים געפונען אַ ניצוץ פון יענע ווידויים, וואָס געהערען צו די ערלעכסטע מענטשן אין אַלע צייטן, וואָס האָבן נישט געקאָנט אין קיין אופן און אין קיין פאָרם שלום מאַכן מיט קיין שלעכטס און מיט קיין גזילה און נישט קאָנענדיק געפונען קיין טרייסט אויף דער שוואַרצער ערד, האָבן זיי אויפגעהויבן זייערע אויגן און זייערע הענט צום הימל.

**א. שטיינמאַן**

„קולטור" חוברת ד׳ 1924.

. . . ווי זאָגט שלום-עליכם: „צי וואָס ראָמאַנען, ווען דאָס לעבן אַליין איז אַ ראָמאַן"? ווען מיר זאָלן האָבן די מעגלעכקייט צו קענען געוני דאָס לעבן פון יעדן באַזונדערן מענטשן, וואָלטן מיר אַ סך מאָל אויפגעציטערט פון די פאַרשידענע טיפע טראַגעדיעס, וועלכע ס׳איבערלעבט אַזאַ פשוטער מענטש אין טאָגטעגלעכן לעבן?

היישריק באַשרייבט נאָר די איינדרוקן, וואָס די מ״חמה האָט אויף אים, אַ פשוטן יידן, איבערגעלאָזן. ער טוט דאָס איינפאַך און פשוט און טראַצדעם, אָדער אפשר גאָר טאַקע איבער דעם, מאַכן אויף אונדז מאַנכע זייטלעך אַזאַ איינדרוק. די גאַנצע שיינקייט ליגט נאָר אין דעם פשוטן, אָבער דערפאַר טיף-מענטשלעכן אופן פון באַשרייבן די שרעקלעכע יאָרן.

**ש. ווינטער**

ווילנער „טאָג" № 204, 1927.

. . . קאָן איינער לאָזן אָפּשטאַרבן אין זיך זיין אייגענעם איך. אויך ווערן איינער פון דער גאַנצער סטאַדע, שלום מאַכן מיט דער אָרימקייט, דער קאָן זיך נאָך ווי עס איז נוצלעך מאַכן און טיילמאָל נאָך אפילו האָבן א פערזענלעכן נוצן פון דידאָזי-קע איבערקערענישן. קאָן עס אָבער היישריק נישט און קאָן נישט אַריינפאַלן אין א קעלבערנע התלהבות און שרייען: הוראַ! דאָרט ווי אַלע שרייען, איז ער טאַקע שטענדיק דער באַעוולטער, דער וואָס בלייבט אונטערשטעליק און ממילא דער פּאַראַיינזאַמטער. דאָסדאָזיקע בוך „אין פייער און בלוט" אַדורכגעזאַפּט מיט די טראַגעדיע פון יחיד, ווייזט עס. ער וויל זיך אויסלעבן מיט זיך, מיט זיין אייגענער פיזיאָנאָמיע און ווערט דערפאַר פון אַלע געטרעטן מיט די פיס. היישריק געהערט צו דעם סאָרט שרייבער, וואָס שרייבן ווייל זיי מוזן, ער האָט נישט קיין אַנדערע. עצה: „וואָס איינער וויל שאַפט ער מיט מיר, און איך מוז שווייגן... און איך האָב מיר פאָרגענומען צו געפינען א טרייסט אין די עטלעכע בלעטער, וואָס איך וועל פון צייט צו צייט אָנשרייבן, פאַרנאָטירן פאַר זיך פאַר מיין איך" ז' 278. דאָס לעבן האָט היישריקן אַרויסגעשטעלט א גרויסע רויטע צונג, אַנטלויפט ער דערפון צו זיך, צו זיין אייגן ווינקל און מיט ווייטיק, ווי איינער וואָס שלינגט ביטערע פילן, גיט ער אונדז איבער רויע שטיקער איבערלעבינג אָן יעדע דעקאָראַציע, אָן יעדע פאַרפּיצונג. ווי קאָן מען מאַכן חנדלעך ווען עס טוט וויי? ווי קאָן מען זיך צאַצקען מיט מען פילט אונטער די פלייצעס דעם ביטערן גורל וואָס וואַרפט אומברחמנותדיק, ווי אין כּף-הקלע, פון איין אומגליק צום צווייטן! שרייט ער אויס פאַר אונדז זיין ווייטיק און נישט מיט מליצות, ווי מען איז ליידער לעצטנס ביי אונדז געוווינט, נאָר פשוט מיט א שטילע האַרציקייט. וואָס גייט טיילמאָל איבער אין ליריזם. אין אָט די פשוטע ערלעכע ווערטער ערשיטערן, מיר פילען אונטער זיי א לעבעדיק מענטשלעך האַרץ, וואָס ליידט און ראַנגלט זיך, צו באַפרייען פון דעם ביטערן גורל, וואָס הענגט איבער זיינע פלייצעס.

„אונדזער האָפענונג" № 27, 1928. — מ. ב. שטיין

. . . עס איז דער ביטערער געשריי, וואָס גייט אַרויס פון די אַלע פיר טײלן פון דעם ווידוי פון איינעם, וואָס האָט די אַלע גרויזאַמקייטן אַליין מיטגעמאַכט, און אָרעמע לעפצן־תּפילה פאַר גאָט פון איינעם, וואָס האָט אַליין געזען, ווי: „אַ ברייט פול באַדעקט שטיק ערד מיט קברים, האָט זיך געבלעזלט ווי פון כּעס און רחמנות”... ווי: „איבערגעלאָזטע שווער־פאַרווונדעטע אויפן אייג־זאַמען פעלד ליגן מיט אויפגעהויבענע אויגן צום הימל אין דער לעצטער מינוט צווישן לעבן און טויט”, ווי קראַנקע מענער און טאַטעס פון קינדער בענקען פון דער געפאַנגענשאַפט אַרויס צו זייערע ווייטע היימען און „עפענען פלוצים די אויגן אויף זייער, זייער ברייט און מאַכן זיי שוין צו צום לעצטן מאָל און אויף אייביק...” און דער מענטש, וואָס האָט דאָס געזען, — איז דאָס בלוט אין אים משוגע געוואָרן, דער מוח איז אים איבערגעקערט געוואָרן, פּונקט ווי אַ סך אַנדערע פון זיינע חברים, וואָס מען האָט זיי אָוועקגעשיקט אין די משוגעים־הייזער — און ער איז געלאָפן צו גאָט זיך ראַטעווען און — ביי זיין שטילן טאָג־בוך.

און אפשר פון דאַנען שטאַמט דאָס וואַרעמע געפיל, וואָס נעמט אַרום טראָץ דער גאַנצער גרויזאַמקייט פון די שילדערונ־גען — דאָס גאַנצע בוך. דאָסדאָזיקע געפיל מאַכט די סצענעס ווייכער מילדער, און דערפאַר איז זיין טרויער נאָך טיפער, איידעלער, ווייטיקלעכער. דער טרויער דערגייט אָפט ביז צו אַ טיפן דערשטיקטן ווײ, וואָס שרייט אַרויס פון די צענדליקער בלעטלעך.

## מ. אָל־עי

„ליטעראַרישע בלעטער” 12 №, 1928.

. . . וואָס מער די בלוטיקע תּקופה פון דער וועלט־מלחמה פאַרזינקט אין תּהום פון עבר, דערווייטערט זיך פון אויפוואַקסנ־דיקן דור, אַלץ מער „זעצן” זיך אָפּ — אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקן — די איבערלעבונגען אין זכרון פון די, וועלכע האָבן אַלע גרוילן פון דער דערמאָנטער תּקופה מיטגעמאַכט. די מער־הייט מענטשן פאַרגעסן, אָדער האָבן שוין פאַרגעסן דאָס איבער־געלעבטע און אויב נישט, האָבן זיי סתּם נישט קיין מעגלעכקייט

זייערע איבערלעבונגען צו פאַרקערפּערן אויף אַזאַ אופן, וואָס זאָל עס איבערגעבן פאַר די קומענדיקע דורות.

דעריבער איז אונדז אינטערעסאַנט דאָס דערשיינען פון היישריקס בוך „אין פייער און בלוט" איבערלעבונגען פון אַ פּשוטן אומבאַקאַנטן זעלנער, איינער פון דער רוסישער אַרמיי מיט געוואַלט פאַרשקלאַפטע מענטשן-קינדער, וועלכע זענען פון נאָרמאַלן לעבן אָפּגעריסן געוואָרן און פאַרמשפּט צו אייביקע אומדערטרעגלעכע ליידן.

דער פאַרדינסט פון בוך איז נאָך דאָס, וואָס פון די מיליאָנען אַנדערע, וואָס האָבן ווי ער מיטגעמאַכט דאָס בלוט-באָד פון די מלחמה-יאָרן האָט ער מיט זיינע געלונגענע שילדערונגען דערפירט צו קאָנען בילדלעך כאַראַקטעריזירן דאָס מלחמה-לעבן אַלס אַ כלל-דערשיינונג.

**א. בעקערמאַן.**

בוענאָס-איירעס, „די פּרעסע" 26 №, 1928: